STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05672

DI HAYDUKN

Panait Istrati

Permanent preservation of this book was made possible
by David Schlossberg
in honor of
Ms. Michelle Silverman on her college graduation

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

פּאַנאַיט איסטראַטי

די דערציילונגען פון אַדריאַן זאָגראַפי

די הײדוקן

אויטאָריזירטע איבערזעצונג

פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי

וואַרשע 1930

PRINTED IN POLAND

Panait Istrati — „Di Hajdukn"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

צענטער
ביבליאטעק

אינהאַלט:

דער פינסטערער טאָל	7
די דערציילונג פון פלאָרעאַ קאַדריילאָר	10
עליע דער חכם	59
די דערציילונג פון עליע דעם חכם	60
ספּילקאַ דער מאָנאַך	90
די דערציילונג פון ספּילקאַ דעם מאָנאַך	92
מאָווילאַ דער וואַטאַף	124
די דערציילונג פון מאָווילאַ דעם וואַטאַף	126
ירמיהו, דער זון פון וואַלד	143
ירמיהוס דערציילונג	145
אַ היידוק	152
דעם היידוקס תשובה	153

דער פינסטערער טאָל

„איצט לאָמיר זיך נעמען צו די היידוקן, אַדריאַן״ — האָט ירמיהו געזאָגט. צוערשט, פלאָריטשיקאַ, אונדזער אָנפירער, וועלכע האָט אָוועקגעוואָרפן איר פאַרקלענער-נאָמען און זיך אַ נאָמען געגעבן, כדי צו דערהייבן איר פרויען-חשיבות:

פלאָרעאַ קאָדרילאָר *)

אַטאַמאַן פון די היידוקן

איר ווילט אַרויפלייגן אויף מיינע ווייבערשע אַקסלען די משא פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויף מיין קאָפּ די משא פון פאַרלוסט. איך נעם אָן דאָס ערשטע און דאָס צווייטע... צו דעם צוועק דאַרפן מיר זיך אָבער קענען: איר וועט מיר זאָגן, ווער איר זענט. און איך וועל אייך די ערשטע זאָגן, ווער איך בין...

אַ לאַנגע צייט האָט זי געשוויגן און מיט אַ פאַרזאָרגטן אויסזען שפּאַצירט אַהין און צוריק.

דאָס האָט פּאַסירט אין זעקס וואָכן אַרום נאָך קאָסמאַס טויט, אויפן צווייטן טאָג נאָך אונדזער אָנקום אין פינסטערן טאָל. אין דעמדאָזיקן פאַרנעפּלטן אָקטאָבער-פרימאָרגן, זענען די ווערטער פון אַטאַמאַן געפאַלן שווער, שווער, ווי דאָס פאַלן

*) אַ וואַלד-בלום.

תון קאָסמאַן אַליין, שווער, ווי דאָס אָפּטיילן זיך פון זיין געלבער באַנדע מיטן וואַטאַף*) בראש, — הויפּטזעכלעך שווער, ווי אונדזער איינזאַמקייט צווישן די הויכע אומבאַקאַנטע, אָפּגעזונדערטע בערג.

פערצן מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעוויילט אַ נ ײ ל ע ב ן, זענען געלעגן איינגעהילט אין זייערע פעלצן, צווישן כלי-זין און פאַרשידענע צעוואָרפענע זאַכן, בעת די פערד האָבן זיך פריי געפּאַשעט, מיט אַ גליקלעכער חיהשער רויקייט. דער גענעראַל-שטאַב, צוזאַמענגעשטעלט פון ס פּ י ל ק ע ן, דעם סודות-פולן מאַנאַך, פון מ אָ ו י ל ע ן, דעם נייעם וואַטאַף, פון עליען און מיך, האָט געדאַרפט אָננעמען אַ באַשלוס בנוגע דאָסדאָזיקע „ניי לעבן”. אָבער די אומגעריכטע, אומדערוואַרטעטע פּאָדערונג פון אונדזער אַטאַמאַן האָט אונדז צעחושט. אַכטאונצוואַנציק פּאָר אויגן האָבן זיך אָנגעצילט אויף דער פרוי מיט אַ פעסטן האַרץ, רייך מיט איבערלעבונגען און פול מיט איניציאַטיוו.

אויפן קאָפּ אַ קאַשמירענער טורבאַן, אַ פוקסענע שובע אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען און זייער באַוועגלעך אין אירע ברייטע הויזן, האָט זי פיבערהאַפט אַרומגעשפּרייזט אין דער ב ע ר ן - מ ע ר ה, וועלכע מיר האָבן נעכטן באַהערשט — אונדזער ווינטער-וווינונג. דער וואַטאַף האָט זיך אויפגעהייבן און אַוועקגעשטעלט דעם ט ש ע אַ א ו ן, כדי צוצוגרייטן קאַווע אויף טערקיש — אַ לוקסוס, וואָס פלאָרעאַ האָט איינגעפירט. זי האָט עס באַטראַכט ווי אַ נויטווענדיקייט אינם לעבן, אפילו אין אַ ווילד-לעבן.

כדי אויפצוזאַמלען אירע געדאַנקען, און אפשר כדי אונדז צו געבן די מעגלעכקייט אויפצוזאַמלען אונדזערע געדאַנקען, האָט זי געשוויגן, שפּאַצירט און מיט אַן אומבאַשטימטן בליק באַטראַכט דאָ איר קליינע באַנדע און דאָ דעם טאָל, פאַרזונקען אין נעפל. איר לאַנג פנים איז געווען עטוואָס בלאַס,

*) אַ מין אינטענדאַנט

אירע אויגן אַרומגעזוימט, און אירע ליפּן, ענלעך צו צוויי גלייכע יאַגדעס, זענען געווען צעפּלאַצט. די מענער האָבן אויף איר די גאַנצע צייט געקוקט מיט אומרויקייט און גלייכצייטיק מיט דרך-ארץ. ס'האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז דידאָזיקע קאָס-מאָס ירושה איז פול מיט סוד און נאָכמער מיט איידלקייט. מען האָט געוווּסט, אַז זי האָט אַ סך אַרומגעוואַנדערט, האָט גוט געקענט איר לאַנד און אַז די הענקער פון דעמדאָזיקן לאַנד האָט זי געמאָלדן אַ גערעכטיקע מלחמה אויף לעבן און טויט!

דאָס איז געפעלן געוואָרן די דרייסטע חברה-לייט. אָבער זי איז דאָך אַ פרוי! אמת טאַקע, זי איז אַ פרוי אין הויזן, אָבער אַ פרוי! חוצדעם, איז זי זייער שיין. צוואָס טויג איר די שיינקייט צווישן דידאָזיקע בערן-בערג? אמת איז אויך דאָס, אַז נאָך קאָסמאָס טויט האָט קיינער בעסער נישט געקענט רייטן אויף זיין פערד, קיינער האָט בעסער נישט געקענט איבער-טראָגן אָפּגעמאַטערטקייט, דחקות, און קיינער איז נישט געווען מער פון איר דרייסט אויף באַשלוסן. פאַרן טויטן קערפּער פון איר איינציקן געליבטן האָט זי געמאָלדן:

„פון איצט אָן וועל איך זיין: פלאָרעאַ קאָדרילאָר, די געליבטע פון וואַלד, דער פריינט פונם פרייען מענטש, דער שופט איבער אומגערעכטיקייט, צוזאַמען מיט אייך".

מאָווילאַ, דער וואַטאַף האָט איר דערלאַנגט אַ פּעלי-דזשאַנקע מיט רויכערדיקן קאַווע און אַ קעסטל טאַבאַק. דערזעענדיק דאָס, האָבן זיך אירע שוואַרצע אויגן אָנגעצונדן. מען האָט פאַר איר צונויפגעשטעלט עפּעס אַ טאַבורעט. זי האָט געטרונקען און גערויכערט. זי האָט איבערגעחזרט איר לעצטע פראַזע:

„איך וועל אייך די ערשטע זאָגן, ווער איך בין"

די דערציילונג פון פלאָרעא קאָדרילאָר

„איך בין אַ כיטרע פרוי, וועלכע קען זיין אויפריכטיק בעת זי וויל און בעת איר פאַרטנער האָט זיך עס פאַרדינט. איך האָב נישט געהאַט קיין טאַטן, דאָס וואָס מען רופט אָן: אַרויסקומען פון בלומען*). מיין מאַמע, פון קינדווייז אָן ביז צום טויט אַ פאַסטושקע, האָט איר גאַנץ לעבן געהאַט צו טאָן מיט פעלדער, מיט ווינטן, מיט איר פלייט, מיט אירע הינט, מיט די שעפסן, וואָס זי האָט געהיט און מיט זייערע קרעץ, וואָס זי האָט פון זיי אויסגעראָטן. חוץ די קרעץ, וואָס זי האָט אָפט געדאַרפט אַרויסעסן פון אירע הענט, האָט איר אַלץ פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ליידער, איז דאָס לעבן נישט געמאַכט ספּעציעל פאַר פאַרגעניגנס. דער אָרעמער פרוי איז באַשערט געווען אַן אומגליק, איין אומגליק בלויז, אָבער דאָס האָט פאַרחושכט איר גאַנץ לעבן: שפּילנדיק זיך, אַלס קליין מיידעלע, האָט זי זיך אויסגעשטאָכן אַן אויג.

געוויינלעך פאַרגעסן מיר אונדזערע קערפּערלעכע חסרונות, הויפּטזעכלעך די, וואָס שטאַמען פון קינדהייט. אָבער ס'איז נישט אַריבער קיין איין טאָג, מיין מאַמע זאָל נישט דערמאָנען וועגן דעמדאָזיקן צופאַל.

זי האָט נישט געוויינט, אָבער קיינמאָל האָט זי שוין מער נישט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן. יאָ, זי האָט פאַרגעסן די

---

*) א ממזר

מענטשן, די מענטשן וואָס האָבן גאָרנישט געוווסט פון איר פיין און נישט וועגן אירע חשבונות מיטן לעבן. זי האָט געזוכט און געפונען איר טרייסט אין די ווענס און אין די זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב שוין פריער גערעדט.

„זי האָט זיך אַזוי געלעבט רויק ביז דרייסיק יאָר. דאָך האָט זי געהאַט אומרויקע מינוטן, דאגות, אויפברויזונגען. כדי זיך אָפּצופרישן איז פאַר מיין מאַמען געווען גענוג אָנצורייבן זיך ווינטער דעם קערפּער מיט שניי. זומער האָט זי זיך גע־קוילערט, ווי אַ קלאָץ, פון אַ גרינעם באַרג־אַראָפּ. אָבער די־דאָזיקע מיטלען האָבן נאָך מער אויפגערייצט איר בלוט. און אָט, איינמאָל, קייקלענדיק זיך, איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אַ פּאַסטוך, און דאָס איז געווען איר רפואה.

„אַ רפואה, אָבער נישט קיין באַרויקונג. ווייל דער טייוול, דער פּאַסטוך, מיט אַ „קאָפּ פון אַן אַסטראַכאַנער באַראַן", האָט געהאַט, פּונקט ווי מיין מאַמע, זיין אומגליק. נישט ווייל ס'האָט אים געפעלט אַן אויג אָדער אַ האַנט; אדרבא, ער איז געווען גאַנץ, צו גאַנץ. אָבער ער מיט זיינע פעיקייטן האָט געדאַרפט זיין אַ באַלעבאָס פון אַ הארעם, בעת ער איז געווען אַ פּשוטער פּאַסטוך. חוצדעם האָט ער געליטן דערפון, וואָס ער איז גע־ווען אַ שווערער מענטש, אַ בעל־גאווה און אַן אויסקלייבער. מיין מאַמע, וועלכע האָט זיך קיינמאָל אין קיינעם נישט גע־נייטיקט, האָט געלעבט אין חברישע באַציונגען מיט דעמדאָ־זיקן חברהמאַן ביז אַ געוויסן אַפּריל־טאָג, און דעמאָלט, צוליב דער שולד פונם אָנגרייפנדיקן פרילינג, האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר דער „איינאויגיקער" אויפן לעבן פון אַ נזיר, וועלכן ער מוז דאָ אָפּקומען. די „איינאויגיקע" האָט, שטריקנדיק, אַ פרעג געטאָן, ווי אַ גוטע חברטע, וועלכע ווייסט אַלע ליבעס פון איר חבר.

— האָסט שוין מער נישט סולאַנען, דעם באַלעגאָלעס טאָכטער?

— יאָ, אָבער זי האָט בויך־ווייטיק...

— און מאַריע, וועלכע האָט דיך אַראָפּגעפירט פון זינען?

— זי קען מער נישט גיין...

— פּרווו, אַלזאָ, מיט קאַטערינען, וועלכע עסט דיך מיט די אויגן.

— זי עסט מיך מיט די אויגן... אָבער זי לאָזט זיך נישט עסן: זי האָט מורא...

— אָבער דו קענסט מסתּם דעם פרעמדן געזאַנג, וואָס זאָגט:

> אַ פרוי איז אַ צווײַג, תּמיד גרייט אויף ליבע,
> און אַ מאַן איז אַ חיה, ווערט לײַכט אויפגערעגט...

...דו דאַרפסט זיך אַלזאָ אויסזוכן אַזויפיל, וויפל דײַן האַרץ גלוסט.

„דער פּאַסטוך איז אין כעס געוואָרן:

— פאַרוואָס בין איך אַ „חיה"? ווײַל איך האָב ליב דאָס, וואָס קיינער האָט נישט פײַנט? וואָס דאַרף מען, אַלזאָ, ליב האָבן? דעם פּרעסער פון אַ העכט? דאָס פעל פון אַ נאָדלער? ווילסטו אפשר איך זאָל שפּאַצירן אַ נאַקעטער צווישן קראָפּיוועס, הויך ביז צו דער גאָמבע? זאָל איך זיך אפשר ווי דו רײַבן מיט שניי? אָדער זאָל איך גאָר ריזיקירן דורכצווּשטעכן זיך מיט אַ שטעקן דעם בויך, קײַקלענדיק זיך באַרג־אַראָפּ ווי דו, וועלכע ריזיקירט מיט גאָרנישט?

„אָט אַזוי איז, ענדלעך, לויט מײַן מאַמעס דערצײלונג, פאַרבײַגעגאַנגען די רירעוודיקע שעה, וועלכע איז אָנגעקומען נאָכן כעס פונם פּאַסטוך מיטן „קאָפּ פון אַן אַסטראַכאַנער באַראַן"; ווײַל דאָס איז געווען די שעה, ווען דער „הימלי־שער גלאָק" האָט אויסגעקלונגען דעם אָנפאַנג פון מײַן לעבן:

— איך בין — האָט מײַן מאַמע דערצײלט — דעמאָלט אַלט געווען דרײַסיק יאָר וויִניקער צוויי וואָכן... איך בין גע־קומען אויף דער וועלט מיט צוויי וואָכן פאַרן טאָג פון הייליקן געאָרג, און מיר זענען פונקט געווען אין דער ערשטער אַפּריל־

וואָך. באַרויקט זיך פון זיין כעס, האָט אַקים לאַנג באַטראַכט מיין פוס און נאָכדעם געזאָגט:

— איך זע, ראַדאַ, אַז דו האָסט אַ פוס פון אַ קאָזע, וועלכע איז, כ׳לעבן, זייער שיין. אפשר וואָלסטו געוועז אַזוי גוט, מיר באַווייזן דיין קני? אויב דיין קני איז אַזוי שיין ווי דיין פוס-קנעכל, וועל איך מיט דיר חתונה האָבן, ראַדאַ!...

„ווען אַקים האָט עס צו מיר געזאָגט, בין איך געזעסן אויף דער ערד און געשטריקט, בעת ער איז געשטאַנען אָנגע־לענט אויף זיין שטעקן. איך האָב אים נישט געקוקט גלייך אין פנים אַריין אפילו דריי מאָל אין די פינף יאָר, נישט אים און נישט אַנדערע נפשות, זינט איך בין בלינד אויף איין אויג. אָבער, בעת איך האָב דערהערט, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבן, אויב מיין קני איז שיין, האָב איך דעמאָלט אויפגעהייבן אויף אים מיין קאָפּ, ווייל איך האָב געמיינט, ער איז משוגע געוואָרן. דעמאָלט האָב איך באַמערקט, אַז אַקים האָט שיינע שוואַרצע וואָנסן און שיינע אויגן פון אַן אויפגעּ רעגטן אָגער. בלויז אַ רגע האָב איך אויף אים געקוקט. דעּ רויף קען מען לאַנג נישט קוקן. אָבער די רגע איז געווען גענוג, איך זאָל זיך באַשליסן אים צו באַווייזן מיין קני, טענהנ־דיק צו זיך אַליין: „איצט, ראַדאַ, מיין טאָכטער, איז אַ סוף צום שנײ און צום קוילערן זיך; איצט וועט זיין עפּעס אַנדערש“. דאָך, פילנדיק זיך באַליידיקט פון מיין אומגליק, האָב איך געּ געזאָגט, כדי אַרויספירן אים פון געדולד:

— אָך, אָרעמער אַקים... ווען דו זאָלסט דאַרפן חתונה האָבן מיט אַלע, וועלכע באַווייזן דיר זייערע קני, וואָלסטו גע־דאַרפט האָבן אַ גאַנצע קאַזאַרמע.

— ראַדאַ, איך שווער דיר, אַז איך וועל מיט דיר חתונה האָבן!... זאָלן די וועלף פאַרצערן מיינע שעפסן, אויב איך וועל מיט דיר נישט חתונה האָבן!...

— דאַרפסט זיך נישט שווערן, אַקים: אַ מאַנסביל מוז אַלץ צוזאָגן, ווייל די פרוי פאָדערט די לבנה, ווי נאָר זי באַ־

ווייזט אים איר קני. אָבער איך בין נישט פון דידאָזיקע פרויען. אָט איז מיין קני, אַקים.

„און איך האָב אים זי אויפגעדעקט, נישט קוקנדיק אַקימען אין פּנים אַריין, און נאָכדעם זיך ווידער גענומען צום שטריקן. דעמאָלט האָט אַקים אַ כאַפּ געטאָן זיין היטל און אַ זעץ געטאָן עס אין דער ערד מיט אַזאַ כּוח, אַז דאָס אומגליקלעכע היטל, צעלעכערט פון ווינט, איז צעפלויגן געוואָרן ווי אַ השתּנה-פּענכער פון אַ חזיר. אין דערזעלבער רגע האָב איך דערפילט, ווי מען האָט מיך אויפגעהייבן, ווי אַ האַרטע הילצערנע האַנט האָט אַרומגעכאַפּט מיין טאַליע. איך האָב זיך געלאָזט טראָגן, אָבער ווי נאָר ער האָט מיך אַנידערגעשטעלט אויף דער ערד, האָב איך געמאַכט פּיס, נישט כּדי אַנטלויפן פון אים, נאָר כּדי אים מער אויפרעגן און דערפירן אים דערצו, ער זאָל פאַרגעסן, אַז איך בין אָן אַן אויג.

„ער האָט דערפון פאַרגעסן און, יאָגנדיק זיך נאָך מיר איבער פעלדער און בערגלעך, נישט קענענדיק מיך כאַפּן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיין שטעקן אין מיינע פיס. איך בין אומגעפאַלן. דאָס הייסט, איך האָב נאָר געוואַרט דערויף: פאַלן צוליב זיין שולד. דער מאַנסביל דאַרף תּמיד אַרויסגיין דער שולדיקער, ווייל אויב מיט זיין פעסטע הילצערנע הענט וואָלט ער נאָך געווען גערעכט אויך, טאָ וואָס וואָלט מיט אונדז פרויען געוואָרן? ווען אַקים וואָלט נישט געווען שולדיק אין יענעם אָוונט, אינם קליינעם אולם-וועלדל — ווען די באַראַנעס האָבן געמעקעט ווי אין אַ מדבר און ביידע אייזלען האָבן, דאַכט זיך, געשטוינט אויף אונדזער לאַנגער אָפּוועזנהייט — וואָס וואָלט איך, אָרעמע ראַדאַ, געטאָן דעם נעכסטן ווינטער מיט פלאָריטשיקען אויף די הענט, מיט בויך-ווייטיק ווי ביי סולטאַנען, דעם באַלעגאָלעס טאָכטער, און נישט קענענדיק מער גיין ווי מאַריע, פון וועלכער אַקים פלעגט אַראָפּ פון זינען?

„אַלזאָ, ער האָט איינער אַליין זיך געמוזט אַן עצה געבן מיט ביידע באַלעבאַטישע סטאַדעס שעפסן, מאַכן קעז, ברענגען טרוקענע האָלץ, צוגרייטן מ אַ מ אַ ל י ג ע און באָרשטש פון פיש,

און אפילו װאַשן דאָס װעש אין ז ע ר*) — אַ מיטל קעגן לײז.

אָבער אינגיכן איז דעם אָרעמען אַקים צוגעגעסן געװאָרן די אַרבעט און דאָס קראַנקע װײב. איך, פון מײן זײט, האָב שױן אױך געהאַט איבערן האַלדז, סײ דאָס בעט, סײ דעם צו שטאַרקן מאַנסביל. אַט דעריבער, האָט ער אין צװײ יאָר אַרום נאָך אונדזער צוזאַמענלעבן, צו מיר אײנמאָל געזאָגט דאָס, װאָס איך אַלײן האָב צו אים געװאָלט זאָגן:

— האָרך, ראַדאַ: מיר האָבן געמאַכט אַ שלעכט געשעפט. איך האָב דיך קראַנק געמאַכט און דו האָסט מיך פאַרװאַנדלט אין אַ קנעכט, בעת מיט צװײ יאָר צוריק איז אונדז בײדן געװען פיל בעסער. מיר װעלן פאַרריכטן אונדזער פעלער. איך האָב צװאַנציק שעפסן — מײן גאַנץ פאַרמעגן. דו האָסט אױך כמעט אַזױפיל. איך גיב דיר אַװעק מײנע, אַלס נדן פאַר אונדזער קינד, אָבער לאָז מיך אַװעקגײן, װװאַהין די אױגן װעלן מיך טראָגן. דורך אַזאַ מין האַנדלונג װעט די קלײנע פלאָריטשיקאַ אינגיכן האָבן אַ פעסטע מוטער, װאָס װעט גוט פאַר איר זאָרגן. איך װעל זיך לאָזן אין דער װעלט אַרײַן זוכן אַן אַנדער באַלעבאָס. און איך שװער דיר, ראַדאַ, אַז איך װעל שױן מער נישט בעטן בײ פרױען, זײ זאָלן מיר באַװײזן זײער קני און איך װעל מער נישט װאַרפן דעם שטעקן אין די פיס פון דידאַזיקע, װעלכע װעלן פון מיר אַנטלױפן.

„אַזױ האָט גערעדט מײן אָרעמער אַקים, און ער האָט מיך אַ קוש געטאָן. ער האָט נאָך שטאַרקער אַ קוש געטאָן זײן קינד, װאָס האָט מיטן הענטל אָנגעכאַפּט זײן קוטשמע האָר. צום ערשטן מאָל אין זײן לעבן האָט ער געװײנט. נאָכ־דעם איז ער אַװעק, „װוהין די אױגן האָבן אים געטראָגן“ און מער האָב איך קײנמאָל שױן פון אים נישט געהערט“.

---

*) קצי מילך.

פלאָרעאַ קאָדרילאַר איז געבליבן שטיין, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ביים אָנפאַנג פון דערדאָזיקער דערציילונג און נאָכדעם, האָט זי יעדן איינציקן צוהערער באַשאָנקען מיט איר בליק, אפילו דעם באַשיידנסטן היידוק. אָבער ס'רוב האָט זי געקוקט אויף מיר, גלייך אירע אויגן וואָלטן געזאָגט: דו, ירמיהו, זון פון וואַלד און מיין זון, דו ביסט מיין גאַנץ לעבן... צוליב דיר בין איך דאָ...

די היידוקן, האָבנדיק גרויס דרך־ארץ צו דערדאָזיקער אויפריכטיקייט, האָבן שטילערהייט אויסגעהערט. ספּילקאַ האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן, האָט געשלונגען אירע ווערטער, בעת עליע, תמיד רויק, האָט פסדר אַרויסגערוקט צו איר זיין צעשטרייטן אומבאַוועגלעכן קאָפּ. מאָווילאַ, דער וואַטאַף, וועלכער איז געווען קנאַפּער אַנטוויקלט, מער אויפריכטיק און אַזוי גייציק, ווי מיר, צו וויסן די פאָרזעצונג פון דער דערציילונג, האָט מיט גרויס אינטערעס געקוקט אויף איר צוואַרפנדיק צווייגן אינם פייער.

„מיין ערשטע תאווה, נאָכדעם ווי איך האָב אויפגעעפנט מיינע אויגן אויפן לעבן, איז געווען — צו לויפן מיט אַן אָפענער ברוסט אויפן ווינט. דער ווינט, דערדאָזיקער פריינט פון מיין יוגנט, האָט צוויי וועזנס, וואָס כאַפּן פון אים התפעלות: דער פרייער מענטש און דער הונט. זיי זענען די ערשטע געווען מיינע פריינט. מיין פרייער מענטש איז געווען אַ יאָט פון דאָרף, אויף דריי יאָר עלטער פון מיר, חוצפהדיק און ווילד, מיין לערער, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין די סודות פון פרייהייט. איר וועט שטוינען, בעת איך וועל אייך זאָגן, אַז ער איז איצט דער אָנפירער פון די היידוקן, וואָס הערשן

אין די בוזע־בערג, אויף אַ צען קילאָמעטער פון אונדז, און אַז דערזעלבער טרייבט אָן אַ שרעק אויף אַלע פּחדנים, וואָס מאַכן געזעצן. זיין נאָמען איז גראָזאַ!"

— גראָזאַ?! — האָבן אויסגערופן די היידוקן.

— גראָזאַ מיטן שטיינערן האַרץ? — האָט געפרעגט דער וואַטאַף.

„פאַרוואָס מיט „אַ שטיינערן האַרץ"? ווייל ער האָט אָפּגעשוואונדן די הויט פון איינעם פון זיין שייקע און פון אַ גאַספּאָדאַר *)? אַ היידוק, וואָס קומט אום מיט אַזאַ טויט, איז געווען אַ פאַררעטער, באַגייענדיק אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן גראָזאַ האָט שיער נישט באַצאָלט מיטן לעבן. וואָס שייך דעם גאַספּאָדאַר, האָט ער אים, כ'לעבן, ביי קיינעם נישט צוגע־גנבעט; גייט נאָר און כאַפּט אַ שמועס מיט דער באַפעלקע־רונג, וואָס דערדאָזיקער וואַמפּיר האָט טעראָריזירט! איר וועט זען, ווי פרויען צינדן אָן ליכט און בעטן פאַרן געזונט פונם גרויסן היידוק.

„איך האָב אים געקענט אַלס קינד און אַלס דערוואַקסן יינגל. ער איז געווען ווילד, אָבער מיט אַן איידל האַרץ. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ניין יאָר, ער צוועלף. איינמאָל, ווען איך בין געלאָפן אַנטקעגן ווינט, און לעבן מיר איז געלאָפן דער הונט, האָט ער מיך אָנגעיאָגט, געגומען מיך פאַר דער האַנט, מאַכנדיק איך זאָל לויפן שנעלער. אויבן אויפן באַרג, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרסאָפּעטע, האָט דער ווינט אַזוי הויך אויפגעהייבן מיין קלייד, אַז איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר דעמדאָזיקן יונג. אָבער אין היפּוך צו אַלע אַנדערע האָט ער נישט געקוקט אויף מיינע נאַקעטע פיס. ער האָט זיך פאַר־נומען מיט מיין הונט און איך האָב זיך אויפגעהערט צו שעמען.

„איך האָב אים נישט געקענט און ביז יענעם טאָג האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען, אָבער איך האָב באַמערקט, אַז

*) אַ רייכער ערד־באַזיצער.

ער איז אַ ריינער, אַזוי ריין ווי איך. דאָס האָט מיר פאַר־שאַפן גרויס פאַרגעניגן, ווייל איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין שמוץ. זיינע פיס זענען געווען אַזוי נאַקעט ווי מיינע, אָבער אָפּגעוואַשן, נאָר עטוואָס פאַרשטויבט. די העמט, דער האַלדז, דאָס פּנים פריש אָפּגעוואַשן. די הויזן און דאָס העמד ריין, הגם אין לאַטעס. דאָס אַלץ איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, פּונקט ווי זיינע בלויע אָפנהאַרציקע אויגן. נאָר די געלע קאָליר פון זיינע האָר און פון זיינע ברעמען איז נישט געווען לויט מיין געשמאַק.

„קענטיק, אַז אים זענען אויך געפעלן געוואָרן מיינע מלבושים, ענלעך צו זיינע און ס'איז פאַר אים גענוג געווען איין בליק, ער זאָל זיך דערין איבערצייגן. איך בין נייגעריק געווען צו וויסן פונוואַנען ער איז, און איך האָב אים דערפון געפרעגט.

— פון פּאַלאָניע, — האָט ער געזאָגט כמעט מיט אַ מענלעכע שטימע, נישט קוקנדיק אויף מיך און גלעטנדיק מיין הונט.

„פּאַלאָניע האָט מען אָנגערופן אַ דרייסיק צווייטע הייזער, וועלכע זענען געלעגן אויף אַ צוויי קילאָמעטער פון אונדז, אויפן הויפּט-וועג פון ראָמניק קיין בוזע, ווו ער ווערט איבערקגעקרייצט דורך אַ זייטיקן וועג. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין פּאַלאָניע, ווייל מען האָט געשמועסט, אַז די דאָר־טיקע יונגען באַוואַרפן מיט שטיינער די פאַרבייגייער.

— און ווי רופט מען דיך?

— איך הייס פלאָרישטיקאַ.

— דיין נאָמען איז שיין, — האָט ער געזאָגט אויסגלייכנ־דיק זיך און קוקנדיק מיר גלייך אין פּנים אַריין. אָבער דו ביסט אַזוי שיין ווי דיין נאָמען. מיין נאָמען איז גראַזאַ... און איך וועל מיט דער צייט ווערן אַ הײדוק.

— וואָס הייסט עס אַזוינס: הײדוק?

— דו ווייסט נישט? אויב אַזוי, וועל איך דיר זאָגן דאָס איז אַ מענטש, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין אונטערדריקונג,

נישט קיין קנעכט, לעבט אין וואַלד, הרגעט שלעכטע גאָספּאָ-דאַרן און פּאַרטיידיקט אָרעמעלייט.

— איך האָב זיי קיינמאָל נישט אָנגעזעען, דיינע היידוקן.

— דו האָסט זיי נישט געקענט זען... די פּ אָ ט ע ר אַ פּאַר-פאָלגט זיי...

— און וואָס איז אַזוינס פּ אָ ט ע ר אַ ?

— פּאָטעראַשן, דאָס זענען די שונאים פון די היידוקן און פון פרייהייט, אַן ארמיי וואָס פאַרטיידיקט די גאָספּאָדאַרן פאַר די פּאַר גראָשן. מיט דריי יאָר צוריק בין איך בייגעווען אויף אַ שלאַכט צווישן היידוקן און פּאָטעראַשן, נישט ווייט פון אונדז, אינם סאַרנע-וועלדל. די היידוקן זענען צעקלאַפּט געוואָרן. אַז איך וועל ווערן אַ היידוק, וועט מען מיך קיינמאָל נישט צעקלאַפּן. אָבער דו וועסט קיינעם נישט דערציילן, אַפילו דיין מאַמען אויך נישט, אַז איך „האַלט" מיט די היידוקן. איך פאַר-באָרג עס אַפילו פון מיינע עלטערן. און אַזוי דאַרף מען זיך נוהג זיין: עלטערן זענען אַלע פּלוידערזעק און וועלנט האָבן אויערן.

„ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער געמאַכט אַ ביטול-זשעסט, וואָס האָט זיך באַצויגן אויף די עלטערן און אויף די ווענט. דע-מאָלט האָב איך באַמערקט, אַז אינם רעכטן אַרבל פון זיין העמד איז געווען פאַרבאַהאַלטן אַ פלייט. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— דו שפּילסט אויף אַ פלייט ?

— אַ שאלה, צי איך שפּיל אויף אַ פלייט !... אָבער דערפון טאָרסטו אויך פאַר קיינעם נישט דאַכטן.

— פאַרוואָס ? ס'איז דאָך נישט קיין זינד צו שפּילן פלייט.

„אַ רגע האָט גראָזאַ מיך באַטראַכט מיט אַ בייזן בליק.

— ניין, שפּילן איז נישט קיין זינד, אָבער אויספּויקן פאַר דער גאַנצער וועלט איז אַ זינד, און אַ גרויסע זינד... פאַר דעם וואָס האָט ליב פלייט.

— אַלע האָבן זי ליב...

— דו ביסט אַ נאַר, פלאָריטשיקאַ. מענטשן האָבן ליב די

פּלייט, פּונקט ווי זיי האָבן ליב אַ הונט, כּדי אים אָנבינדן אויף דער קייט, ווי זיי האָבן ליב דעם נאַכטיגאַל, כּדי אים אַריינצוזעצן אין די שטייג, די בלום, כּדי אַרויסצורייסן זי פון דאָרט, ווו זי דאַרף וואַקסן, און די פרייהייט, כּדי צו פאַרוואַנדלען זי אין שקלאַפעריי. ווען אַלע וואָלטן ליב געהאַט די פּלייט, ווי איך, וואָלטן מער נישט געווען קיין היידוקן, קיין פּאַטעראַשן, קיין גאָספּאָדאַרן, נאָר בלויז ברידער. און ברידער זענען אין ערגעץ נישטאָ..

— פונוואַנען ווייסטו עס אַלץ, גראָזאַ?

— אַך, דו ביסט צו נייגעריק... איך וועל עס דיר זאָגן, ווייל זינט איך גיב אַכטונג אויף דיר, זע איך, אַז דו ביסט ענלעך צו מיר, דו אַליין, אין אַכט דערפער וואָס איך קען. אָבער דו נויטיקסט דיך אין אַ דאַסקאַל, און איך וועל זיין דיין דאַסקאַל *). ווילסטו, אַז גראָזאַ זאָל זיין דיין דאַסקאַל, — גראָזאַ, וואָס וועט מיט דער צייט ווערן אַ היידוק?

— יאָ, גראָזאַ, איך וויל, זיי מיין דאַסקאַל. דערציייל מיר, וויאַזוי די ביסט עס אַלץ דערגאַנגען.

— אָט וויאַזוי. איך האָב אַן עלטערן ברודער, אין די יאָרן, וואָס מען מעג שוין חתונה האָבן. ער איז אַ שוטה ווי גרויס ער איז. בעת ס'קומען פּאָר האָראַס אין דאָרף, שפּילט ער אויף אַ פּלייט און אידיאָטן טאַנצן. ער האָט געהאַט אַ הונט, וועלכן ער האָט געהאַלטן אויף דער קייט, אַ נאַכטיגאַל, וועלכן ער האָט אַריינגעטאָן אין שטייג; און דידאָזיקעביידע אָרעמע חיות זענען געשטאָרבן פון ערגערונג. דעמאָלט האָב איך געזאָגט צו מיין עלטערן ברודער, אַז ער איז אַן אייזל, אַן אייזל, וואָס שפּילט אויף אַ פּלייט. פאַר אַזעלכע דיבורים האָב איך פון אים געקריגן אַ פּליאַסק, שוין גאָרנישט קיין ברודערלעכן, אַז די באַק איז מיר אָנגעשוואָלן געוואָרן. און ער האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן פּלייט און נאַראָנים האָבן פסדר געטאַנצט; ער האָט אין אַ שטייג אַריינגעזעצט אַ

---

*) באַלעבאָס.

צווייטן נאַכטיגאַל און אַרויפגעטאָן אויף דער קייט אַ צווייטן הונט. אָבער איך האָב צעבראָכן די שטייג און די קייט אַרייַנגעוואָרפן אין אַ ברונעם. דערפאַר האָט מען מיך שיער נישט געהרגעט: ער איז שוין מער נישט געווען קיין אייזל, נאָר אן אמתער פּאַטעראַש, און אַ פּאַטעראַש וועט פון אים ווערן. איך אָבער וועל זיין אַ היידוק, און דעמאָלט וועל איך אים צווינגען „אָפּצוגעבן צוריק דאָס מילך, וואָס ער האָט זיך אָנגעזויגן פון זיין מאַמען". אָט דאָס אַלץ.

„ביז מיין באַקענען זיך מיט גראָזאָן, בין איך געווען איינע אַליין. מיין מאַמע האָט מיך געצווונגען צו פאַרברענגען מיין קינדהייט אין אויפנייען, די אויגן צוגעפּעסטיקט צו דער קאַנווע, — דידאָזיקע נישטיקע שמאַטקע, וואָס פרעסט אויף די בעסטע יאָרן פון אַ יונג מיידל און ווערט אַליין צעפרעסן פון מולבּ, נאָכדעם ווי זי רופט אַרויס התפעלות ביי צוויי דורות אומוויסנדיקע. איך האָב אָנגעהייבן צו פירן מלחמה מיט מיין מאַמען און מיטן דאָרף. מען האָט מיך פאַרעכנט פאַר אַ פוילע.

„האָט איר געהאָרכט? פייגט האָבן אַ זונען-שטראַל, וואָס לייגט זילבערנע פלעקן אויף אַ וואַלד-וועג. קיינמאָל נישט וויסן, וויאַזוי דער נאַכטיגאַל אַרבעט איבער זיין נעסט? נישט האָבן קיין השגה פון די ווינט-לאַסקעס, וואָס פאַררייסט דאָס העמד? אָפּזאָגן זיך פונם געוויש פון די וואַסערלעך, וואָס טראָגן זיך פריילעך צום טייך? ענדלעך, פאַרבלייבן טויב צו די רופן פונם פרילינג, וואָס זאָגט אָן אַ ניי לעבן; צו די רופן פונם זומער וואָס קרעכצט אונטער די משאות פון שפע; פאַרגעסן דעם האַרבסט, וואָס איז רייך מיט אומעט און לעבן און נישט פאַרשפּורט ווערן פונם ווייסן ווינטער טרויער?

„כּדי צו מאַכן לאַנגע האַנטיכער באָראַנזשיקעס*), וועלכע זענען באַשטימט פאַר די לאַפּעס פון עפּעס אַ מאַן, וואָס וועט

*) זייד.

דיך גוט אויספּאַטשן; אָדער פיינע דעקן פון לייוונט און שפּיצן פאַר אַ מאַן אַ שיכור, וואָס וועט זיך אויף איר אַרויפלייגן מיט זיינע שמוציקע שטיוול; אָדער וואָלענע טעפּיכער, דיק ווי אַ האַנט, פאַרן „אויסדערוויילטן פון דיין נשמה", וועלכער וועט פון זיך אַרויסכליאַפּען זיין רויטן ווייַן און זיין פּאַסטראַמע *) פּונקט אויף דעם יאָר פון דיין יוגנט, וואָס דו האָסט פאַרבראַכט אין וועבן דידאָזיקע פּריילעכע מתנה און אין טרוימען וועגן דעמדאָזיקן שיינעם טאָג? אַך, דו פאַרבלענדניקע האָפענונג פון יעדן אָרעמען פויער-מיידל, איך בין גליקלעך, וואָס דו האָסט מיך אויך באַהערשט! איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צוצופעסטיקן מיינע אויגן צום לייוונט, כּדי צו האָבן פאַרגעניגן פון אַ טרוים, וואָס דאָס לעבן אַרום מיר האָט צעשטערט.

„מיינע אויגן, וואָס האָבן געדאַרפט גיסן טרערן, אַראָפּגעבויגן איבער אַ געדגעף **), האָב איך געלאָזט אָנפילן מיטן ליכט פון פעלדער, וווהין איך האָב געפירט מיינע שעפסן; איך האָב זיי געלאָזט אַריינקוקן אין דער בלויקייט פון די הימלען, אין די טיפענישן פון די אָפּגרונטן און באַטראַכטן די שפּיצן פון די סאָסנעס; און אויב זיי האָבן געוויינט, איז עס פון דער גראָבקייט פון מיין ערשטן געליבטן: פונם ווינט!

ווינט, היי ווינט, דו וואָס ביסט דער שטאַרקער, פרייער פריינט
פון מענטש דעם פרייען,
דו, וואָס טראָגסט זיך — אַ שטאַפּעט איבער שטחים
מיט דיין ריינעם, פרישן אָטעם —
צי ביסטו מער נישט אַ זעפיר, וואָס גלעט דיין פּנים ווייך און צאַרט.
צי ביסטו גאָר אַ צפון-ווינט, וואָס שמייסט אין באַקן, פרירט און שטאַרט,
צי בלאָזסטו, ווי אַ שטורעמווינט צו אַנטפּלעקן ס'האַרץ דיינס פון אַ פריינט;
דו ביסט דעם מענטשנס פריסטער פריינט, און וועסט אַזאַ שוין אייביק זיין
אין העלן שיין — אין טונקל שוואַרץ
דו אייניקסט אייביק האַרץ מיט האַרץ!

---

*) געזאַלצענע שעפסן-פלייש.

**) שפּיזלען.

ווינט, היי ווינט, דו מענטשנס פריינט,
מעג דיין וועג ווי צערטלעך זיין
און מעג דיין אויפברויז — אַ טרומייט
שאַלן אי מיט כעס, מיט פרייד,
דו ביסט געווען, וועסט אייביק זיין
שליח פון מיין נויט און פיין,
דער טרעגער פון מיין זיפץ צום פריינט
פאַרצווייפלונגס-רוף, געלעכטער, פיינט
פון שווער געמיט אמאָל, אַצינד
נאָר דו אַליין, אָ ווינט, דו ווינט!...

דו ווייסט, — האָט איינמאָל צו מיר געזאָגט גראָזאַ, נאָך אַ משוגענעם אַרומלויפן איבער די פעלדער, ווייסט, אַז דער ווינט איז אַמאָל שיער נישט געוואָרן דער שווער פונם שטשור?

— ניין איך ווייס נישט!

— יאָ, דער ווינט האָט שיער-שיער נישט חתונה געמאַכט זיין פיינע טאָכטער מיט דער גרעסטער פחדנישער חיה אויף דער וועלט, נאָר ער האָט עס אויסגעמיטן בלויז אַ דאַנק זיין ביטרען ענטפער.

דער שטשור איז אַמאָל אַוועק צו דער זון און געהאַלטן פאַר איר אַזאַ מין דרשה:

— האָרך, מעכטיקע ליכט! איך בין די אומגליקלעכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט, תמיד פאַרפאָלגט דורך מענטשן הינט, קעץ, טאָג און נאַכט אויף דער וואַך, גרייט יעדע רגע אַריינצופאַלן אין אַ פאַסטקע, און שטאַרב פון שרעק, און אין וואָס מ'שטיינס געזאָגט באַשטייט מיין פאַרברעכן? וואָס איך גריזשע אַמאָל, אויף מיין אייגענער ריזיקע, אַ קוקורוזע-זאַנג, אָדער אַ שטיקל קעז.

— דאָס איז אַ מיאוסע אַרבעט, מיין פריינט! — האָט געזאָגט די זון, וועלכע האָט פיינט שטשורעס.

— אַזוי גאָר, — האָט אויסגערופן דער שטשור. דו פאַרגעסט, אַז די בעל-הבתים פון דער וועלט טוען דאָסזעלבע. און זיי ריזיקירן מיט גאָרנישט. אָט האָב איך באַמערקט, אַז כדי צו

פאַרטיידיקן זיך פון יעדע סכנה, האָבן זיי תמיד חתונה מיט טעכטער פון הערשער און דער שווער פאַרטיידיקט זיי. אַלזאָ, איך האָב אויך באַשלאָסן צו טאָן, וואָס זיי טוען, און איך האָב דיך אויסגעקליבן, ווייל דו ביסט די מעכטיקסטע. גיב מיר דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב און פאַרטיידיק מיך. איך בין שוין זאַט מיט מיין פריערדיק לעבן!״

דערהערט אַזעלכע רייד, איז די זון געוואָרן אַן אויפגעציטערטע. זי האָט תיכף געפונען אַ תירוץ.

— דו האָסט אַ טעות! נישט איך בין די שטאַרקסטע אין דער וועלט!

— אַלזאָ, ווער?

— דער וואָלקן. דו האָסט מסתמא באַמערקט אַמאָל, ווי אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, בעת ס׳נעמט מיר אָן אַ חשק צו בראָטן די ערד, קומט דער וואָלקן, באַדעקט מיין פנים און ס׳איז אַ סוף צו מיר. גיי צום וואָלקן, מיין פריינט. בעט די האַנט פון זיין טאָכטער. ער איז דער מעכטיקסטער.

דער שטשור האָט פאַרריסן דעם ווידל, אַוועקגעלאָפן צום וואָלקן און אים דערציילט וועגן זיין אומגליק.

— דו ביסט דער מעכטיקסטער! גיב מיר דיין טאָכטער.

— וואָס, איך? איך בין דער מעכטיקסטער? דו מאַכסט גאָר חוזק פון מיר!

— ס׳הייבט זיך נישט אָן. די זון האָט עס מיר אויפגעוויזן, און ס׳איז אמת, דו פאַרטונקלסט זי, ווען דו ווילסט!

— איך פאַרטונקל זי? אויף ווי לאַנג? ס׳קומט דאָס קלענסטע ווינטעלע און ס׳בלייבט נישט קיין זכר פון מיר. יאָ, דער ווינט, ער איז דער שטאַרקסטער. ווי נאָר דו וועסט עס אים זאָגן, וועט ער זיין צופרידן, ווייל ער איז זייער אייטל; אָבער איך וואָרן דיך, אַז ער איז נישט דויערהאַפט אין זיינע געפילן. ער איז שוין איינמאָל אַ יאָט!

— זאָל ער זיין, ווער ער וויל; זיין טאָכטער וועט ער מיר מוזן געבן.

און אָט איז דער שטשור ביים ווינט, וועלכער האָט

פּונקט געוויגט זײַן טאָכטער אין אַ האַמאַק. ער האָט דעם ווינט דערצײלט וועגן זײַנע אַלע דאגות און דעם ציל פון זײַן וויזיט.

— נעם מיך נישט אָן פאַר קײן אָפּגעקומענעם, — האָט דער שטשור פאַרענדיקט, — איך וויל ווײַטער פאַרדינען מײַן ברויט, אָבער איך זע, אַז אָן דער פּראָטעקציע פון אַ שטאַרקן איז אוממעגלעך צו לעבן: די גאַנצע קוקורוזע, דער גאַנצער קעז ווערט פאַרכאַפּט דורך די שטאַרקע. די שוואַכע מוזן זיך אײַנציִען די בײַכער.

— אָבער דו ביסט דאָך נישט פון די שוואַכע, האָט אויסגערופן דער ווינט. אדרבה, דו ביסט שטאַרקער פון מיר!

— וואָס? — האָט אַ זאָג געטאָן דער שטשור, שטאַרק צעפרידן.

— האָסטו געזען אין ים דעם וואַסער-פעלז? אײדער ער איז געווען דאָרט, ווו דו זעסט אים, איז ער געווען צוגעטשעפּעט צום דאָזיקן באַרג, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט ווי אַ קאָפּ. מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק האָבן שטאַרקע אָבער נאַרישע האַרן אויסגעבויט אינדערהויך אַ שלאָס. פעסט און נאַריש ווי זײַנע באַלעבאַטים אַלײן. דער שײנער באַרג איז געוואָרן אָפּגערײניקט פון יאַגד-חיות. דער ים, דערצאָרנט פון דעמדאָזיקן פּיראַטן-נעסט און די הויכע ווענט האָבן מיאוס געמאַכט די שײנע לאַנדשאַפט. דו ווײסט דאָך, אַז איך האָב נישט ליב די פאַרצוימונגען פון דער פרײַהײט. איך האָב ליב צו לויפן און מאַכן, אַז אַלץ זאָל מיט מיר לויפן. איך האָב אָנגעהײבן מיט מײַנע אַלע כּוחות צו בלאָזן אויף דידאָזיקע רויבער. זײ האָבן זיך אָבער דאָרט גוט געהאַלטן! אַך, טויזנטער יאָרן טירחה האָב איך געפּטערט, כּדי צו צעטראָגן דידאָזיקע ווערים. פון דור צו דור זענען זײ געוואָרן אַלץ צאָלרײַכער און מער חוצפּהדיק! מען האָט גאָרנישט געקענט מאַכן מיט זײ: דער פעלז האָט זיך נישט גערירט. קוים האָט זיך אָפּגעבראָכן דאָ אָדער דאָרט אַ שטיקל וואַנט, האָט מען עס באַלד פאַריכט. פאַרמאַטערט און פאַרסאַפּעט, האָב איך אײנמאָל

צענטער
ביבליאטעק

אינדערפרי געררוט אויף יענער זייט ים-דורכגוס, ווי מיטאַמאָל האָט מיך אַ שרעקלעכער טראַסק פלוצלונג אויפגעוועקט. דער ים האָט זיך אויפגעהייבן ווי אַ וואַנט און שיער מיך נישט דער-שלונגען! דער פעלז, וואָס האָט אויף זיך געהאַלטן די שייקע פיראַטן, האָט זיך פון זיך אַליין אַראָפגעלאָזט! פון זיך אַליין? ס'הייבט זיך נישט אָן! איך בין אַהין געקומען צו לויפן, אָנ-געהייבן נישטערן און צום באַדויערן זיך איבערגעצייגט, אַז דאָס, וואָס איך האָב נישט געקענט אויפטאָן אין עטלעכע טויזנט יאָר, האָבן שטשורעס, האָט איר, הייסט עס, צערעכט געמאַכט אין עטלעכע דורות. דו פאַרשטייסט: דידאָזיקע הערשער האָבן אויפגעקליבן אין זייערע קעלערס די גאַנצע שפע פון דער ערד. און ווער עס זאָגט: הערשער און שפע, מיינט ער דערמיט שטשורעס. ס'איז דיזעלבע ראַסע. און אייער ראַסע פון די אמתע שטשורעס האָט אַזוי גוט דערפילט איר חוב, כדי אַרויסצורייסן ביי די הערשער-שטשורעס אַ טייל פון זייער שפע, אַז דער פעלז, אונטערגעגראָבן פון איינע, כדי צו פאַרבאַהלטן און פון די צווייטע, כדי אויסצוזוכן, האָט נישט אויסגעהאַלטן און סוף כל סוף אַראָפגעפאַלן!

אָט צוליב וואָס איך האָב דיר אָקאָרשט געזאָגט, אַז דו ביסט שטאַרקער פון מיר! אַלזאָ, מיין פריינט, גיי צוריק צו זיך אַהיים און האָב חתונה מיט אַ טאָכטער פון דיין ראַסע, און ווייס, אַז גאָט האָט אַזוי גוט פאַרטיילט דעם כוח צווישן זיינע ברואים, אַז ביי אַביסל באַשיידנקייט, וואָלט די גאַנצע וועלט געקענט זיין צופרידן!

* *

*

„גראַזאַ איז אינגיכן געוואָרן די נשמה פון מיינע טעג, און איך האָב מיט גרויס פרייד זיך אַרומגעזען, אַז איך בין געוועזן זיין איינציקע חברטע. מיר האָבן זיך אָפגעגעבן אַ דין-וחשבון פון איין פאַקט, וואָס קיין קינד אין אונדזער געגנט האָט נישט באַמערקט, פון אַ פאַקט, וואָס אפילו עלטערע האָבן

נישט באַמערקט: דאָס איז געווען די אָרעמקייט פון אונדזער פויער-לעבן, צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסלעך פון קנעכטישער טירחה און פון נישטיקע פאַרגעניגנס. אין דער תקופה פון די גרויסע זומערדיקע אַרבעטן: זיך בויגן פון באַגינען ביז איינ- דערנאַכט אויף אַ פעלד, פון וועלכן דריי פינפטל פונם שניט פלעגט גיין אויף אָנצופילן די שפייכלערס פון אונדזער באַלע- באָס; פון האַרבסט ביז פרילינג זיך איבערבויגן איבער אַ ווערקשטול, וועמענס אומענדלעכע געוועבן פלעגן ווערן אַ פאַרבאָטענע פרוכט, וואָס מען פלעגט תמיד פאַרבאַהאַלטן אויף שפעטער; אָדער פאַרברענגען לאַנגע אומעטיקע אָוונטן, פלוי- דערנדיק אויף די קלאַקאַס,ביים דרעשן קוקורוזע, ביים שיילן באָב, ביים קאַמען וואָל, און טיילמאָל ביים צוגרייטן אַ נדן פאַר אַ חברטע, אַ בהמה, וואָס גרויסט זיך מיט אירע שמאַטעס. און אָנשטאָט אַלע פאַרגעניגנס: די נאַרישע כאָראַ אין די זונטיקדיקע טעג, ווו ס'ווערט אומעטיק נאָך אַ פערטל שעה פון איינטאָניקן טאַנצן, אָדער אַ שמועס ביי אַ פּאָנטאָן מיט עפּעס אַ געליבטן, וואָס רעדט אומבאַשטימטע זאַכן מיט אַ באַשטימטן ציל.

„אַ נאַטירלעכער עקל האָט מיך און גראָזאַן דערוויטערט פון אַזאַ מין אַרבעט און ממילא פון די פאַרגעניגנס, וואָס מען באַקומט דערנאָך אַלס באַלוינונג. אָבער ס'איז שווער אומבאַ- שטראָפט צו אַנטלויפן פונם דורכשניטלעכן לעבן. ווי נאָר מען האָט באַמערקט מיינע און גראָזאַס באַציִונגען, זענען מיר תיכף געוואָרן אַ ציל-פונקט פון פאַרשידענע שפּאַסן, דער קעגנשטאַנד פון אַלגעמיינער שנאה. פרוווט אפילו נישט שטערן די דורכ- שניטלעכקייט, פרוווט זיך מאַכן אומבאַמערקלעך פאַר איר, אַלץ איינס, ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן. די דורכשניטלעכקייט פאַרטראָגט נישט די, וואָס טיילן זיך אויס פון איר, זי האַלט פון זיך, זי האָט ליב איר אייגענע הויט.

„עך, גאָט מיינער! מיר האָבן דאָך קיינעם נישט איינ- גערעדט צו לעבן מיט אונדזער לעבן, מען זאָל אונדז איינ- אָרדענען טאַנץ-אָוונטן. צו זיבעצן יאָר האָט גראָזאַ שוין געהאַט

זיין פערד און וואָגן, פאַרדינט מיט אייגענעם שווייס. אין יענער צייט איז עס געווען אַ ווערקצייג, וואָס האָט באַפרייט דעם מענטש פון לוין־אַרבעט און אים געגעבן פלומרשט פרייהייט. מיין פריינט האָט צוויי מאָל אַ וואָך אָוועקגעפירט אויף בוזער מאַרק די פּראָדוקטן פון אונדזער בשותּפותדיקער אויסאַרבעטונג: וואָל, קעז, שעפּסן, גרינס, תבואה, אייער, פרוכטן, עופות — וואָס די צייט האָט געפאָדערט.

„דידאַזיקע צאַרטע אחדות צווישן צוויי קינדער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט קושן דעם פּאָפּס האַנט, דעם באָיאַרס מיטהעלפער, און אויך נישט געוואָלט אַראָפּנעמען די קאַטשולאַ *) פאַר יעדן קנעכט פונם „הויף", איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכן נישט בלויז פונם פאַראינטערעסירן צד, נאָר אויך פון די שקלאַפן אַליין, וועלכע וואָלטן געדאַרפט נאָכטאָן אונדזער ביישפּיל. מען האָט אונדז באַשולדיקט אין פּריצייטיקן צוזאַמענלעבן. אָבער הגם צו פופצן יאָר בין איך שוין געווען שטאַרק אַנטוויקלט, בין איך דאָך געווען בלויז אַ קליינע שטיפערין אין גראָזאַ איז געווען באמת אומשולדיק, ווי אַ קינד. אונדזערע אָפּטע אויספלוגן אין וואַלד, אונדזערע לאַנגע אַרומלויפעניש אויסערן דאָרף, האָבן עטלעכע מענטשן באַטראַכט ווי אויסגעלאַסענע קאָמבינאַציעס.

„דאָס איז געווען אַ זעלטן לעבן, וואָס איז דורך אונדז אַליין געשאַפן געוואָרן, אַ זוניקער אינדזל אויף אַ פינסטערן ים. דעמאָלט האָט מיר גראָזאַ אויסגעלערנט שפּילן פלייט און באַוווסטזיניק הנאה האָבן פון דערדאָזיקער ווילדער נאַטור, וועלכע איך האָב בלויז געפילט מיטן האַרץ.

„ווען זיינע פינגער האָבן אין דעמדאָזיקן וואַלד פון בזשאָזעס און סאָסנעס צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט פאַר מיר די פאַרכישופטע דאָינעס **), האָט ער דעמאָלט אויסגעקוקט

*) אַ באַראַשקענע היטל.

**) אַן עלעגיש ליד, וואָס דריקט אויס די געפילן פון ווייטיק אָדער פון תאווה.

אין מיינע אויגן ווי אַ פּאַט-פּרומאָס *) פון אַ לעגענדע. איך האָב דעמאָלט פאַרגעסן וועגן זיינע עקלדיקע געלע האָר, וועגן זיין גאווה, זיך געוואָרפן צו זיינע פיס און זיי אַרומגענומען.

דאָינאַ, דאָינאַ, צאַרטע ליד!
איז דען דאָ איינער, וואָס וועט נישט אויפהערן
דיינע האַרמאָנישע טענער?
דאָינאַ, דאָינאַ, פייערדיקער הימן!
אַז מען האָרכט דיך אין אונדזערע טאָלן
ברויזט דאָס האַרץ פון ליבע!

„אַלמעכטיקער האַר! איך בין זיכער אַז דו האָסט אָנגעהייבן דיין וועלט און עס פאַרווירקלעכט, שפּילנדיק אויף אַ פלייט צו די געשטאַלטלאָזע עלעמענטן! ווייל, אונטערן שטראָם פון די אויס-טערלישע טענער, האָט די וועלט, וואָס איז אַרויס פון דיינע הענט, געדאַרפט זיין שטאַרק ענלעך צו אַ וווּנדערלעכן געזאַנג.

„דאָס איז געווען אין די יאָרן, ווען איך האָב זיך אויסגע-לערנט לייענען און שרייבן גריכיש. און דאָס האָב איך אויך צו פאַרדאַנקען גראָזאַן.

„ער האָט זיך אויסגעלערנט דידאָזיקע שפּראַך אין געהיים און אַ דאַנק זיינע נסיעות קיין בוזע.

— ווילסטו, — האָט ער איינמאָל צו מיר אַ זאָג געטאָן, — זיך אויסלערנען גריכיש? אונדזער שפּראַך האָט נישט קיין אייגן כתב. כּדי צו קענען לייענען און שרייבן, דאַרף מען אויסקלייבן צווישן סלאַוויש און גריכיש. איך האָב זיך אויסגעלערנט גריכיש און איצט האָב איך „פיר אויגן". טו וואָס איך האָב געטאָן. דו וועסט דערגיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן.

— איך וויל עס זייער, אָבער ווו? און וויאַזוי?

— מיט דער הילף פונם באַרימטן קלויסטער-זינגער יאָ-אַקים פון קלויסטער „איין איינציק בוים", אין בוזע. ער איז מיינער אַ פריינט, הגם ביידע צינגער האָבן אויף אים אויסגע-

*) אַ מין פאַרפישופטער פּרינץ.

טראַכט, אַז ער איז אַ סאַטיר, איך גלויב נישט דערין און די וועסט געוויס אויך נישט גלויבן. ס'איז אמת, אַז דער זינגער יאָאַקים איז אַ מענטש, וועלכער טרייבט אָן אַ שרעק, בעת מען קוקט אויף אים און בעת מען הערט אים. בלויז אידיאָטן האָבן אין זיך די טבע נישט אָנצוטרייבן אויף יענעם קיין פחד. דאָך בלייבט ער אַ זינגער און מען באַווונדערט אים, נישט געקוקט אויף די רכילות. איך רעד מיט אים וועגן דיר שוין זייער לאַנג; ער האָט מיט פרייד מסכים געווען; ער וועט זיין צופרידן צו האָבן אַ חברטע, ווייל ער איז פונקט ווי מיר: ער האָט נישט קיין פריינט.

„דעם צוקונפטיקן זונטיק, אין אַ שיינעם פרילינג-טאָג, בין איך אַריינגעשטיגן אין גראַזאַס וואָגן. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין פערד, באמת אַ פיינע חיה, און איך שטאָלץ מיט גראַזאַן, וועלכער האָט מייסטערהאַפט אָנגעפירט און זיך געהאַלטן אומבאַוועגלעך, ווי אַן עלטערער מענטש.

„מיר זענען ביידע געווען יום-טובדיק געקליידט. ער האָט געטראָגן שטיוול, אַ העמד פון באָראַנזשיק, אַ געבלומטן קאָזשיק און אַ טערקישע קאַטשיולאַ; איך — אַ ווייס קלייד מיט בראָדירטע פאָטאַס איליק*), סאַמעטענע פאַנטאָפל, באַפוצט מיט פאַרשידנפאַרביקע צייכענונגען, און אין אַ הוילן קאָפּ. מיר זענען געווען שיין ווי אַ יונג פּאָרפּאָלק.

„די נאַטור, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט פאַר מיינע אויגן אויף אַ שטח פון זיבן קילאָמעטער, איז געווען אינגאַנצן ניי פאַר מיר און האָט אויסגעוויזן אַזוי שיין ווי מיר, אַזוי יום-טובדיק ווי מיר. דאָס איז געווען מיין ערשטע לאַנגע נסיעה און איך האָב דעם גאַנצן וועג געכאַפּט התפעלות פון די בערג, באַצירט מיט וויינשטאָקן, פון די אומבאַקאַנטע וועלדער, פון די טייכן און טייכלעך, פון די געשלענגלטע וועגן און אפילו פון פויגל און חיות. די אַלע זאַכן און באַשעפעניש האָבן אַרויסגעטויכט, ווי פון אונטער גאַנצע רייען

*) אַ וועסט אָן אַרבל.

פאַרחאַנגעו, וואָס אַן אומבאַמערקלעכע האַנט האָט כסדר אויפגע־הייבן ביי אונדזער דערנענטערונג.

„איך בין געזעסן אויף אַ קישעלע, זייט ביי זייט מיט מיין פריינט, וועלכער האָט געשוויגן. אָבער בעת ער האָט גע־רעדט אויפן שפּיץ פון אַ וויסטן באַרג, האָט ער דערמיט אויסן געווען — איינצופלאַנצן אין מיין נשמה דאָס קערנדל פון אויפשטאַנד, וואָס איז אין אים איינגעבאָרן און צו יענער צייט שוין געגנוג צייטיק געווען.

— אַלץ וואָס דו זעסט און וואָס דיר געפעלט אַזוי שטאַרק — האָט ער געזאָגט, דרייענדיק די בייטש איבער אונדזערע קעפּ, — דידאָזיקע שיינע ערד, ברייט און לאַנג, דאַרף געהערן צו אונדז אַלעמען, ווייל מיר ווערן געבוירן באַקעט, און זי איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אונדז, כדי זי צו באַאַרבעטן און געניסן פון אירע פרוכט. אָבער זי געהערט נישט צו אונדז. מען דאַרף מאַכן, זי זאָל זיין אונדזער. מיר דאַרפן זי אַרויסרייסן פון די הענט, וואָס האַלטן זי און באַ־אַרבעטן זי נישט. דאָס איז אַ נויטווענדיקייט!

„דאָס איז אַלץ, וואָס גראָזאַ האָט מיר געזאָגט וועגן דער ערד, וועלכע איז פאַרשקלאַפט ביי די גאָספּאָדאַרן. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ היידוק, ווייל די היידוקן טראַכטן קיינמאָל נישט ווי אַלע טראַכטן. אויס־האָרכנדיק מענטשן, קומט אויס, אַז גאָט האָט געוואָלט. ס׳זאָלן זיין קנעכט און גאָספּאָדאַרן, אָרעמע און רייכע, געשמיסענע און שמייסער. אָבער די היידוקן האַלטן נישט פון אַזאַ מין געטלעכן ווילן, גייען נישט אין קלויסטער, נאָר דערווייטערן זיך אין וועלדער, פונוואַנען זיי מאַכן דרייסטע אָנפאַלן אויף די פאַרמעגנס פון די גאָספּאָדאַרן און אפילו אויף קלויסטער־לייט. זיי ראַבעווען, הרגענען און העלפן.

בווזע, די הויפּטשטאָט פון גאַנצן קרייז, האָט מיר אויס־געוויזן ווי אַ מיידל, וואָס האַלט זיך אין איין פּוצן. ס׳זענען דאָרט געווען צוויי קאָקעטישע גאַסן, ענלעך צו צוויי אָפּגע־פאַרבטע ברעמען. מען האָט דאָרט נישט געזען קיין בלאָטע

און קיין שטויב; אומעטום איז די ערד געווען באַדעקט מיט האָלץ. די קראָמען האָבן זיך געצויגן אין אַ רייע און האָבן געהאַט פענסטער מיט גרויסע וויסטאַוועס, פון וועלכע מען האָט געקענט נתפעל ווערן. אין איין אָרט האָבן זיך געפונען אָרטיקע אויסאַרבעטונגען, אין אַ צווייטן אָרט — אויסלענדישע זייד פון העכסטער קוואַליטעט, און ווייטער — פאַרשידענע פיינע כלי-זין, טאַבאַק אין לאַנגע באַגילטע פעדעם, פאַנאַנדערגעוואָרפן צווישן סטאַמבולער טשיבוקעס און נאַרגילן. געשעפטן מיט טעפיכער. אין אַנדערע זענען געווען אויסגעשטעלט איקאָנעס, קטורת-פאַנען פון מאַסיוון זילבער, מיטרעס, הייליקע ספרים. אין אַ סך געשעפטן האָט מען דערלאַנגט עסן און טרינקען. די קאַפאַנען זענען געווען געפאַקט פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געסמאַקעוועט ביי אַ שמעקעדיקער גלאָז קאַווע, האָבן גערויכערט טשיבוקעס און גערעדט אויף עטלעכע שפּראַכן.

„דידאָזיקע אַלע לאָקאַלן האָבן געהאַט פאַרשידענע אויסטערלישע שילדן, מיט אַזעלכע אויפשריפטן, למשל: „ביי דער פויערטע פון בוזע"; „אין גאָלדענעם קאַשמיר"; „אין דמשקער פיסטאָלעט"; „איספּאַנער טעפּיך"; „דעם וויזירס טשיבוק"; „די אכסניה פון גליקלעכן אָנקום"; „ביי דער זילבערנער קטורת-פאַן"; „קאַפאַנאַ פון קליינעם בעי", א. אז. וו.

„גראָזאַ האָט אַוועקגעשטעלט זיין וואָגן אין אַ שטאַל פון אַ פויערישער אכסניה, אין איינער פון די פויערישע סביבות. אויף די ברוקירטע גאַסן האָט מען נישט אַרויפגעלאָזט קיין אָרעמע וואָגנס; בלויז קאַרעטעס האָבן דאָרט געמעגט אַרומפאָרן. מיר זענען געווען צעחושט פון דערדאָזיקער רייכקייט און מיר האָבן זיך זייער שלעכט געפילט. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן מיר זיך באַוועגט צווישן פאַרבייגייער, וועלכע האָבן שפּאַצירט אַהער און אַהין, גערעדט, געקלונגען מיט בורשטינענע פּאַטשערקעס און געקוקט אויף אונדז ווי אויף קעלבער מיט צוויי קעפּ. ס'רוב פון דידאָזיקע באָיאַרן

זענען געװען געקלײדט אין קאַפּטאַנעס און אישעליקן *), באַ-
פּוצט מיט די שענסטע צײכענונגען; אַנדערע האָבן געטראָגן
אַזעלכע מלבושים, װי מ'טראָגט אינם לאַנד פֿון דער פּאַרגײ-
ענדיקער זון. די לעצטע זענען געװען יונגע זין פֿון באָיאַרן,
װעלכע זענען געקומען פֿון אױסלענדישע אוניװערזיטעטן. זײ
האָבן ראַזירט די װאָנסן און געטראָגן לאָרנעטן מיט אײן גלאָז,
און קוקנדיק אױף זײ, האָב איך געמײנט, אַז פֿון שטאַרק לער-
נען, זענען זײ שװאַך אױף אײן אױג.

„פֿריִען זענען געװען װײניק, אָבער געטלעך שײן,
מײסטערהאַפֿט אָנגעפּאַרבט, די קעפּ אומבאַדעקט, די האָר פֿאַר-
קאַמט אױף הינטן און אַראָפּגעלאָזט אױף די שלײפֿן, לײכט
פֿאַרדעקט מיט דורכזיכטיקע שלײערס, די ליפּן אױפֿגעצױגן בײ
דער טאַליע, די קלײדער ברײט, אומגעהױער ברײט, אמתע
בראָנעס, װאָס רײסן די ערד. פֿויל האָבן זײ זיך געשלעפּט אונ-
טערן אָרעם פֿון זײערע מענער און גערעדט אונטער דער נאָז
מיט אַ שטימע פֿון אַ פּאַפּאַגײ.

— דאָ, — האָט צו מיר גראָזאַ געזאָגט, — קען מען אין
ערגעץ נישט אַרײנקומען, אױב מען האָט נישט אין קעשענע
אַזױפֿיל געלט, װיפֿל מיר בײדע פֿאַרדינען אין אַ גאַנצן זו-
מער. כּדי דידאָזיקע גאָספּאָדאַרן מיט זײערע משפּחות זאָלן
קענען לעבן אַ טאָג אין אַזעלכע שטעט און נאָך אין גרעסערע
שטעט װי די, מוזן מיר, קנעכט, זײ געבן דערצו די מעג-
לעכקײט. אָט דעריבער האָבן זײ פּאָטעראַשן, װאָס פֿאַרטײדיקן
זײ און צװינגען אונדז צו אַרבעטן פֿאַר זײער װױלשטאַנד.
אָבער איך װיל נישט זײן קײן שקלאַף. איך װעל בעסער
װערן אַ הײדוק. און מיר, אַלע הײדוקן, װעלן מיר צעבונ-
טעװען די דערפֿער און װעלן מאַכן אַ סוף מיט דער אומ-
גערעכטיקײט.

דער קלױסטער פֿון אײנציקן בױם",

---

*) אַ ספּעציעלער מין מיצן.

איז געמאַכט געוואָרן, ווי מען האָט געשמועסט, פון איין איינ-איינציקן דעמב, אָנהייבנדיק פון דאַך און פאַרענדיקנדיק מיטן אַלטאַר.

„ס׳איז געווען די צייט פון דער גרויסער מעסע, עטוואָס פאַר מיטאָג. מיר האָבן אַהין נישט געטאָרט אַריינגיין, ווייל דער צוטריט אין דעמדאָזיקן געטלעכן הויז, — פונקט ווי אין אַלע געשעפטן מיט רייכע וויטרינעס, — האָבן נאָר געהאַט די גאָספּאָדאַרן.

בריטשקעס, קאַרעטעס, רייט-פערד, קוטשערס, משרתים, האָבן געוואַרט, אין מאָלערישער אומאָרדענונג, אויף זייערע באַלעבאַטים, און זיי, די באַלעבאַטים, האָבן תּפילה געטאָן אין אַ קלויסטער באַשטימט פאַר זייערטוועגן (הגם ער איז געווען געמאַכט באַשיידן פון איין בוים), פונקט ווי זיי זענען גע-גאַנגען הולטייען אין הייזער, בלויז פאַר זיי איינגעאָרדנט און האָבן געטראָגן אַ צביעותדיקן נאָמען: „הייזלעך".

„מיר האָבן געוואַרט אויפן סוף פון דער מעסע און אויפן אָפּפאָר פון דידאָזיקע גוטע קריסטן, וועלכע שוואַכן אָפּ קריסטוסעס געבאָטן, פאַרכאַפּנדיק די גאַנצע ערד. זיי זענען אַרויס מיט פּנימער פון פרומע קצבים און ביים קלאַנג פון די גלאָקן האָבן זיי זיך אָנגעהייבן אַריינצוזעצן אין זייערע קאַרע-טעס, אַרויסרופנדיק אַ פּחד אין די רייען פון זייערע פלאַפּ-לערישע משרתים. מיר זענען פאַרקראָכן הינטער דערדאָזיקער פּראַכט-צערעמאָניע און, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, ווי פאַר-ברעכער, איז גראָזאַ מיט מיר אַריינגעדרונגען אינם פּוסטן קלויסטער, וווּ דער ריח פון מוסקוס, וואָס די בגדים פון די הולטייעס האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט, האָט זיגרייך געקעמפט מיטן ריח פון די קלויסטער-קטורת.

„דאָ איז מיין שטוינונג געוואָרן אַ סך גרעסער, ווי בעת איך האָב זיך געפונען לעבן די לוקסוס-געשעפטן. ס׳אַרא גרוי-סער חילוק צווישן דער אָרעמקייט פון אונדזער דאָרפישן קלויסטער און דער רייכקייט פון דעמדאָזיקן! ער איז געווען אַזוי רייך באַפּוצט ווי די וויטרינעס פון די געשעפטן.

„ביים ליכט פון די קאַלירטע גלאָזן, האָב איך צוזערשט באַמערקט דעם טונקעלן אַלטאַר, באַלאָדן מיט שניצווּנגען און סקולפּטורן. אינמיטן, גאָר אינדערהויך: גאָט דער זיגער, וועל־כער האָט געשטראַלט מיט געזונט, נישט געקוקט אויף זיין ווייסער באָרד. ער האָט געוויגן אין זיין לינקער האַנט די ני־דערטרעכטיקע ערד, וואָס ער האָט באַשאַפן לויט זיין גע־שטאַלט, בעת מיטן רעכטן ווייז־פינגער האָט ער אונדז גע־דראָט, כ׳ווייס אַליין נישט מיט וואָסער שטראָף. אויף ביידע זייטן פונם אַלטאַר־טויער, האָבן די הייליקע אַפּאָסטאָלן פּעטער און פּאָל — פּונקט אַזוי געזונט ווי זייער באַלעבאָס, — דער־פילט די פליכטן פון תּפיסה־וועכטער; דער ערשטער פירט אָן מיט דער קריסטלעכער פאַבריק, דער צווייטער טראָגט די שליסלען פון רעכטגלויביקן גן־עדן. נאָכדעם איז געגאַנגען אַ גאַנצע גאַלעריע הייליקע מיט פּאָליציי־אַישע בליקן, מאַרטי־רער און קלויסטער־זשאַנדאַרמען, וועמענס קליידער זענען געווען פון זילבער און פון מאַסיוון גאָלד; צוויי רייען רייכע גע־שניצטע שטולן מיטן נאָמען פונם גליקלעכן מתפּלל אויף די ווענטלעך; דריי שפּיגלען אונטערגעהאָנגען אויפן סופיט, צוויי אָנגעצונדענע מנורות פאַר קריסטוסן און פאַר דער הייליקער בתולה און צוויי גרויסע לייכטערס פאַרן אַמוואָן — אַלע פאַר־זען מיט ליכט פון ריינעם וואַקס. קוקנדיק אויף עטלעכע אומ־געהויער־גרויסע ליכט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז די זינד פון די מענטשן, וועלכע האָבן געבראַכט אַזעלכע מתּנות זענען זייער גרויס

„גראָזאַ האָט מיך אויף אַ רגע איבערגעלאָזט צוויש דעמדאָזיקן קריסטלעכן אַרסענאַל און אַליין האָט ער אָנגע־קלאַפּט אין דער קליינער טיר פונם קלויסטער־חדר. דער זינ־גער יאַאַקים האָט זיך באַוויזן. ס׳איז געווען אַ מענטש אין די פּערציקער, אַ קרעפּטיקער, אַ פליכעוואַטער, מיט גרויסע אַרויס־געדרוקטע אויגן, מיט אַ פּריילעכער מינע, מיט אַן אָנגעבלאָ־זענעם האַלדז

— אָט איז זי, אונדזער פריינט פּלאָריטשיקאַ, האָט אויף מיר פונדערווייטנס אָנגעוויזן גראַזאַ.

„ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף זיינע קורצע פיס און אַ רגע געבליבן שטיין ווי אַ צעטומלטער. זיין פּנים פון אַ פריילעכן גייסטלעכן האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ שטראַל פון אָראַנזש-קאָליר. ער האָט אויפגעהייבן די הענט צום הימל און אַ וואָרף געטאָן דאָקדאָזיקע גריכישע וואָרט מיט אַזאַ כּוח, אַז די שויבן האָבן אַזש אַ ציטער געטאָן:

— עוולאָגימעני! (וואָס הייסט: זיי געבענטשט).

„איך האָב זיך איבערגעשראָקן און געהאַט חשק צו אַנטלויפן, אָבער איך האָב דערזען, אַז גראַזאַ שמייכלט און ווינקט צו מיר מיטן אויג. דער זינגער האָט פאָרטגעזעצט, הגם מיין שרעק האָט כּסדר זיך פאַרגרעסערט. נאָר דער פאַרגעניגן צו הערן דידאָזיקע שטימע, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דער גרעסטער אין רומעניע, האָב מיך פאַרהאַלטן אויפן אָרט.

— געבענטשט זאָלן זיין דיינע פייכטע אויגן! געבענטשט זאָלן זיין דיינע פייכטע ליפּן! זאָל זיין געבענטשט די גאַנצע פייכטקייט פון דער ערד, וואָס גיט פון זיך אַרויס אַזעלכע פּירות!

„איך האָב געפילט, אַז איך רויטל פון די אַלע פייכטע ברכות, אָבער יאַאַקים האָט תּיכּף אָנגעהייבן צו ריידן וועגן טרוקנקייט. ער האָט געזוּנגען אויפן „אַכטן טאָן":

— ווייל דיין פייכטקייט, גאָט, גיט די מעגלעכקייט איבערצוטראָגן די טרוקנקייט אויף דיין ערד, אויף דיין ערד, מיין אַלמעכטיקער גאָט!

„גראַזאַ האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און אים אָפּגעשטעלט:

— לאָז איבער איצט דיינע פאַלשע פּסאַלמען, געפילט מיט פייכטקייט און טרוקנקייט, און לערן מיט איר דעם אַלף־בית. דו פאַרגעסט, אַז מיר נעכטיקן נישט אין דער „אכסניה פון גוטן אָנקום", נאָר אין אַ כאַטקע.

„דער זינגער האָט געקוקט אויף אים אַ ווײַלע און באַלד דערויף האָט ער ווידער אָנגעהייבן:

-- די, וועלכע שלאָפן צוזאַמען אין אַ כאַ—אַ—אַ—טקע וועט זיי זײַן וואַרעמער ווי דעם, וואָס שלאָפט איינער אַליין אין אַ פּאַ—אַ—אַ—לאַץ!

— אָבער מיר שלאָפן נישט צוזאַמען, משוגענער! — האָט גראָזאַ אויסגערופן.

— אַ טייכע—ע—לע גיי—יי—ט אין טײַך! אַ פרוֹ—וֹ—וֹי און אַ מאַ—אַ—אַ—נסביל גיי—ע—ע—ן...

— ...גייען צו אַלדע שוואַרץ יאָר! — האָט געריטשעט מײַן פרײַנט, טרייסלענדיק דעם זינגער פאַר די הענט. דו ווילסט איר לערנען אַלף־בית, צי ניין? האָסט דאָך מיר פאַר־שפּראָכן!

-- יאָ, — האָט געזאָגט יאָאַקים, קריכנדיק צו מיר ווי אַ נאַכט-וואַנדלער; — יאָ, איך האָב צוגעזאָגט און איך הייב אָן.

„נאָכדעם, אָנקוקנדיק מיך מיטן אָרנטלעכסטן בליק אין דער וועלט:

— פלאָריטשיקאַ! שוואַרצע טײַבעלע! רעד נאָך מיר: אַל—פאַ... ווי—טאַ... גאַמ—מאַ... דעל—טאַ... עפּסי—לאָן...

„איך האָב אים נאָכגעזאָגט אָן שום שרעק ביזן סוף פון אַלף־בית.

— עטאַטאָס! עטאַטאָס!*) — האָט ער אָנגעהייבן צו שרייען אין גריכיש. — בלויז איין חסרון, אַ קלייניקייט דאַרף מען פאַריכטן. דאָס זענען די דריי אותיות, וועלכע ס'איז שווער אַרויסצוריידן: גאַממאַ, דזעטאַ און טהיטאַ. פאַר דער גאַממאַ דאַרף מען מאַכן מיטן האַלדז, פּונקט ווי בעתן שווענקען. פאַר דער דזעטאַ דאַרף מען נאָכמאַכן דעם גערויש פון אַ ווינט. וואָס שייך דער טהיטאַ, איז עס ענ־לעך צו דער פייפערײַ פון אַן אויפגערעגטער גאַנז. אַלזאָ,

---

*) אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט!

חזר-זשע איבער און באַווייז מיר גלייכצייטיק דיין מויל. איך וועל דיר העלפן.

„איך האָב אויסגעשפּראָכן. ער האָט פון נאָענט געקוקט אויף מיין מויל און מיטן פינגער זיך צוגערירט צו מיין גאָמבע. אָבער פּלוצלונג איז ער אָפּגעשפּרונגען פון מיר, גלייך ער וואָלט זיך אָפּגעבריט ער האָט פאַרלייגטביידע הענט אויפן פּליך, און האָט אָנגעהייבן אַרומצולויפן איערן קלויסטער מיט אַ קלאָגעריי.

— ווי איז צו מיר! ווי איז צו מיר! דאָסדאָזיקע מויל איז דערזעלבער קוואַל פון וועלכן די אַמאָליקע געטער האָבן אַרויסגעצויגן דעם נעקטאַר, וואָס האָט פאַרשיכּורט! דאָסדאָזיקע מויל איז באַשאַפן געוואָרן, נישט כּדי איבערצוחזרן דעם אלף-בית, נאָר כּדי צו פאַרשפּרייטן לעבן און טויט! וועגן דעם-דאָזיקן מיידל האָט מסתּם דער באַגייסטערטער זקן געזאָגט: „מיין טייבעלע, וואָס פאַרשטעקט זיך אין די שפּאַלטן פונם פעלז און אין די פאַרבאָרגענישן פון די הימלען, באַווייז מיר דיין בליק, לאָז מיר הערן דיין שטימע...” יאָ, דיין בליק, דיין שטימע... און אויך דיין מויל, האָט ער געדאַרפט זאָגן. אָבער, אַ שלמה, צוואָס האָבן אַזאַ האַרץ, וואָס בעט זיך הערן און זען אַזויפיל פיינע זאַכן, בעת אַליין ביסטו העסלעך, ווי אַ מאַלפּע? אָבער וואָס בין איך שולדיק, אַז מיין האַרץ ליגט אויף לינקס, ווי ביי אַ שוטה און נישט אויף רעכטס, ווי ס׳דאַרף לויט דיין מיינונג זיין ביי אַ חכם? אָ, גאָט! דו קענסט מיינע באַרישקייטן און מיינע פעלערן, זיי זענען פון דיר נישט פאַרבאָרגן.

„דערנאָכדעם איז יאָאַקים שנעל צוריקגעקומען און צו מיר געזאָגט, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט, אויפן מאַניר פון איידעלע:

קאָרי-מו! קאָריטזאַ-קימו!*) באַליידיק מיך

*) מיין טאָכטער! מיין טאָכטערל!

נישט, אָננעמענדיק מיך פאַר אַ גראָבן-יונג! מיין שטותעריי איז נישט געפעררלעך און מיין זינד איז אין וואָרט! דאָס איז מיין גאַנצער פאַרברעכן... נעם פון מיר נישט צו דאָס בילד פון דיין שיינקייט. איצט „גיי געזונט" און קום צוריק צו מיר „געזונטערייט". איך וועל דיך לערנען גריכיש מיט דער קאָמ-פעטענץ פון אַ געלערנטן און מיט דער איבערגעגעבנקייט פון אַ פריינט.

„איך האָב אַ קוש געטאָן דעם זינגער איןביידע באַקן און געזאָגט:

— יאָאַקים, דו ביסט דער ערשטער מאַנסביל, וואָס איך קוש אין מיין לעבן.

* * *

„דער זינגער פונם „קלויסטער פון איין איינציקן בוים", האָט אַ גאַנץ יאָר מיך געלערנט גריכיש און אַ סך אַנדערע זאַכן. ס'איז געווען אַן אויסטערלישער לערער: דאָ איז ער געווען העפלעך, באַשיידן, כמעט שעמעוודיק, און דאָ צעדולט חוצפהדיק, כמעט משוגע. ביי דעם אַלעם, האָט זיין טעמפּע-ראַמענט מיר אַנטפּלעקט אינטערעסאַנטע ווינקלען פון דער מענטשלעכער נאַטור, און אַזוי מיט מיין פאַרשטאַנד און כאַראַקטער בין איך נישט געווען ענלעך צו אַלע אַנדערע מיידלעך אין מיין עלטער, האָב איך העפלעך נאָכגעגעבן זיינע אַלע פאַרלאַנגען — אגב נישט קיין שרעקלעכע — פשוט כדי נאָכצושטימען, צי זיין ריינקייט איז אַן אמתע, אָדער בלויז אַ פאַלשע מאַסקע.

„ס'איז געווען אַן אמתע.

„מיינע לעקציעס זענען פאָרגעקומען צוויי מאָל אַ וואָך, תמיד אין פוסטן קלויסטער, נאָך דער פאַרמיטאָגדיקער מעסע. גראָזאַ איז זייער אָפט געווען אויף דידאַקטישע לעקציעס. טייל-מאָל האָט ער אונדז איבערגעלאָזט אַליין. אָבער צי מיר זענען געווען אַליין, צי גראָזאַ איז מיט אונדז געווען — יאָאַקים

איז תּמיד געווען איין און דערזעלבער מענטש. וויסנדיק, אַז זיין שטימע גיט מיר מער פאַרגעניגן ווי זיינע גריכישע לעק-ציעס, האָט ער רעגלמעסיק יעדע לעקציע אָנגעהייבן מיט אַן אויסברוך פון געטלעכע הימנס, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין מיין נשמה, ווי גאַנצע שטראָמען ליכט. צו זיינע הימנס, פּסאַלמען און אימפּראָוויזאַציעס האָט קיין סוף נישט געקומען, און דאָסזעלבע מיט זיינע וואָקאַלע מאָדוליאַציעס. זיין אויפ-ריכטיקייט פלעגט אים טיילמאָל אַריינפירן אין עולם-הדמיון. איינמאָל, בעת ער האָט געזונגען, אַרומשפּרייזנדיק אַהין און צוריק איבערן קלויסטער, האָט ער זיך לגמרי פון מיר פאַר-געסן און איז אַוועק אין קלויסטער-צימער, ווו איך האָב אים נאָכדעם געפונען אין טרערן. אָבער דידאָזיקע אויפריכטיקייט פלעגט מיך טיילמאָל שטעלן אין אַן אומבאַקוועמע לאַגע; אָפטמאָל, נישט איבעררייסנדיק די לעקציע און אָנקוקנדיק מיך מיט זיינע גוטע אָקסענע אויגן, פלעגט ער אַרויפלייגן זיין האַנט אויף מיין בויך, אָדער אויף מיינע ברוסטן, און זיך אַנטשולדיקט אָט אַזוי:

— איך האָב קיינמאָל נישט אַוועקגעלייגט מיין האַנט אויף אַזעלכע אָנגענעמע זאַכן, און איך וויל נישט שטאַרבן, נישט האָבנדיק באַקענט זייער וואַרעמקייט. פלאָריטשיקאַ, דער-לויב עס מיר? אַלע אידיאָטן קענען דעמדאָזיקן תּענוג און שאַצן עס נישט אָפּ, בעת איך שאַץ עס אָפּ, נישט קענענדיק! דו גיסט מיר גליק דורך אַזאַ קלייניקייט! אינגיכן וועסטו זיך אויסשעפּן, און קיינער וועט זיך צו דיר נישט באַציען מיט מער דרך-ארץ. און שרעק זיך נישט, אַז איך וועל צו וייט פאַרקריכן אויפן וועג פון דעמדאָזיקן גליק; ווייל אויב אפילו קהלת איז גערעכט, אַז „דער סוף פון דער זאַך איז בעסער פונם אָנפאַנג", איז אָבער אויך אמת דאָס, וואָס אַ סך אָנהייבן שטייגן איבער אין לעבן דעם סוף. אמת איז אויך דאָס, אַז אויפן לעבן דאַרף מען קוקן מיט אַנדערע אויגן, ווי ק ה ל ת.

„איך האָב אים דערלויבט דאָסדאָזיקע גליק און פּסדר געוואַרט, אַז אָט-אָט וועט ער גיין ווייטער. אָבער דאָס האָט

נישט פּאַסירט. נישט נאָר וואָס ער האָט בײַ מיר מער נישט געפאָדערט, אָבער אפילו צו דעם פאַרגעניגן האָט ער זיך אויך נישט אומגעקערט און האָט פון אים פאַרגעסן. דאָך, קענענדיק פון זײַער לאַנג די סודות פונם חיהשן לעבן און פילנדיק אַן עקל צו די שקרים, וואָס האָבן מיך גאַנץ אָפּט געפרעגט, צי האָב איך אַזאַ פּשוטע זאַך געדאַרפט אָפּזאָגן אַ מענטשן, אַ דאַנק וועלכן איך האָב איבערגעלעבט די בעסטע שעהן אין מײַן לעבן, וועלכע האָבן זיך שוין נאָכדעם נישט איבערגעחזרט? איך האָב אים געוואָלט אַרויסווײַזן מײַן דאַנקבאַרקײַט, שענקען אים אַ מתנה, איבערלאָזן אים עפּעס וועגן זיך אַ דערינערונג.

— און וואָס? אַ קערבל פרישע אײער? הינדלעך? אַ טאָפּ מיט פּוטער? אַ דוגיטצע מיט האָניק? מײַן הויז איז פול דערמיט! ווען דו וואָלסט מיר געקענט געבן אַ הײליקן מיט אַן אָרעאָל פון מאַסיװן גאָלד, אָדער פּאַטשערקעס פון זעלטענעם בורשטין, אָדער גאָר אַ פּרעכטיקן נאַרגיל פון סמירנע, וואָלט איך עס אַלץ נישט געוואָלט. די גאָספּאָדאַרן, וואָס האָבן ליב מײַן שטימע, פאַרדרײען מיר דעם קאָפּ מיט דידאָזיקע געשמאַקלאָזע זאַכן. וואָס איך וואָלט געוואָלט און פון וואָס איך וואָלט געקענט זײַן שטערבלעך גליקלעך, דאָס נישט דו און נישט גאָט קענט איר מיר עס געבן: דאָס איז אַ קערפּער און אַ פּנים, וואָס זאָל זײַן מער ווערט מײַן שטימע און מײַן האַרץ. זײ וואָלטן מיר געגעבן די מעגלעכקײַט צו לעבן ווי ס׳געהער צו זײַן און נישט גוססן אין דערדאָזיקער אײזלפעל! דאָס האָט גאָט מיר נישט געוואָלט געבן; ער האָט נישט געוואָלט געבן דעם נאַכטיגאַל די פעדערן פון אַ פּאַווע. אפשר האָט ער גוט געטאָן, ווײַל מען זאָגט, אַז אויב אַ חזיר וואָלט געהאַט הערנער, וואָלט ער פון אַלץ אַ תל געמאַכט.

„אָט אַזאַ מענטש איז געווען דער זינגער יאָאַקים, אויף וועלכן מען האָט אַזױפיל רכילות געטריבן. אינמיטן זומער, אין אַ יאָר אַרום נאָך מײַן אויפהערן זיך לערנען, האָב איך אין אים געמוזט דערקענען אַן אַנדער מענטש, און דידאָזיקע

אַנטפּלעקונג האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע שטוינונג נישט נאָר אין דער גאַנצער שטאָט, נאָר אויך ביי מיר און אפילו ביי גראָזאַן.

„איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן. און שיין ווי איר זעט מיך איצט. דידאָזיקע שיינקייט האָט צו מיר צו־געצויגן אַ סך יונגעלייט און צווישן זיי דעם זון פון אונדזער גאָספּאָדאַר באָלנאַוול, אַן אייגנטימער פון צוואָנציק טויזנט העקטאַר ערד און וועלדער, ווי אויך פון צאָלרייכע סטאַדעס. פאַר דעמדאָזיקן פּריץ מיט אַן איינאויגיקן לאָרנעט, וועלכער האָט נישט לאַנג פאַרענדיקט זיין שטודיום, בין איך געווען אַ שיין צווייפיסיק שעפסעלע, וואָס מען האָט געקענט לייכט איינבייסן. און זי אַליין האָט אויך געדאַרפט זיין צופרידן, דער־וועקנדיק אַזאַ מאַיעסטעטישן אַפּעטיט. ער האָט זיך אפילו נישט געקענט פאָרשטעלן, איך זאָל אים געבן אַ ווידערשטאַנד. ער איז געווען איינער, איך בין געווען עפּעס, וואָס האָט זיך צו־פעליק געהאַלטן אויף די פיס און האָט זיך געדאַרפט אויס־ציען ביים ערשטן ווונק פונם באַלעבאָס. זיין תורה האָט אים קיין שום נוצן נישט געבראַכט, ווייל באַלד פון אָנהייב האָט ער מיך שוין באַליידיקט.

„איינמאָל אין אַ זונטיק פונם זומער, ווען ס'האָט זיך אַנטשיידן גראָזאַס גורל, איז דער קאָקאָנאַש *) מאַנאָלאַקי, — ווי ס'האָבן אים אָנגערופן די פּאַראָבקעס, — אָנגעקומען אויף אַ דאָרפס־האָרע צוזאַמען מיט זיין יינגערע שוועסטער, פּראַוועננ־דיק מיט אַ מאַיעסטעטיש פערד, איינגעשפּאַנט אין אַ בריטשקע. ער פלעגט קומען, אונדזער מאָרגנדיקער באַלעבאָס, כדי מען זאָל זיך צו אים צוגעוויינען און כדי צו באַטראַכטן די סטאַדע, וואָס ליפערט פליש אויף פאַרגעניגן. אַן אומבאַגרענעצטער הערשער, פון גאָטס געדנאַד און פון מענטשלעכער נאַרישקייט, האָט ער תיכף דערלאַנגט אַ געזאָלצענעם וויץ. זיין שוועסטער, אַזאַ בהמה ווי ער, האָט דערויף נישט רעאַגירט, און דער עולם

*) פּריצישער זון.

האָט עס אויפגענומען, ווי מן פון הימל. די זקנים האָבן אויפגעהייבן די קאַטשולעס, אַנטבלויזנדיק זייערע שיינע זילבערנע האָר; די יוגנט האָט ווידער גענומען טאַנצן מיט מער ברען, כדי נושא חן צו זיין ביי די חשובע באַזוכער; און דער *פּאָמאָיניץ*, אַ פאַרשקלאַפטע בריאה, האָט געהאַלטן אין איין שיטן די געמיינסטע וויצן. אויף זיין באַפעל, האָט דער קרעטשמער אָנגעגאָסן עטלעכע *אָקאַס* וויין, און די טרינקער האָבן געווונטשן די פרייגיביקע געסט „געזונטע און לאַנגע יאָר". נאָכדעם האָבן זיי געטרונקען לחיים מיט אַלעמענצער, איבערלאָזנדיק די ברייטשקע אונטער דער אויפזיכט פון אַ יונגן פויער.

„אין דערזעלבער רגע, אויסנוצנדיק זייער אָפּוועזנהייט, האָב איך אויף אַ רגע פאַרלאָזן גראָזאַן און, נישט פאָלגנדיק אים, בין איך אַוועק אַ גלעט טאָן די שיינע חיה, וואָס האָט געשלעפּט די מענטשלעכע משא. איך האָב זייער ליב געהאַט שיינע פערד, און ווען איך פלעג זיי זען, האָב איך זיך נישט געקענט אָפּזאָגן אינם פאַרגעניגן זיי אַ גלעט צו טאָן איבערן האַלדז. איך האָב טייער באַצאָלט פאַר דעמדאָזיקן פאַרגעניגן, ווייל אומגעריכט זענען אָנגעקומען די ביידע פּיאַוועס און איך בין געווען געצוווּנגען אויסצוהאָרכן זייערע רייד. זיי האָבן גערעדט וועגן מיינע שיינע קליידער און וועגן מיין ליבע צו פערד. זיי זענען געווען גאַנץ העפלעך. נאָר דער *קאָקאָנאַש* האָט זיך דערמיט נישט באַנוגנט. ער האָט געוואָלט מיך גליקלעך מאַכן, אַראָפּשליידערנדיק מיר פון זיין הויכן געזעס אַ גאָלדענע מטבע, באַשטימט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אויף אומשולדיקע פאַרגעניגנס". איך האָב באַדעקט מיין פּנים מיט ביידע הענט און אַנטלאָפן געוואָרן, איבערלאָזנדיק דעם *גאַלבען* דאָרט, וווּ ער איז געפאַלן. די שקלאַפן אין דער באַלעבאָס האָבן געשטויסנט אויפן בייזן וווּנדער.

„גראָזאַ איז געלעגן אויפן גראָז ווייט פון דער *האָראַ* און האָט זיך דערוווּסט פון דערדאָזיקער געשעעניש לויטן רושם, וואָס זי האָט געמאַכט אויף די פויערים, נאָכן אַוועקפאָר

פונם פריץ. ער איז געקומען צו מיר צולויפן און געטראָפן מיך אַ וויינענדיקע. צום ערשטן מאָל האָב איך דעמאָלט געוויינט מיט ביטערע טרערן.

„קורץ דערנאָך איז מיר ווידער אויסגעקומען צו וויינען.

„דער אויפריכטיקער ווידערשטאַנד פון אַ פרוי מאַכט נישט קיין שום ווירקונג אויף אַ פּראָסטן מענטשן, ער ווייסט נישט, ווו ס'ענדיקט זיך די פאַרלעגנהייט פון אַ יידענע און ווו ס'הייבט זיך אָן דער טיפער עקל פון דער ווירדיקער פרוי. אַלץ איז דערלויבט דעמדאָזיקן חזיר, וואָס הערשט אויף דער ערד.

„אין אַ משך פון צוויי חדשים האָט דידאָזיקע חיה מיך געפּרוווט איבערצוצייגן, אַז דער זין פון מיין לעבן — איז באַדינען זיינע פאַרגעניגנס. פיר מאָל האָב איך זיך אויסגעדרייט, שפּייענדיק אים אונטער די פיס. זעענדיק, אַז ער קען גאָרנישט מאַכן, האָט ער מיך געוואָלט פאַרגוואַלדיקן. דעמאָלט האָט ער זיך באַגעגנט מיט גראָזאַס האַנט און מיט זיין גאַרבאַטשיו *).

„איצט האָב איך געהאַט אונטער מיין אויפזיכט הונדערט פּופּציק שעפּסן, אַ דריטל האָט געהערט צו מיין פריינט פון מיין קינדהייט און די איבעריקע צוויי דריטל צו מיין מאַמען און מיר. איך האָב זיך געפילט גליקלעך, הגם ס'האָבן מיך געדריקט פאַרשידענע זאָרגן און די באַאומרויקונג, אַז אָט־אָט קומט דער מנובל. איך האָב געוווסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך אַרויפוואַרפן אויף מיר, ווי אַ שפּאַרבער אויף זיין רויב. גראָזאַ האָט מיך פאַרזען מיט אַ פּיסטאָלעט און מיט אַ קליינעם קינזשאַל, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַרשטעקט ביי מיינע לענדן. צוליב מער פאָרזיכטיקייט פלעגט ער קומען פון פּאַלאַניע יעדן אָוונט, כדי צו פאַרברענגען מיט מיר אַ שעה אָדער צוויי און העלפן מיר פאַרטרייבן די סטאַדעס. די פיינע טעג פון צאַרטער פריינטשאַפט, זייט ביי זייט מיט

*) אַ לאַנגער קאַנטשיק, צונויפגעפלאָכטן פון שטריק.

אונדזערע דרײ הינט, אויפגעמונטערט דורך אונדזערע גרויס-מוטיקע הערצער, פאַנאַנדערגעפלאַמט דורך אונדזערע האָפע-נונגען, אײנגעוויגט דורך אונדזערע פלײטעס — ווי ווײט איר זענט איצט פון מיר!

„אײנמאָל, אין אַן אויגוסט-אָוונט, וואָס האָט געברענט מיט גאָלדענע זונען-שטראַלן, איז געקומען דער אומגליק. דער „קאָקאָנאַש" איז געווען אײנער אַלײן, רײטנדיק אויף אַ פערד. נישט געקוקט אויף גראָזאָס אָנוועזנהײט האָט ער זיך צווערשט מיט מיר באַגריסט און נאָכדעם אַ פרעג געטאָן:

— נו, און הײנט ביסטו שוין נישט אַזוי שלעכט?

„איך האָב אים קײן וואָרט נישט אָפּגעענטפערט און אַוועק, אויסדרײיענדיק זיך צו אים מיט דער פלײצע. גראָזאַ, וועלכער איז געשטאַנען בײ אַן אַזיערע, האָט אָנגעהײבן מיט זײן גאַרבאַטשו צו שלאָגן איבערן וואַסער־אויבערפלאַך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אײנעצן די שטריק, כדי בעסער מכבד צו זײן דעם אומגעבעטענעם חוצפּהניק. אַ שרעקלעכע תאווה פון פרײד האָט אָנגעפילט מײן ברוסט, בײם געדאַנק, אַז מײן שטאַרקער דרײסטער פרײנט וועט באַלד פאַר מיר נקמה נעמען; אָבער מײן פאַרשטאַנד, פאַרנעפּלט דורך מײן כעס, האָט זיך נישט פאַרטראַכט וועגן די קאָנסעקווענצן פון דעמדאָזיקן שרעקלעכן טאַט.

„דער באָיאַר איז אַראָפּ פון זײן פערד און איבערלאָזנ-דיק עס, האָט ער געוואָלט מיך נאָכגײן מיט לאַנגזאַמע טריט. גראָזאַ איז אויסגעוואַקסן פאַר אים, גלײך ווי אַ יעצלינע און רויק ווי אַ פילאָזאָף. דער צווײטער איז אויך געווען גלײך, אָבער נישט רויק. זײן גאַנץ ביסל בלוט איז אים צוגעפלאָסן צום פּנים.

— וואָס ווילסטו?

— גאָרנישט... האָט גראָזאַ געזאָגט, — איך וויל בלויז ויסן, וואָס דו ווילסט, דו...

„אַן אויפגערעגטער, וואָס אַ פשוטער פויער האָט אים די העזה צו דוצן, האָט דער אומגליקלעכער זיך אַ כאַפּ געטאָן

פאַרן פיסטאָלעט. אין אַ רגע אַרום איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד, אַן אַנטוואָפנטער, און איידער יענער האָט באַוויזן זיך אויפצוהייבן, איז גראָזאַ געזעסן אויפן פערד פון אונדזער באַלעבאָס. דאָס, וואָס ס׳איז שפעטער פאָרגעקומען, האָט מיר באַוויזן די שנאה, וואָס ס׳איז געווען באַהאַלטן אין מיין פריינטס הארץ. אָנשטאָט צו אַנטלויפן, ווי איך האָב געטראַכט, האָט ער גאָר אָנגעהייבן צו שמייסן דעם „קאָקאָנאַש״ מיט זיין פייכטן קאַנטשיק, באַמיענדיק זיך צו טרעפן אין קאָפּ אַריין; ער האָט אים געיאָגט אַהין און צוריק איבערן פאַרוויסטן פעלד, ווו מען האָט געהערט די מוראדיקע געוואַלדן פונם געשלאָגענעם; גראָזאַ איז געווען אַזוי בייז, אַז ער האָט געשלאָגן דעם „קאָקאָנאַש״, הגם יענער איז שוין געלעגן אויף דער ערד צעבלוטיקט און אומבאַוועגלעך.

„גראָזאַ האָט מיך דעריאָגט, רייטנדיק אויפן פערד. דאָס איז נישט געווען דערזעלבער גראָזאַ. זיין אָנגעשוואָלן אומבאַוועגלעך פנים האָט אויסגעקוקט ווי ביי אַ מת. זיינע אויגן, אָנגעלאָפן מיט בלוט, זענען נישט געווען ענלעך צו קיין מענטשלעכע אויגן. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אָדערן אויפן האַלדז פּלאַצן. די אונטערשטע ליפּ איז געהאָנגען, ווי ביי מענטשן, וואָס קענען נישט איינשטילן זייער כעס. זיין שטימע איז אויך נישט געווען דיזעלבע, בעת ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז געווען מיין ערשטער נקמה-שלונג. דאָס קילט אַזוי אָפּ, ווי קאַלט וואַסער, וואָס דו טרינקסט, בעת עס וואַרפט דיך אין קדחת. איצט, פלאָריטשיקאַ, פאַרלאָז איך דיך אויף שטענדיק. איך ווער אַ היידוק. איך וועל נישט זיין איינער אַליין: זיבן יאָטן פון פּאַלאָניע מיט דער ערגסטער רעפּוטאַציע באַגלייטן מיך. דאָס זענען נישט קיין פריינט מיט צאַרטע הערצער, ווי דו און יאָאַקים, און דעריבער איז מיר אומעטיק אויפן האַרצן; זיי זענען בלוטדורשטיק און לעכצן נאָך אַ ווילד לעבן; זיי קענען די וועלדער ווי איך, און זעבען גרייט צו גיין אין פייער אויף מיין באַפעל. מיר זענען

שוין אַלע גרייט אין וועג אַריין. מאָרגן באַגינען וועלן מיר שוין זיין אין הירשן-וואַלד, הינטער דעם „איינגעבויגענעם פעלז". קום צו מיר. דאָרט וועל איך מיט דיר לענגער ריידן, אויפקלערנדיק דיר, וואָס דו האָסט צו טאָן. איצט מוז איך זיך יאָגן קיין בוזע — אָנזאָגן יאָאַקימען און אַ קוש טאָן אים צום לעצטן מאָל.

„און אָנווייזנדיק מיר אויף זיין ערשטן קרבן, האָט ער צוגעגעבן:

— דער מנובל איז נישט טויט און איך האָב עס נישט געוואָלט. איך וויל, אַז דער יונגערמאַן זאָל מיך האָבן צו גע-דענקען זיין גאַנץ לעבן, הויפּטזעכלעך, ווען ער וועט אַ קוק טאָן אין שפּיגל אויף זיין פּרעסער. איך האָב אים גוט צוגערעכט געמאַכט. דאָס פערד וועל איך פאַר זיך צונעמען. און די, אין וועלכע ס'וועלן זיך נייטיקן מיינע חברים, וועלן מיר זיי בעמען אין די שטאַלן פון זיין טאַטן.

„די נאַכט האָט זיך שוין כמעט געהאַט אַראָפּגעלאָזט... די סטאַדע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשאָטן, בעת גראָזאַ האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן „קאָקאָנאַש", האָט געהאַלטן אין איין מעקען. מיין פריינט איז אַרומגעפאָרן מיטן פערד, אויפגעזאַמלט זיי און געהאָלפן זיי פאַרטרייבן. און מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ פון דערדאָזיקער געשעעניש, האָב איך זיך געפילט ווי אַ פרעמדע אויף מיין ערד און צווישן מיינע שעפסן. אין יענעם אָוונט האָב איך זיך צעשיידט מיט גראָזאַן, וואַרפנדיק זיך דערנאָך אויפן האַלדז פון מיין געליבטן הונט.

„אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט אויפגעהערט צו וויינען.

„אויפצומאָרגנס גאַנץ באַגינען בין איך אַוועק צום „איינ-געבויגענעם פעלז". גראָזאַ און זיינע זיבן חברים זענען שוין דאָרט געווען. חוץ זיי איז דאָרט געווען אַ דיקער פּי-הענדלער פון בוזע און יאָאַקים. אָנווייזנדיק מיר אויפן סוחר, האָט גראָזאַ צו מיר געזאָגט:

— פּלאָריטשיקאַ, אויס פּאָרזיכטיקייט איז מיר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ צו רופן דעמדאָזיקן פריינט. איך ראַט דיר,

אים איבערצוגעבן דיין גאַנצע סטאַדע שאָף. פאַר מיין חלק האָב איך שוין אָפּגענומען דאָס געלט. אויב דו ווילסט אים די איבעריקע פאַרקויפן, איז ער זיך מתחייב איבערצולאָזן ביי דיר די סטאַדע אַזוי לאַנג ווי דו וועסט וועלן, כּדי דערפון צו קענען לעבן. אין פאַל, אויב אונדזערע פאַרפאָלגער וועלן זיך וועלן צורירן צו דיין פאַרמעגן, דאַרפסטו זאָגן, אַז עס איז נישט דיינס, אַז די סטאַדע געהערט צום באַטשיו זאַמפיר.

„איך האָב גערן מסכּים געווען. דער באַטשיו איז אַוועק. אמת גערעדט, איז ער געווען אַן אומבאַשטימטער מענטש, אָבער אונדז האָט ער געבראַכט נוצן. און אָט איז אָנגעקומען די רגע פון צעשיידן זיך — די רגע, ווען איך האָב צום לעצטן מאָל אָנגעקוקט דעם בעסטן פריינט פון מיין לעבן. זיינע אויגן זענען געווען פאַרפלייצט פון טרערן. בעת ער האָט אָנגעהייבן ריידן, האָבן זיך אים די ווערטער געשטעלט אין האַלדז אַזוי, אַז ער האָט קוים אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער:

— ס'איז געקומען אַ סוף, פלאָריטשיקאַ, צו אונדזער לעבן... מיר זענען געווען אמתע פריינט... אַזוי קען בלויז אַ הונט. דו וועסט קיינמאָל נישט געפינען קיין אַנדערן גראָזאַ, און איך קיין פלאָריטשיקאַ! ס'איז שאָד, וואָס אַ פרוי קען נישט פירן קיין לעבן פון אַ היידוק! אַך, פילן דיין פריינטשאַפט און דיין שנאה לעבן זיך אינדערהויך, אין די בערג, אין וואַלד! אָבער גאָט האָט עס נישט געוואָלט, מיר וואָלטן ביידע משוגע געוואָרן!

— פאַרבלייב און האָרך אויס: אַ היידוק איז נישט בלויז דער, וואָס גייט אַוועק אין וואַלד. אין שטאָט, צווישן די גאַסּפאָדאַרן, קען מען אויך זיין אַ היידוק און אַ רעוואָלוציאָנער, פּונקט ווי די, וואָס לעבן אין די אינגעווייד פונם באַרג. אָבער דעמאָלט קומט אויס צו זיין פאַלש מיט די שטאַרקע און אויפריכטיק מיט די אונטערדריקטע. דו קענסט זיין פאַלש און אויפריכטיק: טאָ גיי-זשע אין וואַלד, פּרוּוו לעבן מיט וועלף, רעווע מיט זיי, באַטראַכט זייערע געוווינהייטן, באַקען

זיך מיט זײערע שוואַכקײטן און נאָכדעם שיס אים אין רוקן,
טו אַ טובֿה דעם פֿאָלק, נעם פֿאַר אים נקמה! בעסער גערעדט:
העלף מיר! דו ביסט מער אַנטװיקלט פֿון מיר, פֿײנער, כיט-
רער און חוצדעם זײער שײן! טו, אַלזאָ, װי איך: זײ מקריבֿ
דײן יוגנט, פּונקט װי איך בין מקריבֿ מײנע יונגע יאָרן!
דאָס פֿאָלק איז העסלעך און געמײן און יעדער אײנער, װאָס
דערהײבט זיך פֿון זײן סבֿיבֿה װערט העסלעך און געמײן. די
גוטע דערהײבן זיך קײנמאָל נישט. ס'איז געװען אַמאָל דער
זאַפּאָטשיו יאַנקאָ זשיאַנאָ און דער סליוגער זשודאָר װלאַ-
דימירעסקאָ, אײנער — אַ באָיאַר מיט אַ האַרץ, דער צװײ-
טער — אַ פּויער מיט אַ האַרץ, בײדע הײדוקן און רעװאָ-
לוציאָנערן, בײדע האָט מען אויף אַ פֿאַררעטערישן אופֿן דערמאָרדעט.
אָבער נאָך זײ האָט זיך שוין קײנער נישט דערהײבן און אויב
ס'האָט זיך עמעצער פֿונעם פֿאָלק דערהײבן, פֿלעגט ער עס נאָכ-
מער פֿאַרשקלאַפֿן. די עטלעכע הײדוקן, װעלכע פֿראַלן אַרום
דאָ און דאָרט, זענען קלײנלעכע „בונטאָװשטשיקעס“, אויף
װעלכע מען קוקט װי אויף גנבֿים. זײ בײטיקן זיך אַלײן אין
אַן אָנפֿירער, װעלכער װאָלט פֿאַרברײטערט דאָס פֿעלד פֿון
זײער טעטיקײט. מען דאַרף קענען שלאָגן מיט אַ פֿאַרנעם!
און נישט בלויז די גריכן און די טערקן, נאָר אויך די רומע-
נישע באָיאַרן. אויב מיר קענען נישט מוחל זײן דעם אויס-
לענדער, װאָס ער זויגט דאָס בלוט פֿון אונדזער לאַנד, קענען
מיר אװדאי נישט מוחל זײן דעם גאָספּאָדאַר, װאָס װערט דער
אינסטרומענט פֿון פֿרעמדן אונטערדריקער.

— און אָט, איך האָב זיך דערװאַרט אויף דעם טאָג,
כּדי דיר אַרויסצוזאָגן צוליב װאָס איך האָב דיר געצװוּנגען
זיך צו לערנען לײענען און שרײבן בײ יאָאַקימען און מיט
װאָסער כּװנה איך האָב עס אַלײן געטאָן. די ביכער לערנען
אונדז דאָס, װאָס אונדזער פֿאַרשטאַנד קען אַלײן נישט באַ-
גרײפֿן. מען דאַרף קענען די פֿאַרגאַנגענהײט און די איצטיקע
צײט, כּדי צו װיסן, װאָס צו פֿאַרלאַנגען אין דער צוקונפֿט.

אַרבעט פאַר דערדאָזיקער בעסערער צוקונפט. מען לערנט נישט גריכיש, כדי צו פּאַשען שעפּסן. טו, וואָס דיין קאָפּ וועט דיר זאָגן. דו האָסט געגוג שכל. אויף אַ האָר פון איר קאָפּ קען אַ פרוי אויפהענגען דעם גרעסטן טיראַן. מיט אַ פיינער אויף איר מויל, קען זי אים צווינגען ריידן אָדער שווייגן. אַלזאָ, זיי-זשע אַזאַ מין פרוי! וואָס שייך גאָלד, וועל איך עס דיר באַלד געבן.

— איך פאַרלאָז איצט דידאָזיקע געגנטן. מיר גייען אין די סביבות פון בראַילאַ, צו דער לעפּצונג פון דער בוזע און סערעט, ווו איך דארף מיך באַגעגענען מיט קאָסמאַן. אָבער איך וועל נישט אַרבעטן מיט אים. פון אים דאַרף איך זיך אויסלערנען עטלעכע זאַכן. אין די איבעריקע זאַכן וויל איך אַרבעטן לויט מיין אייגענעם פאַרשטאַנד. און נאָך עפּעס: אויב דו וועסט זיך אַמאָל נייטיקן אין מיר, גיב צו וויסן דעם קרעטשמער אורסו, וואָס האַלט אַ שענק ביים אַרויספאָר פון וואַדעני קיין גאַלאַץ. און אויב דו וועסט זיך וועלן דאָרט באַזעצן — איז נאָך בעסער. די פּאָטעראַ וועט דאָ זיין הייגט אינאָוונט. זי קען דיר גאָרנישט טאָן. וואָס שייך מיר, זאָל זי זוכן!

„בעת גראָזאַ האָט מיט מיר גערעדט, האָב איך באַטראַכט די פנימער פון זיינע חברים. יאָ, ווי ער האָט געזאָגט, זענען זיי געווען ווילדע מענטשן, אַנטשלאָסענע, אפשר אויך געטרייע, אָבער מער גאָרנישט. אַך! צאַרטקייט, צאַרטקייט! אויב דו וואָלסט געהערשט אינם האַרץ פון אַ מאַנסביל, וואָלט „אויפשטאַנד" געווען אַן אומפאַרשטענדלעך וואָרט. אָרעמער גראָזאַ! איך האָב אים באַדויערט, וואָס ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט צעבונטעוועטע מענטשן, בלויז מיט צעבונטעוועטע. פיינט האָבן, איז גוט. ליבן, איז נאָך בעסער. נאָר דער, וואָס קען פיינט האָבן און וואָס קען ליבן — דער ווייסט דעם גאַנצן ווערט פונם לעבן!

„צום גליק האָט די ליבע ביי גראָזאַן געוואַכט. זי איז געווען נאָענט פון אים, און דאָך האָט קיינער דערפון נישט געוווסט.

„איך האָב באַמערקט, אַז יאַאַקים האָט געהאַט אַ מאָדנעם אויסזען. איינגעהילט אין אַ לאַנגער געבאַ*) ביז צו די פּיעטעס און מיט אַ טערקישער קאַטשיולאַ, אַראָפּגעלאָזט אויף דער נאָז, האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ גרויס קעסטל פון שוואַרץ־האָלץ. דאָס קעסטל איז, קענטיק, געווען אַ שווערס, ווייל יעדע רגע האָט ער געביטן די הענט. זיין פּנים, געווײנלעך רויט, איז איצט געווען ערנסט, פאַרדאגהט, בלאַס. איך האָב געמיינט, אַז ער איז צעררודערט פון דער צעשיידונג, וואָס שטייט אים פאָר, און איך האָב צו אים געזאָגט:

— מיין גוטער יאַאַקים... דו ערגערסט זיך, פּונקט ווי איך...

— ניין... — האָט ער געזאָגט, טרייסלענדיק מיט זיין גרויסן קאָפּ, ניין... איך ערגער זיך נישט, ווי דו. איך ערגער זיך ווי גראָזאַ.

„דער היידוק האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. דידאָזיקע רייד האָבן אים פאַראינטריגירט, אָבער מיר ביידע האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — האָט אים מיין פריינט אַ פרעג געטאָן.

— איך וויל זאָגן, גראָזאַ, אַז איך ערגער זיך, ווי דו און נישט ווי זי.

— גוט... דאָס האָבן מיר שוין געהערט, אָבער דערקלער.

— איך דערקלער!

„ער האָט דערקלערט זינגענדיק, ערנסט, ווייך, גאַנץ שטיל, דאָס פּנים אויסגעצויגן, די אויגן אַרויסגערוקט און דאָס קעסטל כסדר אַריבערגעטראָגן פון איין האַנט אין דער צווייטער.

*) אַ ברייטער פויערשער פלאַשטש, ס'רוב שוואַרץ.

מיר האָבן אים אויסגעהאַרכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון גרויס חידוש.

— איך ערגער זיך ווי דו, מיין טייערער גראָזאַ, ווייל איך פאַרלאָז אויך פלאָריטשיקאַ—אַ—ן. איך גיי אויך ווערן אַ היידו—ו—ק! ווי דו—ו—ו—ו!... און מיט די—י—ר, אויב דו ווילסט מי—י—ך!... אַזוי איז עס!... דער קלויסטער שטייט מיר שוין אין האַ—אַ—לדז. פאַ—אָ—פן! פראַטאָפּאָ—אָ—פן! קטורת! פאַראַסטאַס *), מיסט! טויטע און ניי-געבוירענע: גלויבן נישט אין גאָט און אין זיין געבאָט! — חתונות און טויפונג: איז פּשוטע לעסטערונג. — געטלעכקייט: איז גייציקייט! — ליבע צו גאָט, זיי געזונט!

„גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געגאָסן פון אונטער זיין היטל. ער איז געבליבן שטיין אויף אַ רגע, נאָכדעם האָט ער אויפגעעפנט זיין קעסטל, פול מיט גרויסע און קליינע דוּ-קאַטן און טייערע שטיינער: דימענטן, רובינען, סאַפּירן, שמאַ-ראַגדן, טירקל-שטיינער. ער האָט זיי דורכגעפירט אונטער אונ-דזערע נעז און אויסגעשריגן מיט אַ טאָן פון אויפריכטיקן כעס

— אָט דאָס איז אַלץ, וואָס דער קלויסטער, די גאָספּאָ-דאַרן און גאָט אַליין קענען געבן דעם מענטש, וועלכער ניי-טיקט זיך אין ליבע! ווייל איך האָב געהאַט אַ שטימע, וואָס דערהייבט די נשמה, האָט מען מיך אָפּגעריסן פון מיינע בערג, פון מיינע טאָלן, פון מיינע באַראַנעס, פון מיינע הינט, און פאַר די אַלע אוצרות האָט מען מיר געגעבן געלט, שטיינער, וואָס מען זאָגט, אַז זיי האָבן אַ גרויסן ווערט! דעמאָלט בין איך אַלט געוועזן בלויז זיבעצן יאָר. לאַנג האָב איך מיט אומ-געדולד געוואַרט אויפן געטלעכן אוצר, וועגן וועלכן מען האָט מיר אַזויפיל דערציילט, אָבער איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז ס'האַנדלט זיך תמיד וועגן געלט און שטיינער. און ליבע? די צאַרטע ליבע און די פריינטשאַפט, וואָס איך האָב פאַרלאָזן

*) הספד.

צוזאַמען מיט מײנע טשאָבאַנקוצעס *), שעפּסן, פײנע הינט, מיט מײנע הימלען און װעלדער? פון דעמדאָזיקן אוצר, פון דער־דאָזיקער אמתער עשירות — קײן סימן נישט! אַ חניפהדיק װאָרט, אַ קלאַפּ איבער דער פּלײצע, אַמאָל אַ העפלעכער שלום־עליכם, אָדער אַן אפּוטרופּסישער שמײכל — און דאָס אַלעס! און בײ מיר גיסט זיך שפּײעכץ פון מויל, בעת איך זע שײנע ברוסטן, אײנגעשלאָסן אין פײנע ליפּן; בעת איך זע דידאָזיקע שײנע אויגן — די אַרבעט פון אַ שלאַנקן דעמאָן; בעת איך זע די ליפּן, גרײט אַרויסצורעדן אַ זינדיק װאָרט, װאָס װירקט אויף אַ פרומער נשמה. איך, אָרעמער יאָאַקים, האָב געשלונגען אין אַזעלכע רגעס מײן קנאה און געטראַכט װעגן דער קאַרגשאַפט פון גאָטס־הויז. ס׳פלעגט אָפטמאָל פּאַסירן, אַז איך פלעג נישט קענען אַריבערטראָגן דידאָזיקע אומדאַנקבאַרקײט פון לעבן, װאָס פאָדערט פון דיר דאָס בעסטע, װאָס דו פאַרמאָגסט און גיט דיר דערפאַר בלויז דאָס אומנוצלעכע און דאָס איבעריקע. אָט דעמאָלט האָב איך אַרויפגעלײגט אַ פינגער אויף דער רײצנדיקער ברוסט און געזאָגט צו די זינדיקע ליפּן און אויגן: „איך װאָלט אויך געװאָלט טרינקען פון דעמדאָזיקן װײן און פאַרזוכן פון דידאָזיקע פּירות!״ דעמאָלט איז געקומען דער סוף: איך בין מער נישט געװען „אונדזער זינגער יאָאַקים, צו װעלכן ס׳איז ענלעך בלויז אײנער פונם קאַטעדרע־קלויסטער״, איך בין געװען אַן עקלדיקער מענטש. — און פאַרװאָס „אין נאָמען פון אָלטאַר און פון קטורת!״, פאַרװאָס האָט אין מיר אַרויסגערופן אַן עקל דער פאַרלאַנג, װאָס די פּאָפּן און די גאָספּאָדאַרן האָבן באַפרידיקט יעדן טאָג?

— לײדער, ס׳איז אַזוי געװען! איך האָב אַלײן געמוזט מודה זײן, אַז מײן חשק איז געװען אַן עקלהאַפטער, לכל הפחות, אַ קאָמישער. גאָט האָט מיך באַשאַפן, איך זאָל זינגען און נישט כדי מען זאָל מיך ליבן אין דער װעלט, װו איך

---

*) פּאַסטוך.

האָב געזונגען. איך גלויב אפילו, אַז גאָט האָט באַוווּסטזיניק אַריינגעגעבן אַ קול פון אַ מלאך אין אַ קערפּער פון אַן אייזל. ריינקייט קען דעמאָלט בלייבן ריין, ווען זי איז אַרומגערינגלט מיט העסלעכקייט. אַלזאָ, ווען איך האָב געזונגען און עס אַריבערגעשיקט אויפן הימל, האָבן מיך די מענטשן פאַרגעטערט און מיך באַשאָטן מיט קאַלטע געפעליקייטן, אָבער ווי נאָר איך האָב זיך צוגעוווירט צו זייער וואַרעמען פאַרמעגן, האָבן זיי מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז איך בין אַן אייזל. די כרובים, וועלכע זענען געקומען אין קלויסטער, כדי אַריינצופירן אַהין דעם טייוול און די, צו וועלכע דער שרף יאָאַקים האָט געוואָרפן זיין שטימע און זיינע באַגערן, האָבן מיר אויך דערפון דערמאָנט; ווייל אַ פרוי איז ענלעך צו דער זון: זי באַטראַכט יעדן שטיינדעלע אויפן וועג.

— און אָט קום איך צוריק אין דער מלוכה, וואָס איך האָב צוליב אייטלקייט פאַרלאָזן, פונקט ווי דער טייך, וואָס גייט אַרויס פון די ברעגעס, קומט תמיד צוריק אין זיין בעט. און מיין שטימע, וואָס האָט זיך אויסגענוצט אינם מדבר פון דער גאוועדיקער שטאָט, נישט אַרויסרופנדיק די מינדסטע רחמנות, וועט פון איצט אָן קלינגען אין די הערצער פון מענטשן, וועלכע שטעלן זיך אויסערן געזעץ, טרעטן אַריין אין שווערע לעבנס-באַדינגונגען צוליב דער טובה פון זייערע ברידער. און איך וועל זאָגן:

„אָ, גאָט! איך זוך דיך ביי טאָג-אויסברוך; מיין נשמה לעכצט נאָך דיר, מיין לייב פאַרלאַנגט דיך אויף דערדאָזיקער וויסטער ערד, כדי צו זען דיין קראַפט און דיין רום, פונקט ווי איך האָב אויף דיר געקוקט אין קדשי-קדשים. ווייל דיין גוטסקייט איז בעסער פונם לעבן; אָט דעריבער וועלן מיינע ליפּן דיך לויבן. די שטאָלצע האָבן פון מיר חוזק געמאַכט, אָבער איך האָב זיך נישט אָפּגעקערט פון דיין געזעץ. נעם אַוועק פון מיר

דעם שאַנד־פלעק און די שנאה, ווייל איך טראָג מיינע שבחים צו דיר".

— אָט דאָס איז ער, דער זינגער יאָאַקים, וואָס האָט נישט געפונען קיין שום רחמנות אינם, „קלויסטער פון איין אײנציקן בוים". ער וועט גיין צוזאַמען מיט גראָזאַן ווי אַ הײדוק, כּדי דאָרט, ווו זיי וועלן זיך געפינען, פאָרשטעלן גאָט און זוכן ליבע!

* *
*

„דער פריינט מיט וועלכן דו צעשיידסט זיך אויף אייביק, איז ביי אונדז טייערער פון דעם, וואָס קומט צו אונדז צוריק אויף שטענדיק. ווען די געליבטע העגט האָבן צום לעצטן מאָל פונדערווייטנס געשיקט זייער „זיי־געזונט", בין איך אַרויפגעפאַלן אויף מיין הונט און איינגעגראָבן מיין פּנים אין זיינע געדיכטע האָר. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרשטוינטע אויגן. נאָכ־דעם בין איך אַוועק צוריק און כ'האָב זיך געפילט, ווי מען גייט צוריק פון אַ לוויה; איך האָב ווידער דערזען מיין הויז. מיין וואַלד, מיינע חיות, און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרוויסט, ווי נאָך אַ שריפה.

„טרויער, וואָס ביז יענער צייט איז מיר געווען פרעמד, האָט באַהערשט מיין נשמה. אַלץ, וואָס איז געווען פרייד, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ליידן. גאָט, ווי האָסטו אַריינגעלייגט מער קראַפט: אין פרייד, אָדער אין ליידן פון אַ באַגייסטערטער נשמה? דאָס גערויש פון בלעטער, דער געזאַנג פון העזנער, דאָס בילן פון הינט, דאָס מעקען פון שעפסן, די אומענדלעכע שמועסן פון מיין פריינט, דעם ווינט, — אַלץ האָט פאַרוווּנדעט מיין האַרץ, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון דאָר*). טאָג און נאַכט האָב איך אַרומגעבלאָנקעט איבער די

*) אַ רומעניש וואָרט, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן. עס באַדייט: שטאַרקע תאווה, בענקשאַפט.

טאָסנאָווע און בערעזענע וועלדער. איך בין געווען דער שאָטן פון מיינע זוכענישן. מיין פלייט, וואָס האָט נישט געוווסט פון קיין שמערצלעכער איינזאַמקייט, האָט אָנגעפילט די וועלדער מיט קרעכצן און פאַרוואונדעט די פויגל מיט זייערע פאַרשידנ־אַרטיקע אינסטרומענטן.

> דאָר, איינזאַמע אומעט
> פון נשמות, רייך מיט ליבע:
> איין אוצר, ווען מען גנבעט ביי אונדז אוועק,
> געפינען מיר דעם צווייטן אין דאָר.

„דעמדאָזיקן „צווייטן אוצר", האָב איך געפונען נישט בלויז אין דאָר. ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין אַ מאַנסביל, וואָס איז געווען אַ פאַלשער טרוים. איך האָב געוווסט, אַז ער איז פאַלש, און דאָך אויסגעטרונקען דידאָזיקע אילוזיע מיט דער דורשט פון אַ נשמה, וואָס גרייט זיך צו אַנטוישונג.

„איינמאָל איז אַ שליח פון גראָזאַן מיר געקומען אָנזאָגן, אַז קאָסמאַ וועט היינטיקע וואָך קומען אויספאָרשן אונדזערע געגנטן און אַ קוק טאָן, צי מען קען דאָ עפּעס מאַכן. דער בריוו, ווו ער האָט מיר געשריבן וועגן קאָסמאַן, האָט זיך אַזוי פאַרענדיקט: „איך האָב אַ קוש געטאָן די האָריקע באַק פון דעם ברודער. נעם אים אָן, ווי דיין האַרץ וועט דיר אונטערזאָגן".

„מיין האַרץ האָט מיר אונטערגעזאָגט צו זוכן דעמדאָזיקן קוש אויף קאָסמאַסביידע האָריקע באַקן, כדי אים בעסער צו געפינען. איך האָב אים געפונען, ווייל אַ מענטש האָט בלויז צוויי באַקן, און איך האָב אויך געפונען אַן אַנדער זאַך, וואָס איך האָב נישט געזוכט, נאָר וואָס איז געקומען אַליין, ווי אַ שטורעמווינט, וואָס קיינער קען נישט אַרויסרופן.

„אין יענער וואָך האָט מיין פלייט אַרויסגעלאָזט אַזעלכע טענער אין די סאָסנאָווע און בערעזענע וועלדער, וואָס נאָר דער משוגענער דאָר קען אַרויסרייסן ביי אַ בוזינע־שטאָם

מיט אַכט לעכער, בעת מיינע אויגן האָבן געגנישטערט אויף דער ערד און געפונען שפּורן פון אייזערנע פּאָדקאָוועס, אומ-באַקאַנט אין אונדזער געגנט. איך בין אַוועק אויף די שפּורן און אין איין פרימאָרגן בין איך צופעליק אַרויפגעפאַלן אויף אַ פּוסטן שטח אין אַ וואַלד, ווו קאָסמאַ און זיין ברודער עליע האָבן געראַכערט זייערע ליולקעס, צופרידן פון זייער מזל. וואָס האָב איך זיי דעמאָלט געקענט אינטערעסירן! קאָסמאַ האָט געבלאָזן פון זיך און איך האָב פון אים אָפּגעלאַכט. דאָך האָב איך תּיכף אין אים דערפילט מיין באַלעבאָס. כּדי אים מער אויפצורייצן, בין איך אַנטלאָפן געוואָרן. ער האָט מיך אָנגעהייבן צו זוכן, כּדי צו באַשטעטיקן דאָס געזעץ, וואָס זאָגט: „אַ פרוי, וואָס אַנטלויפט פון אַ מאַנסביל, איז מער געוווּנטשן". און אין יענעם אָוונט, נאָכדעם ווי איך האָב פאַ-באַנדערגעפלאַמט קאָסמאַן אין דעם סאָסנאָוון וואַלד, האָב איך דערלאָזט, אַז מיין טאַליע זאָל אַרומנעמען אַ האַנט, וואָס האָט אָנגעטריבן אַ פּחד אויף אַלע גאָספּאָדאַרן.

„קאָסמאַ האָט מיך גענומען, אָבער גראָזאַס האַרץ האָב איך זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעגעבן. קאָסמאַ האָט באַקומען דאָס, וואָס יעדער מאַנסביל קען באַקומען. גראָזאַ האָט געהאַט מיין נשמה, וועלכע איז אים טייער געווען. אויף אַזאַ אופן האָב איך איבערגעלעבט אַן אוממעגלעכן חלום אין שעהן פון פאַרגעסנקייט. נאָכדעם האָב איך מיט מיין פינגער גע-מאָסטן די טיפקייט פון ים. איך האָב געפאָדערט פונם לעבן דאָס, וואָס עס האָט מיר נישט געקענט געבן. איך האָב געוואָלט קאָסמאַן, גראָזאַן און דאָס גאַנצע גליק, בלויז פאַר זיך אַליין. און איך האָב גאָרנישט באַקומען. דעמאָלט האָב איך צעבראָכן מיין פליט. און ס'איז אָנגעקומען אַן אַנדער לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן בערך דריי יאָר, צום סוף פון וועלכע איך האָב אַוועקגעלייגט אין וואַלד דאָס, וואָס איך האָב אויפגעהייבן אין וואַלד.

„נאָכדעם האָב איך אָנגעטאָן די מאַסקע פון שקר און

פאַרשווונדן געוואָרן צווישן מענטשן, פונוואַנען איך קום צו אייך אַן אויפריכטיקע, גרייט צו טאָן גוטס אין שלעכטס, וואָס עס נייטיקט זיך אויף דער וועלט.

„אַט ווער איך בין".

עליע דער חכם

„איצט דו, עליע דער חכם, קאָסמאַס ברודער און מיין בעל־יועץ, איצט דאַרפסטו אונדז דערציילן, ווער דו ביסט און צוליב וואָסערע סיבות ביסטו אַרויף אויפן וועג פון די הײדוקן״, — האַט געזאָגט פלאָרעאַ קאָדרילאָר, אונדזער אַטאַמאַן.

עליע האָט פאַמעלעך אַוועקגעלייגט זיין קאַטשיולאַ אויף דער ערד. ער האָט אפשר געוווּסט, אַז אַנטבלויזנדיק זיין שטערן אָן קנייטשן און זיין הײדוקישע גריווע, וועט ער אונדז באַווייזן אַ קאָפּ, וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין רויקייט? ס׳איז געווען אַ פּנים פון אַ מעטראָפּאָליט-זעלנער, וואָס קען הרגענען צווישן צוויי געבעטן, עסן און טרינקען צווישן צוויי מאָרדן. זיינע שוואַרצע, קלאָרע, פינקטלעכע אויגן, נישט שרעקעוודיק און נישט חוצפּהדיק, האָבן געזאָגט: פרידן מיט אייך, אָדער איך וועל אייך פּטרן! דאָך, אַ שטראַל פון אַ מאַרטירער, וואָס וואַקלט זיך צווישן לעבן און טויט, האָט כּסדר געשוועבט איבער דערדאָזיקער לאַנגער באָרד, דורכגעשפּונען מיט אַ קראָען שוואַרצקייט און מיט אַ באַזילבערטער ווייסקייט, באַהעפטנדיק זיך מיט זיינע באַוואַקסענע וואָנסעס, — דער גרויזאַמער שומר פון אַ מויל, וואָס איז גרייט געווען יעדע רגע אַרויסצוזאָגן דאָסדאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע וואָרט: גערעכטיקייט!

און ער האָט דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט ביים סאַמע אָנהייב פון זיין דערציילונג:

די דערציילונג פון עליע דעם חכם

„איך בין געקומען ווינען אין די וועלדער, כדי דאָרט צו באַגעגענען די גערעכטיקייט, וואָס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער שטאָט.

„אין בראַילאַ, ווו איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, האָט מיין טאַטע געהאַלטן אַ האַן *). דערדאָזיקער טאַטע — זאָל אים דער טייוול נעמען — איז לויט זיינע כוונות געווען אַ גוטער מענטש. אָבער אַ סך מענטשן מיט גוטע כוונות זענען טיראַנען אין זייער אינטימען לעבן, הויפטזעכלעך בעת זיי געפינען זיך ביים רודער. מיין טאַטע האָט געהאַלטן דעם רודער פון זיין הויז, — אַ גרויסע שיף, וועלכע ער האָט געוואָלט זען אויסער יעדער סכנה פון אַ שטורעמווינט. כדי דערצו דערגרייכן, האָט ער פאַרוואָרפן דעם אַנקער אין טויטע וואַסערן, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון עטלעכע רייזנדער, ווען דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן.

— דאָס געפעלט אייך נישט? — פלעגט ער זאָגן. וואַרט ביז דער אַללאַה וועט מיך רופן צו זיך. דעמאָלט וועט איר טאָן לויט אייער געשמאַק...

— יאָ, - פלעגן מיר ענטפערן, מיין ברודער קאָסמאַ, אונדזער שוועסטער קיראַ און איך — יאָ, מיר וועלן טאָן לויט

*) אכסניה.

אונדזער געשמאַק, ווי נאָר אַללאַה וועט דיך אַ רוף טאָן. אָבער ווען וועט ער דיך שוין רופן?

— דאָס איז שוין אַללאַהס אַן עסק!

„יאָ, דאָס איז געווען אַללאַהס אַן עסק, דייער אַ טרויערי־קער עסק, ווייל מיר האָבן שטאַרק חשק געהאַט צו טאָן לויט אונדזער געשמאַק. אָבער דער טאַטע האָט גאָרנישט געטראַכט צו גיין אויפן הימל און אונדז איבערגעבן דעם רודער מיט אַ פעסטער האַנט, שטיצנדיק זיך אויף פרינציפן, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט.

„ער האָט, ווי אַ פרומער מענטש, געגלויבט אין גאָט, אין אַלע געטער, און ער האָט פאַר אַלע מורא געהאַט. כדי אַלע־מען געפעלן צו ווערן, האָט ער אַריינגענומען אין זיין האַרעם אַ סך שיינע פרויען, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט דריי גרויסע רעליגיעס: מוסולמענישע, יידישע און קריסטלעכע. ער האָט געגעבן אין זיין הויז די פולע פרייהייט, אין זין פון קולט־אויסוואַל, אָבער ער האָט שטרענג אָנגעוואָרפן דעמדאָזיקן אויס־וואַל, פאַרגעסנדיק, אַז דער בעסטער פון אַלע קולטן — נישט האָבן קיין שום קולט — האָט דאָרט נישט רעפּרעזענטירט.

„ער האָט אויפריכטיק געגלויבט אין גאָט. נאָר ער האָט געהאַלטן פון רומענישן שפריכוואָרט:

— ביז דו וועסט קומען צו גאָט, וועלן דיך אויפפרעסן די הייליקע!

„און מסתם, כדי אויך אויסצונעמען ביי די הייליקע, האָט ער פאַר זיי אויפגעעפנט זיין קרעטשמע און זיי אַלע אויפגענומען. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געהייסן צאָלן, אָבער דאָס איז געווען אַ שווערער ענין, ווייל דידאָזיקע היי־ליקע טייוולאָנים האָבן אַ קליינעם שייכות מיט קאַניבאַליזם. אָבער מיין טאַטע איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס פאַרשטייען נישט ווי געפעלן צו ווערן גאָט אויף אַ גייסטיקן אופן; און דאָס איז גוט. ער איז אויך נישט געווען פון די מענטשן, וואָס זאָלן נישט פאַרשטיין, אַז מען דאַרף צושטעלן

פאַר די הייליקע יונגע מיידלעך און בייטלען מיט מאַכמודיעס;
און דאָס איז נאָך בעסער!

„ער האָט זיך גוט איינגעאָרדנט. דער באַלעבאָס, וועל-
כער איז געווען דער גרויס-וויזיר אַליין, האָט מיין טאַטן אַרויס-
געגעבן אַ פ י ר מ אַ ן *), מאַכנדיק אים פאַר אַ ה אַ נ ד ז ש י פון
דער גרויסער פאָרטע, מיט די פולע רעכט צו פאַרכאַפּן און
פאַרקויפן אויף אַ מ ע ז אַ ט ע **) די קאַלאַבאַלאַקעס ***) פון
יעדן מ ו ש ע ט ע ר י ****), וואָס האָט נישט באַצאָלט. היות
ס'זענען געווען כיטרע מ ו ש ע ט ע ר ן, וועלכע פלעגן קומען
צופאָרן אָן ק אַ ל אַ ב אַ ל אַ ק ע ס, פלעגט מיין טאַטע זיי פאַר-
זען מיט זיינעם אַן אָריגינעלן ק אַ ל אַ ב אַ ל אַ ק: ווי נאָר דער
לאָבוז פלעגט זיך „אַראָפּנעמען פון אַנקער", שאַ-שטיל, פלעגט
מיין טאַטע אַוועקלויפן צום אַלמעכטיקן אַ ג אַ, זיך וואַרפן צו
זיינע פיס און אַריינרוקן אין זיינע הענט עפעס אַ פּאַקעט.

— אַזאַ און אַזאַ עפענדי האָט דעם פּאַקעט פאַרגעסן
ביי מיר פאַרן אַוועקפאָרן נעכטן אינדערפרי, — פלעגט ער
צו אים זאָגן גאַנץ נאַיוו. ער האָט אויך פאַרגעסן מיר צו באַ-
צאָלן פאַר אַ חודש סטאַנציע-געלט, אָבער דאָס איז גאָר-
נישט!

„פאַר מיין טאַטן איז עס געווען גאָרנישט. אָבער דאָס
איז אויסגעקומען זייער פיל פאַרן אָרעמען עפענדי, ווייל דער
אַ ג אַ, נייגעריק ווי אַלע אַ ג אַ ס, האָט זיך געגראָבן אין פּאַ-
קעט, געפונען קאָמפּראָמעטירנדיקע פּאַפּירן און אָפּגעהאַקט דעם
קאָפּ ביי דעם צערודערטן עפענדי.

„יאָ, מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער מענטש לויט
זיינע כוונות.

---

*) אַ מין קאַנצעסיע פון סולטאַן.

**) ליציטאַציע.

***) זאַכן.

****) קליענט, אורח.

„כדי אונדז צו פאַרזיכערן אַ פאַרמעגן אין דער צוקונפט, האָט ער אונדז געצװוּנגען צו לעבן מיט זיין לעבן אין דער קעגנוואַרט, אָבער לעבן בלויז מיט די שווערע זייטן פונם לעבן. די גאַנצע שטוב האָט זיך געמוזט פאַרייניקן צו זיינע תפילות, צו זיינע תעניתים, צו זיינע סאַלאַמאַלעקס פאַר די מעכטיקע. נאָכדעם פלעגט ער זיך אַוועקגיין איינער אַליין, פאַרברענגען אַ פּאָר גוטע שעה אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פריינט, ביי אונדז, ביים קאָרק־סערדאַר, אָדער ביים זאַפּטשיו, וווּ מען האָט אָן אויפהער געשפּילט אין ג י א ו ל־ ב אַ ה אַ ר, צווישן דעם סאָפּען פון די נאַרגילן. פאַר אונדז איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן, אַן אמתער יום־טוב, בלויז איינ־ מאָל אין יאָר, אין ב אַ י ר אָ ם *). מען דאַרף צוגעבן, אַז די־ דאָזיקע יום־טובים האָבן אונדז זייער טייער געקאָסט, ווייל זיי זענען געקומען נאָכן ר אַ מ אַ ז אַ ן־חודש, ווען מיר האָבן זיך קאַליע געמאַכט די מאָגנס פון צופיל עסן ביינאַכט און פון פאַסטן בייטאָג. דערפון פלעגט זיך, אייגנטלעך, אָנהייבן אונ־ דזער מלחמה קעגן דעם ראש פון אונדזער שטוב.

„קאָסמאַ האָט דער ערשטער, צו פּופצן יאָר, געוואַגט — עסן, טרינקען און רויכערן, ביים סאַמע אָנהייבן פון ראַזאַמאַן, וואָס האָט גורם געווען אומענדלעכע מחלוקת. איך האָב אויס־ גענוצט דידאָזיקע געלעגנהייט און נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל. מיר ביידע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם טאַטן, וועלכער האָט צו־ ערשט מיט גוטן אונדז געוואָלט חוזר־בתשובה זיין, טענהדיק, אַז דער פּראָפעט וועט ביי אונדז „אַוועקנעמען די עולם־הבא".

— איז עס ערגער פאַר דער עולם־הבא!

— דער פּראָפעט אַליין האָט געפאַסט אַ גאַנצן חודש! — האָט אויסגערופן דער טאַטע.

— יאָ, אָבער ער איז געשלאָפן בייטאָג. ס'איז פאַרשטענדלעך,

---

*) אַ גרויסער דריי־טאָגיקער יום־טוב ביי די מוסולמענער, נאָכן ראַמאַ אָנ־ פאַסט.

אַז דאָס איז אים אָנגעקומען זייער לייכט. אָבער מיר מוזן דאָך אַרבעטן.

— ער פלעגט אָבער אַרבעטן ביינאַכט, כדי אָנצושרייבן דעם קאָראַן, אונדזער ליכט.

„קאָסמאַ האָט דעמאָלט געמאָלדן, אַז ער וויל ווערן אַ קריסט:

— דאָס איז דער גלויבן פון מיין מאַמע און ער איז נישט אַזוי האַרב. דער קריסטלעכער פּראָפעט האָט, לכל הפּחות, יעדן טאָג געגעסן! און ער האָט אויך צוגעזאָגט עולם-הבא, — און ס׳מוז זיין דיזעלבע עולם-הבא.

„דער טאַטע, וועלכער האָט מורא געהאַט צו באַליידיקן אַנדערע געטער, האָט נאָכגעגעבן. איך און קאָסמאַ, זענען מיר ביידע געוואָרן קריסטן, דאָס הייסט, ס׳האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט, ווייל מען קען אַריבערגיין פון איין גלויבן צום צווייטן און בלייבן אין דערזעלבער הויט. אָבער אָט איז אָנגעקומען דער גרויסער פאָסט, פאַרן קריסטלעכן פּסח, בעת מען דאַרף עסן ברויט און זופּ פון בעבלעך אין אַ משך פון זיבן וואָכן. מיר האָבן דערויף געקוקט, ווי אויף אַ נאַרישקייט. דאָס האָט דערפירט צו מחלוקות, צו אַן אמתן שטורעמווינט.

— איר דאַרפט היטן דעם גלויבן, וואָס איר האָט אויסגעקליבן! — האָט געשריגן אונדזער טאַטע.

— יאָ, מיר האָבן אים אויסגעקליבן, — האָט געענטפערט קאָסמאַ, — אָבער דאָ מוז שטעקן עפּעס אַ פעלער. ס׳איז דאָך אוממעגלעך, אַז צו באַקומען עולם־הבא מוז מען זיך אָנשטאָפּן מיט טרוקענע בעבלעך אין אַ משך פון צוויי חדשים!

— ס׳מוז אַזוי זיין! איר וועט עסן טרוקענע בעבלעך, געקאָכט אויף וואַסער. ווייל אַנדערש וואָלט נישט געווען קיין קריסטלעכע רעליגיע און נישט קיין גן־עדן!

— אַלזאָ, — האָט באַשלאָסן מיין ברודער, — מיר וועלן זיך באַגיין אָן דער און אָן יענער! טרוקענע בעבלעך געקאָכט אויף וואַסער, קען מען נישט עסן!

„דער טאַטע האָט אויסגעשריגן פון גרויס כעס:

— אַ סקאַנדאַל! איך װעל געװיס אַרויפטרײַבן אויף זיך דעם צאָרן פון עפּעס אַ מושל אין הימל. די צװײ חברה־לײט װילן זיך נישט צופּאַסן צו קײנע פון די דרײ גרויסע רעליגיעס, װאָס איך שיץ אונטער מײַן דאַך!

די צװײ האָבן נישט געװאָלט. און פון צװײ איז שנעל געװאָרן דרײ, מיט אונדזער שװעסטער קיראַ, נאָכדעם פיר, מיט אונדזער אָרעמען ברודער ישמעאל, װעלכער האָט זיך אײנמאָל אויפגעהאָנגען, װײל ער איז געװען אַ זולל־וסובא. ער איז געװען אַ בעלן אויף זאַכן, װאָס גײען אַרײַן אין קערפּער דורכן מויל, און אַזױװי דידאָזיקע נאַשװאַרגן זענען באַשטימט פאַר דיזעלבע אורחים, האָט דער גוטער ישמעאל זײ אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די קוכערס נעז, געריטשעט פון תענוג ביים עסן און פון װײטיק — ביים פאַרדײַען, װײל דער טאַטע האָט אים ביים פאַרדײַען די גאַנצע צײַט געשמיסן.

„אָבער אונדזער עקזיסטענץ אין דעמדאָזיקן הויז האָט זיך פאַרערגערט, זינט ס'האָבן זיך דאָרט אַרײַנגעכאַפּט די סענטימענטאַלע תאװות. איך בין געװען אַן אויסנאַם: ס'האָט זיך אין מיר קײנמאָל נישט דערװעקט קײן חשק אויפצוהײבן דעם שלײער, װאָס באַדעקט דאָס פּנים פון אַ פרוי. דערפאַר אָבער פלעגט שוין קאָסמאַ אויפדעקן זײַן חלק שלײער, מײַן חלק, דעם חלק פונם אויפגעהאָנגענעם ברודער און דעם חלק פון אַלע אונדזערע אבות, װעלכע זענען געװען אַזױ שרעקעװדיק װי איך, אָדער האָבן זיך אויפגעהאָנגען װי ישמעאל. קאָסמאַ האָט אַלץ אויפגעהײבן. איבעריקנס, איז עס געװען געזעצלעך, און מיך האָט עס לגמרי נישט געקימערט.

„דער האַן איז געװען פול מיט װײַבער: מײַן טאַטנס װײַבער, די װײַבער פון מײַן טאַטנס פרײַנט און די קאַדאַנעס, װעלכע האָבן געהערט צו די קיאַבורן, קומענדיק צו גאַסט אינם האַן. זײער ריח האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז. ענלעך צו אַ װינט־הונט, האָט קאָסמאַ אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשפּרײַזט, די נאָז פאַרריסן און געשמעקט, פּונקט װי ס'האָט

זיך נוהג געווען ישמעאל, קריכנדיק אַרום דער קיך. אָבער אויב די אומאָרדענונגען, וואָס דער לעצטער האָט גורם געווען, זענען געווען צו דערליידן, האָט מען עס אָבער נישט געקענט זאָגן וועגן קאָסמאַן. אַזוי, לכל הפּחות, האָבן געטענהט די מענער מיט אונדזער טאַטן בראש. זיי אַליין האָבן זיך באַקלאָגט אויף דערדאָזיקער מגפה. די ווייבער האָבן זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט. אָט דעריבער האָב איך געגעבן רעכט קאָסמאַן און די פרויען. ווייל קאָסמאַ האָט זיך געשטיצט אויפן קאָראַן, וואָס דערלויבט אַ מאַן עטלעכע ווייבער; און די פרויען האָבן מסכים געווען מיטן חכם פון דער תורה, וועלכער זאָגט: „ס'זענען דאָ דריי זאַכן, אפשר פיר, וואָס אינטערעסירן מיך הויפּטזעכלעך און איך קען זיי נישט: דער שפּור פונם אָדלער אינדערלופטן, דער שפּור פונם שלאַנג אויף אַ פעלז, דער וועג פון אַ שיף אויפן ים, און דער שפּור פונם מאַנסביל אין אַ בתולה".

„אויב ס'פאַרבלייבט נישט קיין שפּור, טאָ צוואָס איז ד גאַנצע סומאַטאָכע? איינס פון דיביידע: אָדער דער נביא האָט געליינט דעם חכם פון דער ביבל און געבראַכט אַלע טעמים אין זיין קאָראַן, אָדער די מאמינים האַלטן נישט פון זיינע תקנות און דעמאָלט, זייענדיק אַליין שולדיק, האָבן זיי נישט געדאַרפט זיין אין כעס.

„דאָך זענען זיי געווען אין כעס. מען האָט קאָסמאַן אַ סך מאָל געשלאָגן. איך האָב אים פאַרטיידיקט. מען האָט מיך אויך געשלאָגן. מיין ברודער האָט געפרעגט, ווי קען ער נעמען דאָס, וואָס אַלע רעליגיעס זאָלן אים דערלויבן. פאָרלויפיק אין ערגעץ נישט: דידאָזיקע פרוי איז אַ מוטער. (ס'זענען דאָרט געווען מוטערס!) דידאָזיקע צווייטע איז אַ שוועסטער. (שוועסטער זענען דאָרט אויך געווען!) די איבעריקע האָבן געהערט צו זייערע מענער. (און זיי האָבן געשטרעבט דערצו, זיי זאָלן געהערן צו קאָסמאַן!)

„די אַלע וווינען אין שטובן און נערן זיך אויפן חשבון

פון זייערע באַלעבאַטים, — האָט מען אים דערקלערט; — דו דאַרפסט זיך אויסזוכן ווייבער אויסערן שטוב, קויפן זיי, שפייזן זיי אויף דיין געלט, ווען דו וועסט זיי האָבן!

„קאָסמאַ האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען און געקומען צו מיר נאָך אַן עצה:

— עליע, דערקלער מיר: פאַרוואָס שיקט מען מיר אויסער די ווענט פון אונדזער הויז? ס'איז פאַר מיר נישט פאַרשטענדלעך. צי דען־זשע דאַרף מען בעסער ליבן פרעמדע פרויען, ווי די פרויען, וואָס געפינען זיך דאָ אין שטוב?

— יאָ, קאָסמאַ, דו ביסט גערעכט: די פרויען פון שטוב זענען אונדז טייערער.

— האַ, נישט אמת? איצט דערקלער מיר אָט וואָס: אויב די פרויען פון שטוב ווערן סיי ווי אויסגעהאַלטן פון זייערע באַלעבאַטים, און פון מיר פאָדערן זיי בלויז איך זאָל זיי ליבן, טאָ פאַרוואָס וויל מען, כ'זאָל פאַרלירן מיין צייט אויסער די ווענט פון דער שטוב, נאָכלויפן נאָך די פרויען, וואָס קענען מיך נישט און אָפּזאָגן אינם פאַרגעניגן די, וואָס קענען מיך און בעטן עס פון מיר?

— דו ביסט גערעכט, קאָסמאַ, לויף נישט אויסער דער שטוב, זאָג נישט אָפּ אינם פאַרגעניגן די, וואָס בעטן עס פון דיר, לאָז איבער אַלץ אינם הויז, ווו מען ליבט דיך.

— איז עס נישט קלאָר ווי דער טאָג? נאָך איין פראַגע, עליע: זיי פאַרווערן מיר צו דערנענטערן זיך צו די פרויען, וואָס קאָסטן מיך גאָרנישט און ווילן, איך זאָל זיי קויפן פאַר מיין געלט, ווען איך וועל זיי האָבן. וואָס דאַרף מען טאָן, מען זאָל האָבן געלט?

— איך ווייס נישט, קאָסמאַ. אפשר דאַרפסטו זיך וועגן דעם מיישב זיין מיטן פאָפּ, מיטן כ אַ ד ז ש י, אָדער מיטן קאַרק־סערדאַר: דאָס זענען אַלץ מענטשן, וואָס טוען גאָרנישט און האָבן געלט.

„קאָסמאַ איז צו זיי אַוועק נאָך אַן עצה. אַלע דריי האָבן געענטפערט, אַז דורך אַרבעט באַקומט מען געלט.

„דידאָזיקע תשובה האָט אויפגערעגט מיין ברודער. איך בין אויך געוואָרן אין כעס אויף זיי, ווייל די דריי מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין שפּילן אין גיאילבאַהאַר, אין דער געזעלשאַפט פון מיין פאָטער, בעת די גאַנצע אַרבעט אין זייערע גיטער האָבן אָפּגעטאָן די אילאָטן פון די ביילִיקס*). דאָך האָט זיי קאָסמאַ געכאַפּט פאַרן וואָרט און אַוועק צום טאַטן און געזאָגט:

— דריי פון דיינע פריינט, וואָס רעפּרעזענטירן די מאַכט און די רעליגיע, האַלטן, אַז אַרבעט גיט געלט. אַלזאָ, איך אַרבעט ביי דיר: גיב מיר געלט אויף איינצוקויפן און אויסצוהאַלטן דריי ווייבער. איך דאַרף האָבן דריי ווייבער!

דער טאַטע האָט דעמאָלט געמאָלדן וועגן זיינע כוונות:

— אמת, קאָסמאַ, דו אַרבעטסט, און דיינע ברידער אַרבעטן אויך, און איך אויך, נאָר דאָס גאַנצע געלט, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין סונדוק, איז עס פאַר דער צוקונפט. איר וועט דאָס גאַנצע געלט געפינען נאָך מיין טויט. און איר וועט זיין צופרידן...„

קאָסמאַ האָט אים איבערהאַקט אינמיטן די רייד:

— לאָמיך גמאַך מיט דער צופרידנקייט אין דער צוקונפט! ביי היינטיקן טאָג נייטיק איך זיך אין דריי ווייבער. דו זאָגסט, אַז מען דאַרף זיי קויפן און זיי געבן צו עסן, גיב מיר אַלזאָ געלט פאַר מיין אַרבעט.

— אָבער דו ביסט דאָך צו יונג, מיין זון. דריי ווייבער צו ניינצן יאָר? ניין... מען דאַרף נאָך אַביסל צוואַרטן...

— איך קען נישט וואַרטן! איך מוז זיי דורכאויס האָבן.

„ער האָט געזאָגט דעם אמת... ער האָט זיך אין זיי געניייטיקט... וויפל? דריי, אָדער זעקס, דאָס ווייס איך נישט, נאָר איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, אַז אַלע ווייבער

---

*) אַזאַ מין פאַנשטשיזנע.

פון האַן פלעגן קימען צו קאָסמאַן און אַוועקגיין פון אים פול מיט פרייד.

„דאָס איז ביי אים געווען אַ נויטווענדיקייט.

„נאָר אין שטוב זענען נאָך געווען אַנדערע נויטווענדיקייטן. צווערשט קיראַ. לויטן טאַטנס ווערטער זענען זיי געווען זייער שווערע. זי האָט זיך געוואָלט באַקליידן נאָר אין אַזיאַטישן זייד, האָט באַנוצט פערפומען, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט אויפן וואָג פון גאָלד און געפאָדערט אַזאַ פרעכטיקע קאַרעטע, ווי ביים אַגאַ. בלויז אירע נדבות האָבן דערגרייכט ביז צען דוקאַטן אַ חודש. דער טאַטע האָט זי ליב געהאַט און איר נאָכגעגעבן מער פון אַלע קינדער, אָבער ער פלעגט זיין שטאַרק אויפגערעגט פון איר פאַרשווענדערישקייט.

— דו וועסט מיך רוינירן! דיינע הוצאות פאַסטן פאַר אַ בעיס אַ טאָכטער, אָבער דיינע תפילות צום קריסטלעכן גאָט, זענען תפילות פון אַ שליאָכע! נישט דערויף האָב איך פאַר אייך געזאַמלט אַ קאַפּיטאַל!

„קיראַ, וועלכע האָט פאַרבראַכט דריי פערטל פון איר צייט ביים שפיגל, האָט אים אָפּגעענטפערט, אומקוקנדיק זיך:

— איך ווייס נישט, וויאַזוי דו האָסט אויפגעזאַמלט דיין פאַרמעגן, אָבער אַז דו האָסט שוין דעם פאַרמעגן, וועל איך דיר פון מיין זייט באַווייזן, אַז איך האָב זיך אים פאַרדינט. דאָס, וואָס ס'איז אָנגעקומען לייכט, מוז אַוועקגיין לייכט. דו ווייסט דאָך דאָס רומענישע וואָרט: דאָס פאַרמעגן פונם זאַמלער פאַלט תמיד אַריין אין די הענט פונם פאַרשווענדער. דאָרט ווו ס'איז פאַראַן אַ סך גאָלד, דאָרט איז פאַראַן נאָך מער טרערן. איך באַמי זיך—עס זאָלן דיר געשענקט ווערן דיינע זינד דערמיט, וואָס איך פאַרשפרייט אַ ביסל פרייד דאָרט, ווו דו האָסט פאַרזייט טרערן, און דאָס וועט זיין מיין בעסטע תפילה. וואָס שייך די תפילות אויף וועלכע איך בין שפּאָרזאַם, איז עס מיין איינציקע קאַרגשאַפט, אָבער גאָט וועט עס מיר מוחל זיין, ווייל ער ווייסט, אַז מיין האַרץ איז גרויסמוטיק.

„דאָס זענען קיראַס נויטבאַדערפענישן.

„ענדלעך, האָב איך אויך געהאַט באַדערפענישן. אמת גערעדט, זענען זיי נישט געווען מײַנע, נאָר נויטבאַדערפענישן פון גערעכטיקייט. אין שטוב האָב איך אויף מיין חלק געהאַט אַלץ, וואָס איך האָב באַדאַרפט, ווייל איך האָב קיין גרויסע זאַכן נישט באַדאַרפט. עסן, אַ בעט און אַ נאַרגיל, — דידאָזיקע דריי נויטווענדיקע גליקן פון לעבן, האָב איך זייער לייכט באַקומען פאַר מיין אַרבעט. אָבער איך האָב נישט זייער לייכט באַקומען דאָס רעכט צו טראַכטן, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט, וואָס פאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל נישט עסן צו דער זעט און איך זאָל אים זינגען שבחים מיט אַ פוסטן מאָגן. אָבער טאַקע דערדאָזיקער גאַווהדיקער נאַרישער גאָט, האָט עס קיינ-מאָל דירעקט פון מיר נישט געפאָדערט. דער פאָטער, דער פאָפ און דער האַדזשי האָבן עס גערעדט אין זיין נאָמען. איך האָב זיך קעגנגעשטעלט דידאָזיקע לייט, און זיי האָבן מיך באַשטראָפט, כדי אויסצונעמען ביי זייער גאָט.

„אָבער דערזעלבער גאָט, אַזוי שטרענג צו מיר, האָט נישט געמאַכט קיין פאָרוורפן זיינע דינער פאַר זייער אכזריות און עוולות, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אויף יעדן שריט און טריט. די כלי-קודש האָבן פאַרגעסן, אַז פאַר גאָט זענען אַלע מענטשן גלייך און האָבן פאַרשקלאַפט דעם פויער פון ביילי ק, וועלכער האָט פאַר זיי אומזיסט געאַרבעט אַ גאַנצן האַלב יאָר. דער אָרעמער קאָזשאַן*) פלעגט אויסציען די פיס זייט ביי זייט מיט זיינע פערד. דער פאָפ האָט אים גע-הייסן זיין הכנעהדיק, צוגעזאָגט אים אַ בעסער לעבן אויפן הימל און געראָטן אים פאַסטן און תפילה טאָן. נישט ער, נאָר גאָט האָט אַזוי געהייסן!

„דער זאַפּטשיו, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַד-מיניסטראַציע און אויפגעהאַלטן די אָרדענונג אין זיין קרייז, האָט געשיקט זיינע שענאַפּאַנען, זיי זאָלן ראַבעווען שאָף

*) פויער.

ביי די איינוווינער; נאָכדעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דיזעלבע שענאַפּאַנען זאָלן „אויפזוכן" די געגנבעטע שאָף, און אַזויווי ס'זענען געפאַלן הוצאות, כדי אויסצוזוכן די „גנבים", האָט ער געצוווּנגען די פּויערים אויסצולייזן זייערע אייגענע בהמות. פאַרשטייט זיך, אַז די בעסטע פערד און אָקסן האָט מען קיינמאָל נישט אויפגעזוכט. בנוגע דעמדאָזיקן פאַר־ברעכן איז גאָט תמיד פאַרבליבן גלייכגילטיק.

„דער קאַרק-סערדאַר, מיט אַ פאָטערע פון צווייהונדערט געדונגענע, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פאַרפאָלגן די היידוקן, וועל־כע האָבן זיך אָפּגערעכנט פאַר די פּויערים. אָבער גליקלעך, וואָס זיי באַגעגענען נישט די היידוקן, זענען דידאָזיקע חיישע־ריקן אָנגעפאַלן אויף דערפער, געראַבעוועט, פאַרגוואַלדיקט, געפייניקט, געוואָרפן אין פאַרצווייפלונג גאַנצע מחנות אומשול־דיקע מענטשן און נאָכדעם האָבן זיי זיך צוריקגעקערט פון דעמדאָזיקן שפּאַציר, כדי צו באַקומען שכירות און כדי זיך ווידער נעמען צום טשיבוק, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט פאַרן אַוועקפאָרן. גאָט האָט דערויף געקוקט און געשוויגן.

„דעמאָלט בין איך אין כעס געוואָרן אויף דעמדאָזיקן גאָט און פיינט געקריגן דידאָזיקע מענטשן. דאָ זענען מיינע נויטבאַדערפענישן געוואָרן גרויס.

*   *
*

„קאָסמאַ האָט געזען דידאָזיקע אומגערעכטיקייטן בלויז מיט אַ האַלבן אויג און קיראַ מיט אַ גאַנצן אויג. דאָס איבער־געבליבענע פון זייער בליק האָבן זיי אָנגעצילט אויף זייערע אייגענע נויטבאַדערפענישן. איינמאָל האָב איך זיי געבעטן, זיי זאָלן אויף אַ רגע איבערלאָזן: ער — זיין האַרעם, זי — איר קאָקעטעריע און זיי זאָלן אַ קוק טאָן אויף דער אומגערעכטי־קייט מיט ביידע אויגן. בעת זיי האָבן אַ קוק געטאָן, איז זיי אַ ציטער אַדורך איבער די ביינער, אָבער תיכף האָבן זייערע אייגענע נויטבאַדערפענישן פאַרנומען דעם אויבן־אָן. דאָס איז

געווען דערפאַר, ווייל קאָסמאַ האָט נישט געקענט לעבן אָן זיין האַרעם, און קירא — אָן איר קאָקעטעריע. איך בין פאַרבליבן איינער אַליין שטאַרק פאַרדאַגהט. מען איז זייער אומגליקלעך, בעת מען איז גערעכט און מען בלייבט איינער אַליין.

„אָבער הגם מיר האָבן בטבע געהאַט פאַרשידענע געשמאַקן, זענען מיר דאָך געקומען צו אַ הסכם, וויאַזוי זיי צו באַפרידיקן. שטאַרקע האָבן באַגזלט די שוואַכע. מיר האָבן באַשלאָסן צו ראַבעווען די שטאַרקע, ווער זיי זאָלן נישט זיין. מיר האָבן באַמערקט אַן אויסטערלישע זאַך: די שוואַכע האָבן זיך געטיילט אויף נאַציעס און רעליגיעס, כּדי באַזונדער פאַרשעלטן דאָס שלעכטס; אָבער די שטאַרקע — טערקן, גריכן אָדער רומענער — האָבן געלעבט בשלום, ראַבעווענדיק אָן שום אונטערשייד. איך האָב עס דער ערשטער באַמערקט.

„כּמעט די גאַנצע פּאָטעראַ איז באַשטאַנען פון עלעמענטן, פרעמד אינם לאַנד; אָבער דער זאַפּטשיו איז געווען אַ רומענער, נאָכמער אַ פּאַטריאָט; און דאָך האָט דער קאָרקסערדאַר, אַ געוועזענער באַשי-בוזוק, נישט געהאַט קיין בעסערן פריינט, ווי דעמדאָזיקן סביר, וועלכער האָט חרוב געמאַכט די געגנט, וואָס מען האָט אים אָנפאַרטרויט. איינער איז ווערט געווען דעם צווייטן, ביידע זענען אין דערזעלבער מאָס געווען אומברחמנותדיק. ביידע האָבן געקויפט זייערע פּאָסטנס ביים בוקאַרעשטער דיוואַן, פאַרן פרייז פון אָנגעשטאָפּטע ביילטלען מיט גאָלד. ביידע האָבן געהאַט דעמזעלבן ציל: ראַבעווען דאָס לאַנד, אָנשאַרן אוצרות מיט געלט, שנעל רייך ווערן. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז זיי זענען אָפּהענגיק פונם קאַפּריז פון דער צענטראַלער מאַכט, פונקט ווי די לעצטע זענען געווען אָפּהענגיק פון דער שטימונג פון דער גרויסער פּאָרטע.

„דער בישאָף פון אונטערשטן דוניי, אַ גזלן פון הויכן שווונג, האָט געשיצט אַ גרויסע צאָל מאָנאַסטירן, וועלכע האָבן באַראַבעוועט דאָס לאַנד מיטן ברען פון אויסגעלאַסענע מאָנאַכן.

דערדאָזיקער בישאָף, וועלכער האָט געדאַרפט הענגען אויף דער תליה, פלעגט אָפט קומען אינקאָגניטאָ צום באָיאַר דומיט־ראַקי קאַרנו, קײן בראַילאַ, אַן אײגנטימער פון גרויסע נחלות און אַ ראַטמאַן אין דיוואַן. אין דער געזעלשאַפט פונם שטאָטישן אַגאַ, האָבן זײ זיך זאַלבעדריט פאַרשלאָסן ביז באַגינען, אין אַן אָפגעזונדערטן ווינקל פון אונדזער האַן. בלויז דעם אַגאַס װײַבער זענען אַהין אַרײנגעדרונגען. זײ האָבן אים דערלאַנגט עסן, טרינקען און געדינט ווי פלײש פאַר זײַן תאווה. דער באָיאַר דומיטראַקו האָט זיך באַנוגנט מיט מײדלעך פון דרײַצן ביז פערצן יאָר, אָבער גוט אַנטוויקלט. מיטן אַגאַ און דעם בישאָף, וועלכע זענען געווען מער ראַפינירט, איז דער ענין געווען אַ שווערערער: זײ האָבן געמוזט האָבן אַזשעמאָגלאַניס *). כדי די קרבנות זאָלן זײ נישט שטערן מיט זײערע געשרײען, האָבן זײ זיך אָפגעגעבן דער אויסגעלאַסנקײט אין קעגנוואַרט פון דינער, וועלכע זענען געווען גרײט צו דערשטיקן דעם קלענסטן קרעכץ.

„די מײדלעך האָבן געליטן, אַזוי ווי ס'דאַרף לײדן אַ קינד אין זײערע יאָרן, אין די הענט פון אַ סאַטיר, אין דער צורה פונם ראַטמאַן פון דיוואַן, מיט זײַן רעפּוטאַציע פון אַ „גוטן מענטש" און פון אַ „גוטן פאָטער". אָבער די אָרעמע אַזשעמאָגלאַניס האָבן געמוזט פאַרשעלטן דעם טאָג פון זײער געבוירן ווערן, ווײַל דער פּאָליצײ־פּרעפעקט און דער גײסט־לעכער, פאַרדאָרבן מיט לײַב און זעל, האָבן זיך געניטיקט אין מער ראַפינירטע אויפרײצונגען. אַלזאָ, די אומגליקלעכע קרבנות, אונטער דער דראָונג פון די ערגסטע שטראָפן, זענען געווען געצוווּנגען צו עסן שטיקלעך ברויט אָנגעשמירט נישט מיט פוטער אָדער מיט האָניק, נאָר מיט פרישן דרעק פון זײערע הענקער. ס'רוב האָבן איבערגעלעבט דידאָזיקע ענוּיִם. דאָך איז אײנער געשטאָרבן אויפן אָרט. אַ צווײטער איז משוגע געוואָרן.

*) קריסטלעכע ײנגלעך, וואָס טערקן האָבן אַוועקגעגנבעט.

אַ דריטער האָט זיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿונם פֿענסטער און גע־הרגעט געוואָרן אויפֿן הויף.

„צוליב דעמדאָזיקן לעצטן קרבן איז אויסגעבראָכן אַ גרוי־סער סקאַנדאַל. מיר האָבן זיך פֿון אַלץ דערוווּסט. קירא איז אַרויס פֿון די כּלים און געשטעלט זיך אין אַ העלדישער פּאָ־זע. זי האָט זיך שוין מער נישט באַנוגנט דערמיט, וואָס זי האָט באַגנבֿעט דעם טאַטן און אָפּגעגעבן דאָס געלט אָרעמע־לייט; זי האָט פֿון אונדז געפֿאָדערט, מיר זאָלן נקמה נעמען אין די הענקער, באָדנדיק זיך אין זייער בלוט.

„מיר האָבן געהאַלטן, אַז זי איז גערעכט. קאָסמאַ, וועל־כער האָט איינער אַליין אויסגעפֿירט די געפֿערלעכסטע אָנפֿאַלן אויף רייזנדער, האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעראָזיקער שפּיל. איך, וואָס האָב געגנישטערט די קופֿערס פֿון אונדזער האַן, האָב זיך אויך דערפֿון אָפּגעזאָגט. ווייל איך האָב זיך געקענט באַגיין אָן דעמדאָזיקן גרויסן פֿאַרברעכן. די גאַנצע צייט האָב איך מיט מיינע ביידע אויגן געזען בלויז שטאַרקע, וואָס ווערן פֿאַרטרונקען אין שפֿע, און שוואַכע, וואָס בויגן זיך אונטערן קאַנטשיק. צו מיר און צו קאָסמאַן האָבן זיך געווענדעט אַלע מיט אָנגעווייטיקטע הערצער. איך בין אַרומגעלאָפֿן איבער דערפֿער, אויסגעהאָרכט די קרעכצן און באַנדאַזשירט די וווּנדן.

„מיין ברודער קאָסמאַ און אונדזער שוועסטער קירא האָבן אויך באַנדאַזשירט וווּנדן, אָבער בעת מען האָט אַליין גרויסע מכּות, קען מען זייער קנאַפּ אויפֿטאָן פֿאַר צווייטן. מען קען נישט שטיין מיט איין פֿוס אין גיהנום און מיטן צווייטן אין גן־עדן, אָדער אַריינגעמען אין דער נשמה גלייכצייטיק ליידן און פֿרייד. צווישן צוויי ווייזן ביי זיינע פֿרויען, וואָס ער האָט אויפֿגעהאַלטן, האָט קאָסמאַ בינו־לבֿינו אויסגעהאָרכט אַ פּויער, וואָס האָט אים דערציילט פֿון זיינע ליידן. נאָכדעם האָט ער אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס אין די הענט פֿונם ציטערדיקן פּויער, אויסגעדרייט זיך מיט דער פּלייצע צו אים און פֿאַר־געסן אָן אים. קירא, אויסגעפּוצט און אָנגעטאָרבט, ווי דעם סולטאַנס אַ געליבטע, פֿלעגט אַרויספֿאָרן אין איר קאַרעטע,

ענלעך צו דער קאַרעטע פון אַן אַגאַ, און אויב אויפן שפּאַ־ציר האָט די דערציילונג פון עפּעס אַן אומגליקלעכן ביי איר אַרויסגערופן טרערן, האָב איך געוווּסט, אַז איר דאגה — זיך קאַליע צו מאַכן דאָס פּנים — איז געווען ענלעך צו דער דאגה, וואָס האָבן איר פאַרשאַפן די ליידן פון אַן אָרעמאַן.

„די העפלעכקייטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אונדזער האַן, האָבן זיי ביידן אויפגערעגט. קיראַ האָט חרוב געמאַכט איר צימער. האָט צעבראָכן די װענעציאַנישע שפּיגלען, צעפליקט אירע קליידער. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער איבערגעשראָקענער טאַטע, האָט זי אים אַ שליידער געטאָן אין קאָפּ אַריין אירע קעסטלעך פּאָמאַדע. קאָסמאַ האָט זיך אויף דריי טעג פאַרשלאָסן אין קעלער, פאַרבאַריקאַדירט די טיר מיט פעסער, באַגאָסן די פּאָדלאָגע מיט וויינען, ליקערן און בראָנפן. אָבער איך האָב גאָרנישט געטאָן. איך האָב געטרויכערט מיין נאַרגילע אויפן בוידעם. שפּעטער האָבן מיר זאַלבעדריט באַשלאָסן צו הרגע־נען דעם בישאָף, דעם אַגאַ און דעם באָיאַר. קיראַ, אָנגעטאָן איז שוואַרצן, ווי אַ מאָנאַשקע, האָט אונדז אַריינגערופן צו זיך אין צימער און געזאָגט:

— קוקט: איך האָב צעבראָכן און צעשטאָכן מיינע טייערסטע חפצים. איך וועל מער נישט אָנטאָן קיין קאָלירטע קליידער און נישט באַפאַרבן זיך דאָס פּנים, איידער די דריי פאַרזעענישן וועלן נישט זיין טויט. איך וועל אייך העלפן, אויב ס׳וועט אויסקומען, וועט איר אַוועק אין וואַלד אַריין. איך וועל אייך שטיצן מיט געלט. און איך וועל אייך נאָכגיין, אויב מען וועט דאַרפן.

„קאָסמאַ, אַן אויפגעציטערטער פון כעס, האָט געענט־פערט:

— און איך שווער, אַז איך וועל מער נישט אַ גלעט טאָן קיין פרוי, ביז וואַנען איך וועל נישט איינטונקען מיין קינזשאַל אינם בלוט פון דידאָזיקע דריי אויסוווּרפן.

„ס׳איז געווען אַזוי שיין צו קוקן, ווי זיי זענען ביידע געווען אויפגערעגט, אַז איך האָב נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן,

און האָב זיך געפילט ווי אַ נאַר. איך האָב ווידער גענומען דריכערן מיין נאַרגיל און געוואַרט.

ס'איז אויסגעקומען צו וואַרטן. ווייל מען קען נישט הרגענען דריי האַרן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז צו די פיס, פונקט ווי מען הרגעט דריי הינדיקעס. אָבער אויב איך האָב געקענט וואַרטן, האָבן עס מיין ברודער און מיין שוועסטער נישט גע-קענט. אויפן צווייטן טאָג זענען זיי געקומען — מיר צו דערמאָנען וועגן אונדזער נקמה.

אַלזאָ, עליע, וואָס טוען מיר.

איר וואַרטן, קאָסמאַ, מיר וואַרטן אויף דער גינסטי-קער רגע.

„קירא, נאָך אַלץ אָנגעטאָן אין שוואַרצן, האָט זיך אָנ-גערופן:

— צוליב וואָס דאַרף מען וואַרטן, עליע?

— ווייל, פאַרשטייט איר מיך, דער בישאָף, דער אַגאַ און דער באָיאַר דומיטראַקי ווייסן נישט, אַז מיר ווילן זיי הרגענען און ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, וועלן זיי נישט קו-מען, כדי אונדז אונטערצושטעלן זייערע העלדזער.

— שטותערייי! — האָט קאָסמאַ אויסגערופן.

— אומדערטרעגלעך! — האָט די שוועסטערקע צוגע-געבן.

„ס'איז באמת געווען נאַריש אומדערטרעגלעך. די אָרעמע שוועסטער האָט פיינט געהאַט אירע שוואַרצע בגדים, און קאָסמאַ האָט לאַנג נישט געקענט לעבן, נישט גלעטנדיק קיין פרויען.

„איך האָב אויף זיי רחמנות געקריגן.

— גייט, מיינע פריינט, נעמט אייך צו אייער פריערדיק לעבן. קיינער האָט אויף אייך נישט גוזר תענית געווען, קיי-נער האָט אייך נישט געצוווּנגען פאַסטן, תפילה טון, ביז די גערעכטיקייט וועט נישט ווערן אָפּגעטאָן. ס'איז נישטאָ קיין

שום שווערערע זאַך, ווי ווען גוטס פאַרן צווייטן, דערוואַרבנ־דיק זיך עס אַדאַנק קרבנות, וואָס מען לייגט אויף זיך אַליין אַרויף. פון צופיל צניעות ווערט דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט קנאה, און קנאהדיקע הערצער ווייסן נישט פונם פרייד פון קרבנות. קערט זיך אום צו אייער געזעץ, און איך וועל לעבן אויף מיין אופן.

„זיי האָבן זיך צוריקגעקערט און זענען געווען שטאַרק צופרידן. דער איינציקער, וועד ס'איז נישט געווען צופרידן — דאָס בין איך געווען. איך בין געווען פאַרדאגהט און איינ־זאַם. איך בין געווען מער פאַרדאגהט און איינזאַם, ווי פריער.

„ס'איז געווען נאָך איינער, וועלכער האָט זיך געפילט זייער שלעכט: דער טאַטע. ער האָט זיך אַרומגעזוכט, אַז דאָס רומענישע שפּריכוואָרט: אַלץ, וואָס ווערט געבוירן פון אַ קאַץ עסט מייז, איז נישט צוגעפּאַסט צו זיין פאַל. אַלזאָ, נאָך קיראַס און קאָסמאַס באַרבאַרישע מעשים, איז אים באַלד אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ — אויפצוזוכן אַ שטרענגן מאַן פאַר קיראַן. און צו אונדז איז ער געוואָרן בעסער: ער האָט אונדז אַוועקגעשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון דער מאַכט. נישטאָ וואָס צו ריידן, אַ גוטע צוקונפט פאַר דריי בונטאַוושטשיקעס, וואָס ווילן גיין מלחמה האַלטן מיט שטאַרקע!

„איך האָב אַראָפּגעלאָזט די הענט פאַר דער אוממעגלעכ־קייט. מען האָט נישט געקענט איבערבינדן די ווונד. אומגליק־לעכע זענען געקומען דערציילן וועגן זייערע ליידן און בעטן הילף ביי „עליען דעם גוטן", און עליע האָט זיי בלויז גע־קענט העלפן מיט אַ קרעכץ. דאָס שלעכטס האָט געהערשט, אָנהייבנדיק פון נידערטרעכטיקסטן פּאָטעראַש ביז צום העכסטן די־וואַן־ראַטגעבער. אַ נאַכט אָן שטערן. אַ פינסטערניש אָנגעפילט מיט קרעכצן...

„אַלזאָ, איך האָב דערקענט דעם אומגליק — נישט צו זיין ענלעך צו מיין טאַטן. איך בין געווען עלנטער, ווי די שקלאַפן פון בעילִיק. יענע האָבן כאָטש געליטן פון זייערע

אייגענע ליידן, אָבער איך האָב געהיטן פאַך אַלעמען. און איך האָב געהאַט אַ שוועסטער, וועלכע האָט געגאָסן טרערן ביי אַ טרויעריקער דערציילונג. און איך האָב געהאַט אַ ברודער, וועלכער האָט אויסגעליידיקט די קעשענעס אין די ציטערנדיקע הענט פון אַן אונטערדריקטן. ליידער, איינע האָט אַריינגעלייגט איר לייב און לעבן אין אַזיאַטישע שמאַטעס, און דער צווייטער האָט געטראָגן אין זיך דעם פיבער פון אַלע אָגערס פונם גאַנצן קרייז.

„ניין, מען קען נישט טראַכטן וועגן יענעמס מכות, בעת מען דאַרף זיך באַשעפטיקן מיט אייגענע ווונדן.

„דאָך האָט איינמאָל דער געשוויר געפּלאַצט. קאָסמאַ איז צו מיר געקומען און געזאָגט:

— עליע, לאָמיר אַרויסשפּרינגען דעם טאַטן אויף דער פּלייצע און צונעמען ביי אים זיין גאַנץ ביסל גאָלד! ביסטו מסכים? קירא וויל אויך.

— איך וויל, קאָסמאַ, אָבער וואָס זאָל מען טאָן מיטן גאָלד? אויפהאָדעווען שקאַפעס, וועלכע וועלן אָנפלאָדיען ר אַ-י אַ ס פאַרן ־ ב ע י ל י ק? איינקויפן אַזיאַטישע שמאַטעס? פאַנאַנ-דערטיילן נדבות דאָ און דאָרט? און כדי דער זאַפּטשיו זאָל אונדז נאָכדעם אַריינזעצן אין תפיסה? ס'איז שוין פאַר מיר גענוג!

— ניין, עליע, מיר וועלן עס נישט טאָן. איך האָב אויך גענוג. קירא אויך. דער טאַטע וויל זי תתונה מאַכן מיט אַ פּאַסקודנעם פּורמאַן, וואָס האָט אַ שטיינערן האַרץ. לאָמיר אַלע אַוועקפאָרן צו די חיידוקן! מיר וועלן נקמה נעמען פאַר די באַליידיקטע. און מיר וועלן לעבן אַ פריי לעבן ביזן טאָג, ווען מען וועט אונדז אָנטאָן אַ שטריק אויפן האַלדז! ביסטו מסכים, עליע? איך האָב צען מאַן, וועלכע זענען גרייט זיך צו לאָזן מיט אונדז אין וועג אַריין.

„איך האָב מסכים געווען. מיר האָבן זיך אַרומגענומען

און מיר האָבן זיך צעקושט אין אונדזערע שײנע שוואַרצע בערד. אָבער איך בין געװען בײ דער מײנונג, אַז קיראַ דאַרף אונדז נישט נאָכפּאָרן. זי האָט געדאַרפט פאַרבלײבן אין שטאָט און אונדז געבן צו װיסן װעגן אַלע שריט פונם שונא. אויף דעם פּונקט זענען מיר אַלע אײנגעגאַנגען.

„כּדי אַרויפצושפּרינגען דעם טאַטן אויף דער פּלײצע און אַרויסרײסן בײ אים די שליסלען פונם קופּער מיטן גאָלד, האָט מען געדאַרפט װאַרטן ביז ער װעט װידער באַקומען צאָן־װײטיק. און אַזעלכע רגעס פלעגט ער אַלעמען משוגע מאַכן; ער פלעגט אַװעקשיקן אַלע דינער, זײ זאָלן ברענגען פאַרשײדענע מכשפות, װאָס קענען אָפּרויכערן און האָבן מאַגישע שמירעכצן.

„דערדאָזיקער װײטיק האָט אים אָנגעכאַפּט אין אַ רעגנדיקן פרילינג־טאָג. כּדי אויף אונדזער שװעסטער זאָל נישט פאַלן קײן שום חשד, האָבן מיר איר געראָטן, זי זאָל אַװעקפאָרן אין שטאָט אַרײן, װי נאָר דער פאָטער װעט אָנהײבן צו שרײען. זי איז אַװעק אים טרײסטן. ער האָט זי געשיקט צו אַלדע שװאַרץ יאַר, אָנרופנדיק זי פּ אַ ט ש אַ ו ר אַ. װען מיר זענען אָנגעקומען, איז ער געװען זיכער, אַז מיר זענען געקומען מיט דערזעלבער פּונה, האָט ער אָנגעהײבן ריטשען:

— אַװעק פון מײנע אײגן, איר פּ ע ז ע װ ע נ ג ע ס! איך בײטיק זיך נישט אין אײער רחמנות!

— גאַנץ מעגלעך, האָט זיך קאָסמאַ אָנגערופן, אָבער מיר בײטיקן זיך גאָר אין דײנע שליסלען!

„און בײ דידאָזיקע װערטער האָט ער זײ אַרויסגעריסן פון לעבן זײן גאַרטל. תּיכּף איז דער צאָן־װײטיק אַדורכגעגאַנגען. מײן טאַטע האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. דעמאָלט האָט אים קאָסמאַ צוגעדריקט מיט זײן צװײהונדערטפונטיקן גוף, פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל און אים געבונדן.

אײנאָװנט פון דעמדאָזיקן אומפאַרגעסלעכן טאָג האָבן מיר צװעלף פערזאָן געפײערט אין די דאָברודזשער װעלדער אונדזער צוזאַמענבראָך מיטן געזעץ, װאָס פאַרטײדיקט די,

וועלכע האָבן עס געשאַפן. אַ זאַק מיט פיר אָקאָס גאָלד, האָט אונדז געדאַרפט אויפעפענען אַ נייע וועלט.

* * *

„גאָלד ענדערט גאָרנישט אינם מענטשלעכן האַרץ. עס האָט גאָרנישט געענדערט אין אונדזער ניי לעבן.

„קאָסמאַ האָט זיך אַ נעם געטאָן צו קאָנטראַבאַנד. ס'איז זייער אַ גוט געשעפט פאַר די, וואָס ווילן קנאַפּ ריזיקירן און אַ סך פאַרדינען. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין לעבן פון אַ היידוק. אמת טאַקי, די טובות, וואָס מיר האָבן געטאָן די אונטערדריקטע, האָבן קאָסמאַס נאָמען מפרסם געווען פון איין עק רומעניע ביזן צווייטן. די בייטלען מיט גאָלד זענען אויסגערונען פונקט אַזוי שנעל, ווי מיר האָבן זיי פאַרדינט. דאָך איז עס געווען אַ צייטווייליקער מיטל. דעם ווייטיק, פון וועלכן דער פויער האָט געליטן, האָט מען נישט געקענט אויסהיילן מיט גאָלד אַליין.

„לייכטער מאַכן די ליידן ביי אַ מענטשן, הייסט מאַכן ער זאָל דידאָזיקע ליידן קענען פאַרטראָגן. אָבער דעמדאָזיקן אמת האָט קאָסמאַ נישט געזען. אונדזערע חברים האָבן דעם אמת אויך נישט געזען. הגם זיי זענען מער פאַראינטערעסירט צו זען ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אָבער וואָסער ווערט האָבן די ליידן פון אַ מענטשן, בעת ער פילט בלויז זיינע אייגענע ליידן? ווי נאָר זיין ווייטיק גייט פאַרביי, איז שוין מער נישטאָ קיין ווייטיק אויף דער וועלט. אַלזאָ, אונדזער ניי לעבן איז בלויז געווען אַן איבערחזרונג פון אַלטן לעבן, נאָר מיט אַ סך גרעסערע מיטלען.

„אין דערזעלבער צייט איז אונדזער שוועסטער געווען צוגעשמידט צו אַ פּאַסקודנעם מענטשן, וועלכן דער טאַטע האָט איר באַשטימט. דאָס ערשטע קינד איז געווען אַן אויסוווּרף, ענלעך צום טאַטן. מיין שוועסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אים און עס דערווייטערט פון זיך. צום גליק איז געקומען אַ

מיידעלע, אַ צווייטע קירזאַ און אַ דריט קינד — אַ ייִנגעלע. זיי האָבן אַרומגערינגלט די אומגליקלעכע פּרוי מיט אַ משפּחה, לויט איר געשמאַק.

„זיי האָבן געלעבט אַ לעבן לויט זייער כאַראַקטער, האָבן פאַר עס געליטן און געשטאָרבן אַלע דריי, ווייל זיי האָבן זיך פון קיין זאַך נישט געוואָלט זאָרגן.

ס׳איז איבעריק איך צו זאָגן, אַז די פאַרגאַנגענהייט גיט מיר נישט דאָס רעכט, אָנצורופן זיך היידוק. מיר זענען געווען באַרפאַשן*). אונדזערע נקמות זענען געווען קליינלעכע און פערזענלעכע. דאָך איז געווען איין איינציקער העלדישער טאַט צום אָנהייב פון אונדזערע אַרויסטריטן. ער האָט אונדז געבראַכט גרויסע נוצן, דערהייבנדיק אונדז אין די אויגן פונם פאָלק און איך האָב זיך מיט אים געגרויסט, ווייל איך האָב געשטופּט קאָסמאַן, ער זאָל אים אויספירן. און אָט:

„ס׳איז געווען אין יענער צייט, ווען מען האָט געגנבעט קינדער, אויף וואָס די וועלט שטייט. פון אַלע אומגליקן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַפעלקערונג, איז דעמדאָזיקן פאַרברעכן געווען צום שווערסטן איבערצוטראָגן. דער פויער האָט איבערגעטראָגן מיט אַ צוווייטיקט האַרץ די אַלע אַנדערע זיינע אומגליקן: שטייערן, פּאַנשטשיזנע, שמיץ און פאַרגוואַלדיקונג. אָבער אַוועקצונעמען פון אים דאָס אומשולדיק שטיקל פון זיין אייגן לייב, איז ערגער, ווי מען וואָלט ביי אים אַוועקגענומען דאָס לעבן, בפרט, אַז ער האָט געוווּסט, וואָס עס וואַרט אָפּ דעם אומגליקלעכן. איך האָב געהערט וועגן אַזעלכע עלטערן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער כאַטע, ווי משוגע-נע הינט אַנטלאָפן געוואָרן, כדי אויפצוזוכן זייער קינד און דערנאָך אַליין פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף אייביק.

*) געוויינלעכע גנבים.

„אין אונדזער בראַילער קרייז איז דער אַגאַ געווען דער גרעסטער קאַפּקאַן *). זיין פריינט, דער בישאָף פון גאַלאַץ, האָט הולטייעט צוזאַמען מיט אים און האָט ליבער געהאַט יינגלעך ווי מיידלעך, בעת דער דריטער פריינט, דער באָיאַר דומיטראַקי קאָרנו, האָט געהאַט, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, גאָר פאַרקערטע געשמאַקן. נאָך דער סעודה פלעגט מען די קליינע קרבנות אַוועקשיקן קיין צאַרגראַד. מאַמעס פלעגן קומען און חלשן, בעטנדיק רחמים ביי דער טיר פון די מעכטיקע. מען פלעגט זיי אַוועקשטויסן, ווי מען שטופט אָפּ אַ פעקל, וואָס פאַרלייגט דעם וועג.

„וויאַזוי זאָל מען נישט ווערן קיין היידוק? איך האָב געהאַט קענען די אַלע דריי אויסווורפן אַזאַ טיפע שנאה, וואָס גיסט אַריין פרייד אין האַרצן, פאַרן טויט. און אָט, איינמאָל, אין צוויי יאָר אַרום נאָך אונדזער איבעררייסן די באַציונגען מיטן קלויסטער און געזעץ, האָט קיראַ אונדז צוגעשיקט דאָס-דאָזיקע וואָרט: היינט אינאָוונט וועלן ביי אונדז אין שטוב די קינדער פאַרגיסן בלוטיקע טרערן. זייט היידוקן! מען ווייסט, אַז איר געפינט זיך ווייט און מען האָט פאַר אייך קיין מורא נישט.

„מיר האָבן זיך באמת געפונען זייער ווייט פון בראַילאַ, אין די געגנטן פונם טערקישן באַבאַדאַג. ס'איז שוין געווען די צייט פון דער אָוונט-תפילה, ווי אַ מענטש האָט אונדז פלוצלונג אַריינגעבראַכט די ידיעה.

„איך האָב קאָסמאַן אַריינגעקוקט אין די אויגן. מען האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער וואַקלט זיך. דעמאָלט האָב איך אַרויסגעשטעלט מיין נאַקעטע ברוסט און צו אים געזאָגט:

— דערלאַנג, קאָסמאַ... סע וועט פליסן.

„קאָסמאַ האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעשפרונגען אויפן פערד און אויסגערופן:

— עך, איר אָנגעזעטיקטע היידוקן! ווער וויל נאָך מיר

*) מענטשנפרעסער (בנוגע די קינדער).

באַכגיין און צען שעה נישט עסן? ווער וויל ריזיקירן מיט זיין פעל פאַר אַ מוטער, וואָס רייסט זיך אַרויס די האָר, פאַר קינדער, וואָס פאַרשילטן זייער לעבן?

„מיר זענען געווען צוואַנציק פאַרשוין. אַלע צוואַנציק זענען מיר אַרויף אויף די פערד, איידער קאָסמאַ האָט פאַר-ענדיקט דידאָזיקע ווערטער. און אין דער שעה, ווען די הע-בער חייבן אָן צו קרייען, נאָך אַ שווערער רייזע צווישן קוס-טעס און בלאָטעס, זענען מיר צוגעקומען צום גראָבן, וואָס רינגלט אַרום בראַילאַ.

„דער האַן איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. קיין שום ליכט, קיין שום סימנים פון לעבן. אַ דראָבנער רעגן, וואָס איז געגאַנגען פון נעכטן אָן, האָט פאַנאַנדערגעווייקט דעם בלאָטיקן באָדן. דאָס אומגליק-הויז, ווייס ווי שניי, האָט געלייגט אַ פלעק פון פאַרברעכערישער ריינקייט אויפן פאָן פונם פאַרטרויערטן הימל. די גרויסע דעכער האָבן פאַנאַנדער-געשפּרייט זייערע שוואַרצע פייכטע פליגלען, ווי אַן אויסטער-לישער רויב-פויגל, וואָס שיצט זיין פאַטאַלע נעסט, בעת די הילצערנע באַלקאָנען האָבן זיך געצויגן אויף דער ווייסקייט פון די מויערן, ווי בייכער, גרייט צו געבוירן חמרים בישאָפן און אַגאַס-קאַפּקאַונען.

„קיינמאָל האָט מיר אונדזער האַן נישט אויסגעוויזן אַזוי שעדלעך, ווי דעמאָלט. איך האָב אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק, אַז איך בין געקומען אויף דער וועלט און אויסגע-וואָקסן אין דעמדאָזיקן הויז. צי איז עס געווען אַ טאַט פון געטלעכער גערעכטיקייט — אָט דער מזל פון די קינדער און פון די אייניקלעך פון אַ טאַטן, וואָס האָט געוואָלט פאַרשאַפן גליק זיינע קינדער, צומאַכנדיק די אויגן אויף די פאַרברעכנס, וועלכע זענען אים געווען נוצלעך.

מיר האָבן אָנגענומען די העכסטע פאָרזיכטס-מיטלען. דער האַן איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון אַ באַרג-פליין,

וואָס דער גרויסער שטאָטישער האַלב־עיגולדיקער גראָבן האָט געשאַפן דאָרט, ווו ער דערנענטערט זיך צום דונײַ, ביי קאַראַקיאָי. די פערד האָט מען פאַרבאַהאַלטן אין גראָבן אונטער דער שמירה פון פיר מענטשן.

„דער באַרג־אַראָפּ אין יענע ערטער איז אַ האַסטיקער, אָבער ער האָט אַ מעלה, וואָס ער איז באַוואַקסן מיט סכך און גינסטער־גראָזן אַזוי, אַז ביים קלעטערן איז דאָ אין וואָס זיך אָנצוטשעפּען. אונדזערע מענטשן זענען פאַרקראָכן אין די קוסטעס, וואָס לעבן דער וואַנט פון הויז. פונדערווייטנס האָט געדרעמלט דער פּאָרט. עפּעס אַ פאַרליבטער טערק האָט געזונגען אַ טרויעריק ליד אויף דער דעק פון אַ אומבאַמערקלעכער שיף. פון דערדאָזיקער זייט האָבן מיר זיך פאַר קיין זאַך נישט מורא געהאַט. אדרבה, פון דער שטאָט־זייט איז דער געפאַר געווען אַ גרויסער, ווייל דעם אַגאַס פּאָליציי איז געשטאַנען אויף דער וואַך, בעת איר באַלעבאָס האָט זיך געוויילט. צום גליק איז דאָס שלעכטע וועטער אונדז געקומען צו הילף. די שעאַושן פאַרשטעקט ערגעץ אונטער אַ גאַנעק מיט אַ דעכל, האָבן געציטערט ווי אויסגעווייקטע הינט, אַרויסלאָזנדיק גאַנץ שוואַך זייערע איינטאָניקע חעפּ־העפּ. אָבער קאָסמאַ מיט זיין אויסערגעוויינלעכער חוצפה, איז צוגעגאַנגען כאַפּן אַ שמועס מיט איינעם פון זיי, צוגעפירט אים צו אַ צווייטן און אַרויסגענומען בראָנפן. מיר האָבן געטרונקען צוזאַמען. נאָכדעם, מיר זאַלבעצווייט צווישן דידאָזיקע וועלף, האָבן שפּאַצירט איבערן גאַנצן קוואַרטאַל און צונויפגעזאַמלט נאָך עלטערע וועכטער. קאָסמאַ האָט מיט זיי געפירט אַ פריילעכן שמועס און גלייכצייטיק געטרונקען. אַ רומענישע וואַך, האָט געשריגן נישט ווייט פון אונדזער גרופּע, אויסרופנדיק זייערע לאָזונגען:

— איך זע דיך! איך זע דיך!

„קאָסמאַ האָט אָפּגעענטפערט צווישן דעם אַלגעמיינעם געלעכטער פון די שעאַושן:

— דו זעסט גאָרנישט: איך מאַך קאַקאַ! קומט בעסער אויסטרינקען ראַקי! שנעלער!

„דער מענטש איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, צוגעקומען צו אונדז, געלאַכט און געטרונקען. ענדלעך, האָט קאָסמאַ מיטן אַקסל אַ שטופּ געטאָן די טיר, לעבן וועלכער ער איז געשטאַנען אָנגעלענט, וואָס האָט געפירט צו אַ געטרייען פריינט און האָט געזאָגט:

— אויב מען וועט ערגעץ אַריינגיין זיך אָנוואַרעמען, וועט עס נישט זיין בעסער?

„די פינף וועכטער זענען אונדז נאָכגעגאַנגען מיט גרויס דאַנקבאַרקייט. מיטאַמאָל האָבן מיר זיך אַלע געפונען אין אַ גרויסער טינדאַ, פאַר אונדזער גוטן איבראַהים, וועלכער האָט אונדז אַלעמען געוווּנטשן „אייביקן געזונט". ער האָט צוגעוואָרפן עטלעכע צווייגעלעך אינם איינגעשלאָפענעם פייער פון דער פּליטע, אונדז דערלאַנגט בעכערלעך און אַ ברייטע ראַגאָזשע פאַר די וואָס האָבן זיך געוואָלט אויסציִען.

„דאָס בראָנפן און די וואַרעמקייט האָבן צוגעמאַכט די אויגן-לעפלעך. און דעמאָלט איז אַוועק די גרעסטע סימפּאַניע פון שנאָרכן.

„מיר זענען אַנטלאָפן געוואָרן. די הענער האָבן געקרייט צום צווייטן מאָל.

צו אונדזער גרויסן באַדויערן האָבן מיר געמוזט הרגענען אונדזער אַלטן נאַכט-וועכטער, וועלכער האָט אונדז געקענט פון געבורט אָן, אָבער דערין איז ער אַליין געווען שולדיק. קאָסמאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער הויפּט-טיר. דער שומר האָט אויפגעעפנט מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט. מיר האָבן אים אַרויפגעוואָרפן אַ געבעכאַ אויפן קאָפּ, געראַטן—ער זאָל שווייגן און זיך לאָזן בינדן. ער האָט זיך נישט געלאָזט. קאָסמאַ איז געוואָרן שטאַרק אין כּעס און האָט אים דערשטאָכן מיט אַ קינזשאַל.

— מיר ווייסן אפילו נישט, צי ס'קומט פאַר אַן אָרגיע, אָדער זי איז אָפּגעשאַפן געוואָרן, — האָט געזאָגט מיין ברודער

אַ צעטומלטער. ס׳קען זיין, אַז מען האָט אומזיסט געהרגעט דעם וועכטער.

„אָבער מען האָט עס געדאַרפט טאָן. אַ סך ערגערע פאַרברעכנס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אינם הויז, וואָס דערדאָזיקער געטרייער שומר האָט אָפּגעהיט. בעת מיר האָבן קעגן אונדזער ווילן, פאַרענדיקט די חשבונות מיטן שומר, זענען צוויי בייזע אַגענטן פון אַגאַ אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אונדזערע מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען ביים שוואַרצן אַריינגאַנג, פונקט אויף דער צווייטער זייט פון דער הויפּט-טיר, וועלכע מיר האָבן צוליב מער זיכערקייט פאַרמאַכט אויפן ריגל. די צוויי לעפעדזשיס *) פון פּרעפעקט זענען שוין געווען טויט איידער מיר זענען צוגעקומען. אַ פאַרדריסלעכע זאַך: מיר האָבן געוואָלט ביי זיי צוערשט אַרויסבאַקומען ידיעות וועגן דעם, וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין שטוב. אַ דריטער מנובל האָט אונדז אינגיכן צופרידנגעשטעלט. מען האָט אים אַוועקגעשלעפּט אין די קוסטעס און אים גענומען אין דער אַרבעט אַריין. ס׳איז געווען אַ גריך פון יאַנינע, וועלכער האָט כּלומרשט נישט גערעדט אויף קיין שום אַנדער שפּראַך. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער אַגאַ שטאַמט אויך פון יאַנינע. מען האָט שלעכט פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן און קאָסמאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט צום גלויבן, אַז דערדאָזיקער אויסוווּרף זאָל נישט קענען דעם טערקישן אָדער גריכישן זשאַרגאָן. אונדזערע קינזשאַלן האָבן באַרעכטיקט קאָסמאַס השערות. די העסלעכע בריאה האָט גערעדט אויסגעצייכנט טערקיש און פון זיינע אַנטפּלעקונגען האָבן זיך ביי אונדז די האָר געשטעלט קאַפּויר.

— אויבן, — האָט ער געזאָגט — פאַרענדיקט זיך אינגיכן די אָרגיע. אַ מיידעלע און צוויי יינגלעך ליגן פאַרחלשטע אויף דער ערד. דער אַגאַ, דער בישאָף און דער באָיאַר דומיטראַקי האָבן אין אַ טויט שיכּורן צושטאַנד געפּאָדערט – מען זאָל זיי אין אַ קאַרעטע אַוועקפירן נעכטיקן אין דער פּרעפעקטור. דריי איבערגעבליבענע דינער האָבן געדאַרפט אַוועקטראָגן

---

*) געדונגענע.

די דריי קרבנות, נאָכן אָוועקפאָר פון זייערע באַלעבאַטים.

„פאַר דידאָזיקע ידיעות האָט דער אַלטער פאַסטוך פון יאַנינע געבעטן, מען זאָל אים שענקען דאָס לעבן.

— איך בין גאָרנישט שולדיק... איך טו וואָס מען הייסט מיר. פונקט ווי אַ סך אַנדערע בין איך געקומען קיין וואַלאַכיע, כדי צו זוכן גליק. ביי אונדז רעדט מען, אַז ס'איז אַזאַ לאַנד, ווו אַ לימאָנאַדניק קען ווערן אַ פּאַשאַ, אויב...

— אויב ער איז מסכים צו דערשטיקן די קולות פון קינדער, בעת די אַגאַס פליקן זייערע גופים; האַ, נישט אמת?

— האָב איך געזאָגט, אָנכאַפּנדיק אים פאַרן האַלדז.

„דאָס איז געווען דער ערשטער אויסוואורף, וועלכן מיינע הענט האָבן תּאוהדיק דערוואָרגן.

„מיר האָבן געמוזט לאַנג וואַרטן, איידער מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רייכן יאַגד. קיינער איז מער נישט אַראָפּגעקומען צו אונדז. פאַרכאַפּן דאָס הויז — האָט געהייסן ריזיקירן אויפצוּוועקן אַ גאַנצע מחנה דינער, אַריינטרעטן אין אַ קאַמף און מעגלעך—צוניפטרעפן זיך מיט דער גאַנצער פּאָטערע. מיר האָבן געוווּסט, אַז די אָרגיע וועט זיך ענדיקן פאַר באַגינען; די פּאַרזענישן האָבן קיינמאָל נישט געגעכטיקט אין האַן, ווו אינדערפרי פלעגט נישט בלייבן קיין שפּור פונם פאַרברעכן. מען האָט אַלזאָ דעם נעכסטן דינער געדאַרפט לאָזן גיין נאָך דער קאַרעטע.

„מיר האָבן זיך דערוויטערט אין די קוסטעס און פון דאָרט האָבן מיר נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון דער קליינער טיר, אויף אַ דרייסיק טריט פון אונדז. מער פון אַ שעה צייט האָט די קאַלטע אַפּריל-נאַכט געגליווערט דאָס בלוט אין אונדזערע אָדערן. ענדלעך איז אַרויס אַ מענטש, וועלכער איז שנעל פאַרשוווּנדן געוואָרן. צי איז ער אַוועק נאָך דער קאַרעטע, אָדער אין זיינע באַלעבאַטים איז אַריין אַ ספק, און זיי האָבן אים געהייסן קומען מיט אַ וואַך? אַזוי צי אַנדערש, מיר

האָבן אַלנפאַלס באַשלאָסן אויפצופּאַסן אַ פייער, ווי גרויס די אָנגעקומענע כּוחות זאָלן נישט זיין.

„אויף דער העלפט איז מקוים געוואָרן דאָס, פאַרוואָס מיר האָבן מורא געהאַט. אַ שמירה פון צען ביז צוועלף פאַר־שוין אויף פערד, באַוואָפנט מיט ביקסן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג. זיי האָבן תּיכּף אַרומגערינגלט די קאַרעטע. מיר האָבן לייכט אָפּגעטעמט און פאַרנומען אונדזערע פּאָזי־ציעס. יעדע סעקונדע האָט געדויערט אַן אייביקייט. און אַט האָבן זיך באַוויזן איינער נאָכן אַנדערן די דריי סאַטירן. די דריי גראָבע פאָרמלאָזע פאַדלעס, איינגעהילט אין זייערע שו־בעס. זיי האָבן זיך קוים געשלעפּט, אונטערגעהאַלטן דורך זייערע דינער. בעת דער לעצטער פון זיי איז אַריין, האָט זיך דאָס טירל צוגעמאַכט. ווען די קאַרעטע האָט געהאַלטן ביים רירן פון אָרט, האָבן הונדערטער הענער אָנגעפילט די לופט מיט זייער קרייען.

„ווי איין מענטש, זענען מיר אַלע אַרויסגעשפּרונגען אויפן באַרג־פּליין, זעכצן פּיסטאָלעטן האָבן אַ שפּיי געטאָן אין דערדאָזיקער מתנה און זעכצן אַנדערע שאָסן האָבן אַוועקגע־לייגט דריי־פערטל פון דער באַנדע. בינו־לבינו האָט די קאַ־רעטע געמאַכט אַ האַלבן עיגול און אָנשטויסנדיק זיך אויף אַ בוים, האָט זי זיך איבערגעקערט. אין דער נאַכט, באַדעקט מיט ווייסע פלעקן פונם זון־אויפגאַנג האָבן צוויי לעפּעדזשעס אויף פערד און איינער צופוס זיך געטראָגן מיט דער גאַנצער שנעלקייט. די איבעריקע זענען געלעגן אויף דער ערד, וועלכע טויט און וועלכע פאַרווונדעט. דער הייליקער בישאָף, דער אַל־מעכטיקער אַגאַ און דער „גוטער" דיוואַן־ראַטמאַן, דומיטראַקי קאַרנו, זענען מיט איין פּליק אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער קאַרעטע און פון זייער פאַרשיכּורטן צושטאַנד; דריי פייכטע פּעטליעס האָט מען זיי אַרויפגעצויגן אויפן האַלדז, און מיר, פאַרברעכער און ריכטער, לאָזן זיך אַראָפּ צעוואָרפענערהייט פונם שיפּוע, מיטן איינציקן געדאַנק, וואָס שנעלער צוצוקומען צו אונדזערע פערד.

„אַך, איר פאַרװיערטע עלטערן און איר, קינדער, װאָס ציטערן לעבן די קלײדער פון אײערע מאַמעס! און אויך איר קאַפּקאַונעס, װעלכע באַלײדיקט דאָס פּנים, װאָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן! קומט, לויפט קוקן אויף דער טײװלאָנישער משא פון די הײדוקן, װעלכע פאַרקערן דעם שמוציקן ברעג פונם דוניי מיט דרײ הערשער פון דער ערד, װאָס שלעפּן זיך הינטער די קאַפּיטעס פון די פערד! גײט אַרויס, פויערים פון אײערע כאַטעס און איר, הענקער, פון אײערע באַגילטע פּאַלאַצן! גיט אַ קוק אויף די דרײ גרויסע לײט, צעפליקט אויף שטיקער, זײערע אויגן, מויל און אויערן פאַרקלעפּט מיט לײם...

„נקמה! זײ געבענטשט, דו, פּאַר דער מונטערקײט, װאָס דו גיסט אַרײן אין די הערצער פון די הײדוקן!

. . . .

אַזוי האָט עליע פאַרענדיקט זײן דערצײלונג.

ער האָט געענטפערט אויף די בײפאַלן פון זײנע חברים, פאַרנײגנדיק זיך פאַר פלאָרעאַ קאָדרילאָר. נאָכדעם האָט ער גענומען זײן קאַ-טשולאַ און זיך איבערגעדעקט מיט איר. אויף זײן פּנים איז נישט פאַרבליבן קײן שפּור פון אַ מאַרטירער.

ספילקאַ דער מאָנאַך

„איצט געהער צו דיר דאָס וואָרט, ספּילקאַ. נעם אַראָפּ דעם שלייער, וואָס פאַרשטעלט דיך פון אונדזערע אויגן, עפן אויף אויפריכטיק דיין האַרץ, דערצייל אונדז פון דיין לעבן, דיינע פריידן, ליידן, שנאות!"

ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער פאָרשלאַג פון פּלאָרעאַ קאָדרילאָר איז פאַר אים געווען אומגעריכט. ער האָט אַ ציטער געטאָן ביי דידאָזיקע ווערטער, ווי אַן אומשולדיק מיידל, וואָס הערט אַ גראָב וואָרט. זיינע קיילעכדיקע שטאָלענע אויגן האָבן ערנסט און דרייסט אויפגענומען די בליקן, אָנגעצילט אויף אים. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע; זיין קאָפּ האָט זיך נאָכדעם אויסגעדרייט צום אַריינגאַנג פונם הייל אין אַ מין פיינטלעכער באַוועגונג. לאַנג האָט זיין געדאַנק געניש־טערט אין דער פאַראייַנזאַמטער, פאַרנעפּלטער ווייטקייט, בעת זיין ברייטע פיגור, באַדעקט מיט מאָנאַכן־שמאַטעס, האָט כמעט אויפגעהערט צו אָטעמען. זיינע הענט, אָנגעלענט אויף די קני, האָבן זיך נישט באַוועגט. זיינע פיס, גראָב אַרומגעוויקלט מיט אָניטשעס און פאַרזונקען אין אַ באַרג פון פויערישע אָ ב ע ל ע ס און א פ י נ ט ש ע ס, זענען אויך געווען אומבאַוועגלעך. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ספּילקאַ האָט זיך אויסגעטאָן פון זיין מאַ־טעריעלן וועזן. בלויז זיין מוסקלדיקער, דייטלעכער פּראָפיל, מיט זיין גוט־פאַרקאַמטער געלער באָרד און זיין אַנטבלויזטער שאַרבן האָבן געבוויזט מיט לעבן. אָט דער קאָפּ, אויף דער

העלפט באַלויכטן, האָט אַרויסגעוויזן דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר אין זיין נשמה.

נאָכדעם האָט ער פּאַוואָליע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אַטאַמאַן. זיינע פלײשיקע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער זיי זענען געווען אויסגעטריקנט. זיין אויפגעצויגענער גאָרגל האָט אַרויסגעלאָזט אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען. די דאָזיקע שטערונג האָט, קענטיק, אויפגערעגט דעם מאָנאַך. ער האָט ווירדיק איינגעגעצט דאָס מויל מיט שפּייעכץ און אָנגעהייבן ריידן מיט אַ פעסטן קול.

די דערציילונג פון ספּילקאַ דעם מאָנאַך

„איידער איך בין געוואָרן ספּילקאַ „דער מאָנאַך", בין איך געווען אַ דרייסטער פלוטאַש *) אויף דער ביסטריצע **). דעמאָלט האָב איך נישט געהאַט קיין פליך אויף מיין שאַרבן. אַ שיינע בלאָנדע „קיקאַ" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיינע ברייטע באַרקעס, וועלכע זענען נאָך ביז איצט פאַרבליבן. איך האָב נישט געטראָגן קיין באָרד. איך האָב געהאַט אַ פּנים פון אַן אומשולדיק ייִנגל. מיינע אויגן האָבן נישט געהאַט קיין שום סיבה זיך צוצומאַכן ביי עפּעס אַ דערינערונג. מיינע ליפּן האָבן געקענט לאַכן אָן שום שרעק. איך בין געווען ספּילקאַ „דער פלוטאַש".

„אָנהייבנדיק פונם אָרט אויף דער ביסטריצע, ווו מען קען אַראָפּלאָזן אַ פּאַראָם, ביז צו איר לעפּצונג, זענען די מאָלדאַווישע ברעגעס מיר אַזוי גוט באַקאַנט, ווי מיינע פינגער. די שטאָלצע ביסטריצע, די ווילדע פּרינצעסין, אייפערזיכטיק אָפּגעהיט דורך די טייכן פּרוט און סערעט, איז געווען מיין געליבטע. איר בעט: אַן אומגעטרייער געלעגער, פול מיט וואַסער-שטיינער. אירע ברעגעס: צוויי כוואַליעדיקע צעלאָזטע צעפּ, פול מיט איבערראַשונגען. דאָס ערשטע רעגט אויף די געליבטע, צעשניידט איר גאַנץ גוף; די אַנדערע, דערנענטערנדיק

---

*) אַ פּאַראָמשטשיק.

**) אַ טייך אין מאָלדאַוויע.

זיך, באַדראָען זיי זי אָפט, דריקן זי, שטיקן זי, צווינגען זי שרייען, נאָכדעם, גלייך ווי זיך אויפגערעדט — דער געלעגער און די ברעגעס — פאַרלאָזן זיי איר אַלע דריי. און דער שענסטער טייך אין מאָלדאַוויע, איינער פון די שענסטע טייכן אין דער וועלט, שפרייט זיך ברייט פאַנאַנדער, קוקט אַריין אין הימל, וועלכער איז אים ווערט, שמייכלט ליבלעך צו זיינע איינוווינער.

„ספּילקאַ, דער דרייסטער פּלוטאַש, האָט געלעבט מיטן זעלבן לעבן, וואָס זיין געליבטע. צי מען האָט זי געדריקט, געפּליקט, תמיד האָב איך זיך פאַרטיידיקט צוזאַמען מיט איר אין אַ ווירבלדיקן שטראָם און צוזאַמען האָבן מיר געריטשעט. ווען זי האָט זיך באַפרייט און באַרויקט, האָבן מיר באַטראַכט דעם בלויען הימל, מיר האָבן אויסגעצויגן אונדזערע גלידער אויף דער זון און צופרידן פון אונדזער מזל, האָבן מיר געשעפּט נחת פון אַלץ, וואָס איז אַרום אונדז.

„אַרום אונדז: אַ לאַנד געבענטשט פון אויבערשטן, אַ פאַרשפּראָכן לאַנד! צי די באַרג־שפּאַלטן זענען אָפּגעריסן און פינסטער, ווו דער פענצל פונם בין-השמשות באַוועגט טויזנטער קאָלירן, צי די לאַנדשאַפט וויקלט זיך אין איר באַפּוצונג פון שימערירנדיקן ליכט, פול מיט לאָנקעס, סטאַדעס, בערג, וועלדער, — די נשמה פון פּלוטאַש כאַפּט שטענדיק התפּעלות! דידאָזיקע פרייד פילסטו, בעת דו לאָזסט זיך אַראָפּ מיטן שטראָם. און פּונקט אַזאַ פרייד, נישט קלענער פון דער ערשטער פילסטו, בעת דו פאָרסט צוריק אַהיים אין דער קאָמפּאַניע פון פורמאַנעס. דאָס האַלץ איז אָפּגעליפערט, דאָס געלד איז אין בייטל, דו ביסט געזונט, דו פילסט אַ נויטווענדיקייט צו שפּרייזן אויף וועגן, טרינקען, עסן שלאָפן. וואָס נאָך מער דאַרף אַ מענטש האָבן?

„אַך, מיין אָרעמער ספּילקאַ! פאַרוואָס האָסטו נישט איינגעהאַלטן דעמדאָזיקן גליק? איך האָב אים נישט געקענט איינהאַלטן. ס׳איז געווען אוממעגלעך.

אויף די ברעגעס פון דער קרישטאָלענער ביסטריצע זענען

געווען אַ סך יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן געטריקנט פּויערישן לייוונט און געזונגען אויף וואָס די וועלט שטייט וועגן ליבעס, איבערגעלעבטע און נישט-איבערגעלעבטע. שטענדיק זענען דאָרט געווען מיידלעך, וועלכע האָבן געטריקנט לייוונט, אָבער איך האָב אויף זיי בלויז געקוקט מיט אויגן פון אַן אומשולדיק יינגל, אויף מענטשלעכע ווערנס, וואָס טראָגן אַ קלייד אָנשטאָט הויזן. און דאָס אַלץ. אַזוי האָט געדויערט לאַנגע יאָרן. איך פּלעג שרייען צו זיי, אַראָפּלאָזנדיק זיך רויק אויף מיין פּאַראָם. ס׳רוב פון זיי האָבן אָפּגעענטפערט. אַנדערע זענען געווען אָנגעבלאָזן. און איך פלעג פאַרבייפאָרן. אָבער ס׳איז געקומען אַ טאָג און איך האָב אויפגעהערט צו פאָרן.

„איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ יאָר צוואַנציק. אַ זעלטענע שטימונג. מוסקולן, און געזונט, ווי אַ פערד. ווייל איך האָב געלעבט אויפן וואַסער, געטרונקען וויין, געגעסן צוויי אָקאָס פלייש אַ טאָג און באַוועגט גיגאַנטישעביימער. מיין נאָז האָט קיין שום אַנדער ריח נישט געקענט פאַרטראָגן אַ חוץ וואַלד-ריח.

„איינמאָל האָבן אַ מחנה מיידלעך מיר פאַרטשעפּעט די ערשטע. איך האָב צו זיך געזאָגט:

— נו, ספּילקאַ, באַטראַכט נאָר פון דערנאָענט דידאָזיקע נפשות!

„איך האָב אַ שטופּ געטאָן מיט אַ שטעקן, און דער פּאַראָם האָט זיך האַסטיק אָנגעקלאַפּט אָן ברעג. אַלע זענען אַנטלאָפן געוואָרן, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך די לייוונט, — אַלע, חוץ איינע, וועלכע איז געווען אַזוי גרויס ווי דריי עפּל. אָבער דידאָזיקע „סחורה" איז געווען אַזוי ניי פאַר מיר, אַז איך האָב פון איר דעם אויג נישט אַראָפּגענומען. זי האָט זיך אויפגעהייבן: די פיס נאַקעט, דאָס קליידל קורץ, אַ ווייס העמד, וואָס זי האָט מיטביידע הענט צוגעדריקט צו דער ברוסט, אַ בלאָנד קעפּל, זייער אַ קליינע און אויגן בלויע, גרויסע, טיפע, מיט לעפלעך, וואָס קלאַפּן, ווי די פליגלען פון

אַ זומער-פייגעלע. אָט אַזוי האָט אויסגעקוקט דאָס נייִ שטיקל סחורה, מיין סולטאַנע.

„זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן אָן שום מורא, גלייך אין פּנים אַריין, וואָס ס'איז מיר געפעלן געוואָרן, און האָט געזאָגט:

— דו וועסט אונדז קיין שום שלעכטס נישט טאָן. דו ביסט פון אונדזערע.

— איך שלעכטס טאָן? געוויס נישט! איר האָט מיך גערופן, בין איך געקומען.

„סולטאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— זיי האָבן געשריגן סתם אין דער וועלט אַריין, כּדי צו מאַכן אַ שפּאַס. ס'ווערט פאַרמיאוסט תּמיד אַליין!

— דו האָסט אויך געשריגן?

— ניין, איך האָב נישט געשריגן, אָבער איך קען דיך פון פאָריקן זומער און איך גלויב נישט, זאָלסט זיין אַ שלעכ-טער. אָט דעריבער בין איך פאַרבליבן.

— זענען דען דאָ אַ סך שלעכטע?

— אַ סך, כּמעט אַלע.

— אפילו די פּ ל ו ט אַ ש ן?

— זייער אָפט.

— אַלזאָ, גיי איך אַוועק. רוף מיר נאָר אָן דיין נאָמען.

— איך הייס סולטאַנע.

— און איך — ספּילקאַ. און פאַרוואָס טראַכסטו, סולטאַנע, אַז איך בין נישט קיין שלעכטער.

— ווייל דו גייסט תּמיד דיין וועג און לייגסט נישט קיין אַכט אויף די געשרייען פון די ווייבער.

„סולטאַנעס דאָזיקע תּשובה האָט מיר פאַרשאַפן פאַרגע-ניגן. איך האָב מער גאָרנישט געזאָגט. איך האָב זיך אָפּגע-שטויסן פון ברעג און אַוועקגעפאָרן מיטן שטראָם, בעת זי האָט צו מיר געשמייכלט.

„ווי נאָר איך בין אַוועקגעפּאָרן, בין איך שוין נישט געווען דערזעלבער מענטש. מען ווערט אַן אַנדער מענטש, פון דער צייט אָן, ווען עפּעס אַ געדאַנק באַהערשט דיין מוח. איך האָב געהאַט אַ רויק לעבן — אַ בוים, אויף וועלכן קיין איינציק בלעטעלע שאָקלט זיך נישט. איצט האָט אַן אומגעריכטער ווינט אָנגעהייבן צו בלאָזן. און די ביסטריצע האָט אינגאַנצן געענדערט איר אויסזען. איך האָב געזען די וועלט בלויז דורך איין געשטאַלט. די שיינקייט האָט נישט פאַרלוירן איר גלאַנץ, אָבער דאָך האָב איך אין מיין בליק געהאַט עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין נישט געווען מיינס.

„איך האָב נישט געליטן. ביז היינטיקן טאָג זענען מיר פרעמד די יסורים פון ליבע, וואָס נאָגן דאָס האַרץ. איך האָב געליבט סולטאַנען, ווי אַ קינד ליבט אַ פויגעלע אין שטייג, אַוועקשענקענדיק אים זיינע אַלע געדאַנקען. דאָסדאָזיקע שוואַכע נפשלע, נישט מורא האָבנדיק פאַר עפּעס אַ פּאַסקודניק, וואָס האָט צוגעפירט דעם פאַראָם צום ברעג, האָט מיך פולשטענדיק באַזיגט. זי האָט געוווסט, אַז איך בין נישט קיין שלעכטער. זי איז געווען זיכער, אַז איך וועל איר נישט טאָן קיין שום שלעכטס. דער כּוח פון אירע אויגן האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן כּוח פון מיינע מוסקולן און זי האָט געזיגט. איך האָב געמוזט טראַכטן פון סולטאַנען, בלויז פון איר אַליין. איז עס ווייניק טראַכטן, בעת דו ליבסט נישט און דו ליידסט נישט? אפשר פאַר אַנדערע, פאַר די אפשר, וואָס ליבן און ליידן לייכט. פאַר מיר איז עס געווען אַ נייע זאַך, וואָס האָט מיך צערודערט. קוים זיך צעשיידט מיט איר, ווי איך האָב זי ווידער געוואָלט זען. אַ פאַרלאַנג וואָס האָט פאַרטריבן מיינע אַלע אַנדערע, וואָס האָט מיך באַהערשט, פאַרטיליקט מיינע געוווינהייטן. ביים אויפכאַפּן זיך האָב איך שוין מער נישט געזונגען, נאָר בלויז געטראַכט וועגן ריגלטאַנען. איך האָב מער נישט געזען קיין ביימער, חיות, האָריזאָנטן. סולטאַנע האָט אַלץ פאַרטריבן. טייך-אַרויף אָדער טייך-אַראָפּ, מיטן שטראָם אָדער צוריקקערנדיק זיך אַהיים — ס'איז פאַר מיר געווען איינס

און דאָסזעלבע. פון דער גאַנצער גרויסער און שיינער וועלט, האָט מיך איין פּונקט אינטערעסירט: סולטאַנעס ווינאָרט. און נאָך אַ זאַך, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געקענט: מיין זכרון איז פאַרנעפּלט געוואָרן. איך האָב אָנגעהייבן צו פאַרגעסן מיינע עסקים, דאָס וואָס האָט פאַרשאַפן דאגה סיי מיר, סיי אַנדערע.

„ספּילקאַ איז מער נישט געווען קיין פרייער מענטש.

„עטלעכע וואָכן האָב איך געהאָפט, אַז די בלויע, אויפ־ריכטיקע אויגן וועלן מיך לאָזן צורו. אָבער אַזוינס האָט נישט פּאַסירט. דער קליינער בלאָנדער קאָפּ האָט מיך פאַרפאָלגט און נאָך פאַרשידענע אַנדערע פּרטים, וואָס האָבן צו איר גע־האַט אַ שייכות. דעמאָלט האָב איך צו זיך אַזוי געזאָגט:

— הערט, ספּילקאַ, ס'איז שווער צו אַנטלויפן פונם מזל. יעדער מאַנסביל מוז זיך אַמאָל אין אַ טאָג אָנשטויסן אויף אַ שטיין, וואָס פירט אים אַראָפּ פון זיין וועג. מען דאַרף גיין צו דעמדאָזיקן שטיין. ערשט שפּעטער וועט מען אַ קוק טאָן, וואָס ער וויל פון דיר מאַכן.

„אַלזאָ, סוף זומער, אינם טאָג פון דער הייליקער מאַריע, האָב איך אָנגעטאָן מיינע זונטיקדיקע בגדים און אַוועקגעלאָזן זיך צום קליינעם דערפל, ווו ס'האָט געוווינט סולטאַנע. אַ באַרגיק דערפל, אַריינגעקוועטשט אין אַ פּוסטן שטח צווישן צווי בערג, ווו ס'איז דורכגעפלאָסן אַ טייך און נישט ווייט דורות־דיקע סאָסנע־וועלדער. די ווייסע הייזעלעך מיט בלויע פענס־טער זענען געווען צעשפּרייט ווי מאַרגעריטקעלעך. אָבער הגם זיי זענען געווען ריין, פריילעך, פריש אויסגעווייסט, האָבן דאָך די פאַרפוילטע דעכער, באַדעקט מיט מאָך, אַנטפּלעקט די אָרעמקייט פונם פויער. דאָס האָט מיך נישט געחידושט. מיר האָבן געלעבט אין אַ טרויעריקער עפּאָכע פון פאַרשקלאַפונג און נויט, וואָס האָט באַצייכנט דעם סוף פון דער טערקישער

אָקופּאַציע. ווי באַוווסט האָבן די באַרגיקע געגנטן וויניקער געליטן פון די רויבערייען. אַנטלויפן פונם ביילי ק, פונם קאַנטשיק פון די שווערע שטייערן האָט געקענט בלויז דער מענטש, וואָס האָט זיך געקענט באַגיין אָן מענטשן, דערווייטערן זיך צווישן בערג און לעבן מיט בערן.

„איך בין אָנגעקומען בעת דער מעסע. די איינוווינער זענען געווען אין קלויסטער. איך בין אויך אַהין אַוועק און תּפילה געטאָן ווי אַ גוטער קריסט, וואָס איך בין תּמיד גע-ווען. איך האָב זיך געפילט זייער גוט. דער גלח און דער דיאַקאָן, יעדער אויף זיין אָרט, האָבן געלייענט און געזונגען מיט התלהבות, מיט אמונה, צווישן אַן אַבסאָליוטער שטילקייט.

„איך האָב נישט געקענט באַטראַכטן די מתפּללים, ווייל איך בין געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג, און דער קלויסטער איז געווען איבערפולט, אָבער דערפאַר, בעת דער עולם האָט אָנגעהייבן זיך פאַנאַנדערצוגיין, האָב איך לייכט געקענט אויס-זוכן דאָס געשטאַלט, צו וועלכן ס'האָט מיך אַזוי געצויגן. סולטאַנע איז געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אַ זקנה, וועלכע איך האָב אָנגענומען פאַר אירע אַ מוטער. זי איז געווען זייער באַשיידן געקליידט: זי האָט געטראָגן אַ ליף און אַ קלייד פון וייסן לייוונט און אינדערהויך אַ קאַטרינצע פון שוואַרצן אויסגעהאָפּטענעם שטאָף. פאַרבייגייענדיק, האָב איך זי באַגריסט עטוואָס פאַרשעמט. זי האָט מיר אָפּגעענטפערט, נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום חידוש. קיין שום עמאָציעס, נאָר באַ-שיידן און רויק.

„אין אַ קליין שטעטל באַמערקט מען תּמיד די אָנוועזנ-הייט פון אַ פרעמדן. מען האָט באַמערקט, ווי מיר האָבן זיך באַגריסט. און הגם מיר האָבן זיך געפונען אין גאָטס-הויז, האָט מען זיך צוליב מיין אויפפירונג אָנגעהייבן צו שושקען, וואַרפן אויגלעך, טרייבן רכילות. דאָס האָט פאַרוווּנדעט די ריינקייט פון מיינע כוונות און מיך געצווונגען אָנצונעמען אַ שנעלן באַשלוס: איך וועל גיין בעטן סולטאַנעס האַנט. מען

שמועסט, אַז דידאָזיקע געשעעניש העגגט אויף דער נאָז פון יעדן יונגנמאַן. זאָל זײן אַזוי!

„איך בין אַוועק נאָך די טריט פון דידאָזיקע פּרויען. זײ זענען אַרויס פון דאָרף, אַדורכגעגאַנגען דעם בערגל און אַרײַן אין אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער באַרג-שיפּוע. דעם גאַנצן וועג האָט קײנער פון זײ זיך נישט אַרומגעקוקט. דידאָזיקע באַשײדנקייט האָט אין מיר פאַרפלאַנצט צוטרוי. איך בין אַרויף און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. סולטאַנע האָט אויפגעעפנט.

„דערזעענדיק מיך, האָט זי זיך גאָרנישט געוווּנדערט, און דאָס האָט מיך צעטומלט. פּונקט ווי מיט צווײ חדשים צוריק אויפן ברעג פון דער ביסטריצע, אַזוי איז זי אויך איצט געשטאַנען גלײך און מיר געשטעלט דיזעלבע פראַגע:

— וואָס מאַכסטו, ספּילקאַ! וועלכע ווינטן האָבן דיך אַהער געבראַכט? אויב דײנע געדאַנקען זענען רײן, טאָ קום אַרײַן.

— רײן, סולטאַנע, איך שווער דיר פאַר גאָט, איך בין דיר בלויז געקומען פרעגן, צי דו ווילסט, ספּילקאַ זאָל ווערן דײן מאַן...

„דעמאָלט האָב איך באַמערקט, ווי אירע באַקן זענען רויט געוואָרן.

— אַרײַן... מען שדכנט זיך נישט צו אַ מײדל אויפן שוועל פון דער טיר!

„נאָכדעם האָט זי הויך אַ געשרײ געטאָן צו דער אַלטער:

— מומע! דאָס איז אַ וואָיניק, אַן אַרבעטער אויף דער ביסטריצע, ספּילקאַ דער פּלוטאַש.

„די מומע האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און מיך פאַרבעטן זיצן.

— מײן מומע איז טויב, — האָט צו מיר געזאָגט סולטאַנע,—

זי האָט באַקומען אַ „קינדערישן שכל". לייכט וועסטו זיך מיט איר נישט צונויפצורעדן. די אָרעמע פרוי איז שוין פון זייער לאַנג אַן אלמנה. שוין דריי יאָר, ווי פאַר אירע אויגן איז אומגעקומען איר איינציקער זון, בעת אַ געשלעג. אויס אייפערזוכט. דערדאָזיקער ייִנגל איז זיין גאַנץ לעבן געווען די איינציקע שטיצע פון אירע אַלטע יאָרן. דעמאָלט האָט זי פאַרקויפט איר שטוב און געקומען וווינען מיט אונדז. דאַן האָב איך נאָך געהאַט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען. אין אַ יאָר אַרום זענען זיי געשטאָרבן. פון יענער צייט אָן זענען מיר איינע אַליין. מיר לעבן פון אונדזער אייגענער פראַצע. ווי דו זעסט, ספילקאַ, איז נישט גאַנץ פויגלדיק ביי אונדז... און דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

„איך האָב נישט געקענט אָפּענטפערן. זי האָט מיר דערציילט וועגן דידאָזיקע „נישט פריילעכע זאַכן", כמעט שמייכלענדיק. פאַר מיר איז נישט געשטאַנען קיין שרעקעוודיקע, גלייכגילטיק מיידל, ענלעך צו אַלע אַנדערע, נאָר אַ מענלעכע נשמה, פאַרהאַרטעוועט אין אומגליק. און דאָך איז זי געווען צאַרט.

„ביים ערשטן בליק, וואָס איך האָב געוואָרפן אַריינקומענדיק, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז אַלץ אינעווייניק איז אין דער בעסטער אָרדענונג. דאָ איז נישט געווען די שטרענגע אָרדענונג (אויב דאָס פויערישע הויז איז נישט קיין שטאַל) און די שטרענגע ריינקייט, וואָס שטעלן דעם באַזוכער אין אַן אומבאַקוועמע לאַגע. אין ביידע צימערן, וואָס זענען אינמיטן פאַרייניקט דורך אַ גרויסער טינדאַ, ווו די פויערישע משפּחה פאַרברענגט איר גאַנץ לעבן, זענען געווען אָפן די טירן. די בעטן זענען געווען ברייטע, הויכע, באַדעקט מיט געשטרייפטע דעקן, ווו דער געלער באָראַנזשיק איז דורכגעוועבט מיט ווייס און מיט שפּיצן ביז צו דער ערד. צוקאָפּנס פון יעדן בעט אַ פרימיטיוו־אויסגעמאָלטער סונדוק, פאַרוואָרפן מיט אַ באַרג דעקעס, לייַלעכער און קישנס. אויסגעהאַפטענע קישנס, וואָלענע טעפּיכער. באַדעקט מיט פילפאַרביקע

צייכענונגען האָבן זיך געפונען ביי דער וואַנט, איבערן בעט. אויף דער ערד אויך טעפּיכער, אָבער פון אַ געמיינערער קוואַליטעט. אַ גרויסער שפּיגל איז געשטאַנען אין יעדן צימער אויף אַ טיש פון ווייסן האָלץ, באַדעקט מיט טישטעכער, פּונקט אַזוי אויסגעהאַפטן, ווי די דעקעס אויף די בעטן. די טישן הילצערנע, באַדעקט מיט ליאַקיר. גראַווירן, וואָס האָבן געשילדערט פאַרשידענע סצענעס פון דאָרפס־לעבן. איקאָנעס, באַצירט מיט באַזיליק אין די מזרח-ווינקלען און אויף יעדע פון זיי אַן אָנגעצונדן לעמפּל. די איקאָנעס, די בילדער, די שפּיגלען זענען געווען באַפּוצט מיט גרויסע האַנטעכער, אַרומגעזוימט מיט שפּיצן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן צוליב זייער קאָמפּליצירטער אויסאַרבעטונג און צוליב דער שפע פון רויען זייד. אויף די פענסטער — לייוונטענע פאָרהאַנגען, כמעט אַזוי שיין ווי די האַנטעכער. און אין יעדן פון די גרויסע צימערן — אַ ווערקשטול מיט אָנגעהייבענער אַרבעט.

„אין סולטאַנעס הויז איז געווען אַלץ, וואָס מען באַגעגנט אָפט אין אונדזערע פּויערישע הייזער, ווו הין די נויט איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען. און מער גאָרנישט. אָבער אויף אַלע זאַכן, אויף אַלע איינריכטונגען איז געלעגן דער שטעמפּל פון עפּעס אַ האַנט, וואָס האָט זיי צוגעגעבן אַן אינטימע צאַרטקייט — אַ זעלטענע דערשיינונג אין אונדזערע פּויערישע הייזער, ווו די באַפּוצונג פון די „ציכטיקע" צימערן טרייבט אָן אַ קעלט אויפן גאַסט. דער גאַסט פילט זיך דאָרט שלעכט, ס'דאַכט זיך אים כסדר, אַז ער צעשטערט עפּעס.

„איך האָב זיך געפילט זייער גוט, ווי אַמאָל ביי מיינע עלטערן, וועלכע זענען געשטאָרבן, בעת איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד. איך האָב תיכף געזאָגט צו סולטאַנען דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט:

— סולטאַנע, דאָ פעלט אַ פעסטע האַנט פון אַ וואָיניק. אָט איז זי, און ס'וועט זיין פריילעך.

„זי האָט מיר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן. און דערדאָזיקער בליק האָט מיך אַדורכגעדרונגען. אָבער איך האָב זיך פעסט געהאַלטן, ווייל מיין כוונה איז געווען אַן אויפריכטיקע.

— ספילקאַ, — האָט זי צו מיר געזאָגט מיט אַ קלאָרער שטימע, — דאָס ביסל, וואָס איך האָב דיר דערציילט, איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די אומגליקן, וואָס זענען אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ס'זענען נאָך דאָ אויך אַנדערע. איך וואָלט נישט געוואָלט וועגן זיי ריידן. צוואָס? די, וועלכע האָבן געוואָלט, ווי דו, מיט מיר חתונה האָבן און ווייסן וועגן אַלץ, האָבן דערפון גאָרנישט געוווּנען. שוין בעסער אַראָפּבויגן זיך פאַרן גורל.

„איך האָב זיך עטוואָס פאַרטראַכט. „גאָט מיינער, — האָב איך אַ קלער געטאָן, — דאָס אָרעם קינד איז מסתּם פאַרפירט געוואָרן דורך עפּעס אַן אויסוואורף, וועלכער לאַכט זיך אויס פון איר און האָט זי אַוועקגעוואָרפן. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ קינד אין די אָרעמס! און ווער ווייסט, וואָס נאָך?" איך האָב געזאָגט:

— ניין, סולטאַנע, האַלט מיך נישט פאַר אַזאַ אכזר. איך ווייס, ווי שלעכט די וועלט באַציט זיך צו יונגע מיידלעך. אָבער איך טראַכט נישט ווי אַלע. אויב דאָס איז דיין גאַנצע שולד, אויב דאָס איז די איינציקע שטערונג, צוליב וועלכער מען קען מיט דיר חתונה האָבן, קענען מיר שטעלן אַ חופּה כאָטש אין אַ וואָך אַרום, אַבי דו זאָלסט נאָר האָבן חשק, פונקט ווי איך.

„איך האָב געזען, ווי ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זי זיך אויפגעהייבן אויף איר שטול. זי האָט שנעל געפינטלט מיט אירע גלאַנציקע אויגן.

— דיינע ספקות זיינען נישט קיין ריכטיקע. איך בין אין קיין שום זאַך נישט שולדיק; מען קען מיר נישט מאַכן קיין

שום פאָרװורפן. צו צװײאונצװאַנציק יאָר בין איך נאָך דיזעלבע, װי בעת די מאַמע האָט מיך געהאַט. אָבער די שלעכטס איז ערגער, װי דו האָסט זיך זי פאָרגעשטעלט, ערגער װי איך װאָלט געהאַט אַ קינד. דאָס זענען אַלץ בלומען.

„איך האָב געװאָרט, זי זאָל מיר אויפקלערן די סיבה, אָבער זי האָט געשװיגן, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון מיר איר אָפּע־נעם בליק, קלאָר װי דער אויגוסט־הימל.

„די מומע איז אונדז געקומען רופן צו פרישטיק. סולטאַנע האָט איר געװוּנקען פאַר דער האַנט און גאַנץ נאָענט אויסגע־שריגן:

— מומע! ספּילקאַ בעט מײַן האַנט. װאָס זאָגסטו דערצו?

„די פּלײצע געבױגן, די האָר װײס, דאָס פּנים שטאַרק באַדעקט מיט פּאָקן, האָט די זקנה אַ רגע מיך באַטראַכט מיט רחמנות און געענטפערט:

— אַ שאָד!.. אָרעמער ייִנגל!.. מען קען אָבער גאָרנישט מאַכן... װער קען זיך שטעלן אויפן װעג פונם לאָגאָפּאַט?*)

— װער איז דערדאָזיקער לאָגאָפּאַט? — האָב איך גע־פרעגט, — און װאָס האָט איר מיט אים צו טאָן?

„בײַ דערדאָזיקער פראַגע האָט זיך סולטאַנעס פּנים באַדעקט מיט טרויער. איר בליק איז עפּװאָס אויסגעלאָשן גע־װאָרן. אַרומגעפּאַסט מיט גלאַטיק־צונױפגעקעמטע האָר, פאַר־פלאָכטן אין אַ צאָפּ, איז איר װײסער, קלאָרער שטערן בלאַס געװאָרן.

— דאָס איז דער לאָגאָפּאַט קאָסטאַקי, — האָט זי גע־זאָגט מיט אַ נידערגעשלאָגענער שטימע. דו האָסט מסתּם גע־הערט רײדן פון זײַן אכזריות, פון זײַנע רציחות. מיר זענען פון אים אָפּהענגיק, פּונקט װי אַלע היגע אײנװױנער. אונדזער לעבן און אונדזער טויט איז אין זײַנע הענט. און דאָס מײדל, װעלכע האָט אויף זיך געצויגן זײַן אויפמערקזאַמקייט, קען פון אים נישט אַנטלויפן. אין פאַל, אַז זי װעט זיך נישט לאָזן

*) אַן אָנפירער פון אַ נחלה, מיט אומבאַגרענעצטע רעכט.

שענדן, וועט ער רוינירן איר פֿאַמיליע. מיך האָט געטראָפֿן דער אומגליק — געפֿעלן צו ווערן דעמדאָזיקן אויסוואָרף מיט צוויי יאָר צוריק. פֿון יענער צייט אָן לאָזט ער מיך נישט צורו. ביז איצט איז מיר געלונגען, זיך צו פֿאַרטיידיקן. אָבער די סכּנה איז איבער מיינע כּוחות, ווייל דערדאָזיקער מענטש האָט נישט קיין האַרץ און נישט קיין חרפּה. ער איז אונדזער באַלעבאָס. היינט אָדער מאָרגן וועט מיר אויסקומען אויסצוקלייבן צווישן שאַנד און טויט. אָבער מיין באַשלוס איז אַ פֿאַרטיקער. אַ צייט האָב איך געהאָפֿט אויף אַ מאַן, וואָס וואָלט מיך פֿאַרטיידיקט. אָבער יעדערער האָט מורא פֿאַרן אכזר. מען קוקט אויף מיר ווי אויף אַ פּ אַ ק אָ ס ט ע*). און פֿאַר די, וואָס זענען געקומען פֿונדערווייטנס, כּדי חתונה צו האָבן מיט מיר און אַוועקצופֿירן מיך אין זייער לאַנד, פֿלעגט זיין אַן אַנדער שטערונג: מיין מומע האָט נישט געוואָלט מיט מיר מיטפּאָרן. אירע אַלע מתים זענען דאָ באַגראָבן און זי וויל אויך ליגן צווישן זיי. איצט ספּילקאַ ווייסטו שוין פֿון אַלץ, הגם דו ווייסט נישט די פּרטים. איך דאַנק דיר פֿאַר דיינע גוטע כּוונות. זיי וואָלטן מיך געראַטעוועט. אָבער די מומע האָט זיך אָקאָרשט ריכטיק אויסגעדריקט: מען קען גאָרנישט העלפֿן. איך וואָלט געוועזן דיין אומגליק. און צוליב וואָס קעגנשטעלן זיך די סכּנה, בעת איך זאָג דיר, אַז מען קען גאָרנישט אויפֿטאָן? איך האָב זיך מסתּם פֿאַרזינדיקט און דאַרף תּשובה טאָן. אַלזאָ, גוט, וועל איך תּשובה טאָן.

„די וואַסער־שטיינער, וואָס דער גורל פֿאַרזייט אויפֿן ים פֿון אונדזער לעבן, צווינגען אַ סך שטערבלעכע זיך צו האַלטן אין קליינע שיפֿלעך, שווימענדיק פֿאָרזיכטיק נישט ווייט פֿונם ברעג. ספּילקאַ, — „ספּילקאַ דער פֿלוטאַש" האָט גוט געקענט

*) אומגליק, סכּנה.

די וואַסער-שטיינער און געפּייפּט אויף זיי. און איידער אומצו-
קומען מיט דער נאָז אין אַ בלאָטע, האָט ער בעסער געוואָלט
צעקלאַפּט ווערן אין אַ האַסטיקן שטראָם.

„אינם אופן פון שטאַרבן בין איך סצעפּיעל פּאַראינטערע-
סירט. עטלעכע אויפנים פון שטאַרבן געפעלן מיר. נישט לאַנג
טראַכנדיק בין איך דעם נעכסטן זונטיק, נאָכמיטאָג, אַוועק
קעמפן מיטן וואַסער-שטיין, פאַר וועלכן אַזויפיל וואָיניקס
האָבן מורא געהאַט.

„די שטאָלצע מאָלדאַוואַנישע „האָראַ" האָט אָפּגע-
קלאַפּט איר טאַקט, אונטערן קלאַנג פון דריי ציגיינערישע
אינסטרומענטן. אַ דרייסיק יונגע מיידלעך, און צווישן זיי
סולטאַנע. אַ צוואַנציק בחורים. מען האָט געשוויצט, ווייל די
זון האָט געבריט. אָבער דאָס האָט אַבסאָלוט נישט געווירקט
אויף די טענצער. האַלטנדיק זיך פאַר די קליינע פינגער און
דורכגעפלייגט מיט אַן אויסגעצייט טיכל (צוליב מער אָנשטענדי-
קייט, כדי צופרידנצושטעלן די עלטערן, וואָס קוקן זיך צו),
וואַרפט זיך דער גאַנצער קאַראַהאָד אינמיטן. אַ וואָיניק,
שרייט: אויפן אָרט! אויפן אָרט! קליינע און גרויסע
פּיס קלאַפּן צום טאַקט, די גרויסע לאַפּעס ציען צו די קליינע
הענטעלעך צום קאָפּ, צו די קני. נאָכדעם, מיט אַ האַסטיקן
וואָרף צעשפּרייט זיך דער קאַראַהאָד, קערפּער דערווייטערן זיך,
הענט ציען זיך אויס, און די גאַנצע מענטשלעכע גירלאַנדע
לויפט עטלעכע טריט אויף רעכטס, שפּעטער פּאַמעלעך אויף
לינקס. אַלע פיס קלאַפּן צום טאַקט — אויפן אָרט. מען כאַפּט
אָפּ דעם אָטעם און מען הייבט ווידער אָן. דאָס איז די
רומענישע „האָראַ". כדי זי צו ליבן דאַרף מען זען אַ רומענער
און אַ פּויער. זי איז נישט קאָמפּליצירט, אָבער בלוטפול און
רייך אין פאַרבן, ווי אַ רעגנבויגן. קאָפּ-טיכער פון געלן און
ווייטן באָראַנזשיק, אָפּהענגיק פונם סאָרט פון די זיידענע
ווערים, וואָס מען פירט אַרויס מיט מוטערלעכער זאָרג. ליפּן

און קליידער פון ווייסן לייוונט, ווי שניי. פּאַרטעכער פון סאַ־מעט, אָדער פון שוואַרצן וואָל. האַפטן און שפּיצן, וואָס האָבן געזען טרערן און געהערט קרעכצן. מען האָט געהאַלטן אין איין לאַכן און זינגען, ווייל מענטשן האָבן ליב איבערצוגיין פון טרערן צו געלעכטער

„צי דאָס מיידל פון דער „האָראַ" איז שיין, נישט שיין, אָדער העסלעך — תמיד ווערט זי געפעלן די יונגען. זיי ווייסן, אַז זי קומט אַהער, כדי אויסצוזוכן זיך אַ מאַן, בעת זיי קו־מען זוכן אַ פרוי, זעלטן אַ ווייב. דערפון נעמט זיך די גע־וואַלדיקע אויפמערקזאַמקייט צו יעדער באַוועגונג, צו יעדן שושק, הויפּטזעכלעך מצד די מאַמעס פון דיזאָזיקע מיידלעך. די בחורים ווייסן עס גאַנץ גוט. דערפון איז געדרונגען, אַז דאָס טיכל, וואָס איז אַ מחיצה צווישן די הענט, שטעלט צו־פרידן די עלטערן, און ברענגט קיין שום נוצן נישט, סיידן רייצט מער אויף דעם חשק.

„אין אַן אויסגעהאַפטענעם זאַבון*), און ווייסע איט־זאַריס**) צוגעפּאַסט צו די לענדן, מיט גלאַנציקע אימי־נעעס אויף די פיס, אין אַ פילצענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן און דרייפאַרביקע סטענגעס — איז דער יונגערמאַן קודם כל שטאָלץ מיט זיין געשלעכט. ער איז אַן אמתער מאַנסביל און האַלט זיך פאַר אַ וואָיניק. דאָס געפעלט שטאַרק דעם יונגן מיידל, וואָס האַלט זיך פאַר שיין. אויף איר פאָרזיכטיקער, עטוואָס כיטרער אויפריכטיקייט, ענטפערט ער מיט אַן אומפאָרזיכטיקן קאַטעגאָרישן צוזאָג; אָבער דאָס קאָסט אים נישט טייער. אויב ס׳וועט זיך לאָזן, טאָ פאַרוואָס־זשע נישט? אויב נישט, וועט ער זיך אונטערוואַרפן דעם גע־זעץ, וועט זיך איינשפּאַנען אין יאָך, וועט גרינדן אַ היים און וועט ווערן אַ שטרענגער שומר פון זיטן, הויפּטזעכלעך, אויב

*) א קאַפטאַן.

**) צוזא מין הויזן.

ער װעט װערן אַ טאַטע פון יונגע מײדלעך, װעלכע װעלן גײן אויף דער „האָראַ", כדי דאָרט צו זוכן אַ מאַן.

„די „האָראַ" קומט תמיד פאַר נישט װײַט פון אַ קרעטש־מע. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך: אַז מען װאַרעמט זיך אָן, דאַרף מען אויסטרינקען אַ גלעזל. מען טרינקט, װײַל ס'װילט זיך. מען טרינקט אויס באַרימערײַ, אָבער תמיד טרינקט מען. און בעת מען טרינקט רעדט מען, כדי עפּעס צו זאָגן, אָדער כדי זיך צו באַרימען. בלויז טיפע זקנים מיט װײַסע גריװעס, זיצן אונטערן שאָטן פון אַ דורותדיקן נוססבוים, טרינקען צוליב דע־רינערונגען, רײדן אויס שטימונג און קוקן מיט אַ װײַטן אויג אויף די באַװעגונגען פון אַ לעבן, װאָס רעגט זײ שוין מער נישט אָן.

„װען איך בין אָנגעקומען, האָב איך געטראָפן אַזאַ מין סצענע. תיכף האָבן מיר בליקן פון אַלע זײַטן געגעבן צו פאַר־שטײן, אַז דער דאַרף האָט שוין באַקומען ידיעות װעגן מײַן שדכענען זיך צו סולטאַנען. כדי צו באַשטעטיקן דידאָזיקע ידיעה, בין איך צוגעגאַנגען באַגריסן מײַן כלה און איר מומע, און נאָכדעם, אײנער אַלײן זיך אַװעקגעזעצט בײַ אַ טיש צװישן פלוימען־בײמער. איך האָב זיך געהײסן דערלאַנגען אַן אָקאַ װײַן, רויק זיך צוגעקוקט צו די טענץ און אויסגעהאָרכט די שמועסן פון די טרינקערס פאַר דער קרעטשמע.

„איך בין געזעסן גענוג װײַט פון די אויבנדערמאָנטע טרינקערס אַזוי, אַז אונטערן גערויש פון דער „האָראַ" האָבן זײ געהאַט די מעגלעכקײט מיט מיר זיך צו באַשעפטיקן; דאָך בין איך געזעסן גענוג נאָענט, אַז אַ טײל פון זײערע באַמער־קונגען האָבן דערגרײכט צו מײַנע אויערן. מיט דידאָזיקע באַ־מערקונגען האָט מען מיר קײן שום שלעכטס נישט געװונטשן. אײניקע האָבן באַמערקט: „ער װעט זיכער קומען", „ער װײסט דערפון". דערדאָזיקער ער, איז דער לאַגאָפאַט קאָסטאַקי, מײַן װאַסער־שטײן, דערזעלבער, װאָס טרײַבט אָן אַ שרעק אויף

דער גאַנצער געגנט. איך האָב געטראַכט: „זאָל ער קומען".

„און ער איז געקומען. אַ ציטער האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אָנוועזנדיקע, בעת מען האָט דערהערט אַ גאַלאָפּ, וואָס האָט אויפגעהייבן אַ וואָלקן שטויב אויפן וועג. די קעפּ פון די טרינקערס, פונקט ווי די קעפּ פון די טענצער און ציגיינער האָבן מיט אומרויקע בליקן זיך שנעל אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון רייטער, וועלכער האָט געפירט דאָס פערד אין טאַקט פונם טאַנץ. אַלע האָבן געקוואָלן פון פערד. און איך בין אויפריכטיק אַנטציקט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ פערד, וואָס האָט זיך פאַרדינט אַ בעסערן באַלעבאָס.

„אַ קליינער, אַ סמוגלער, מיט לעבעדיקע באַוועגונגען, גלייך קוועקזילבער, האָט דערדאָזיקער באַלעבאָס אַוועקגעשליי־דערט די לייצעס אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעשניטענער אַקאַציע און זיך געוואָרפן צו דער יוגנט פאַר דער קרעטשמע. אַלע היטלען האָבן אים באַגריסט. אַ גרופּע אויסדערוויילטע האָבן אים תיכף אַרומגערינגלט און אים געגעבן צו וויסן וועגן מייַן אָנוועזנהייט. דעמאָלט האָב איך זיך אויסגעדרייט, כּדי אים אַ קוק צו טאָן גלייך אין פּנים אַריין, אָן שום פּחדנות. איך האָב געוואָלט שפּילן אין אָפענע קאָרטן.

„דער לאָגאָפּאַט, הייבנדיק זיך אויף זיינע מאָגערע פיס, האָט מיט איין אויער אויסגעהאָרכט און געשוויגן. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ בליק אין מיין ריכטונג, נאָכ־דעם האָב איך פלוצלונג דערהערט אויף מיין אַדרעס דעמ־דאָזיקן פּזמון.

— מען וואָלט געדאַרפט צעברעכן די ביינער דידאָזיקע אומגעבעטענע געסט!

„אָנשטאָט אַ תשובה אויף דעמדאָזיקן אַרויסרוף, בין איך אַוועק צו דער „האָרא", ווו ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייער טאַנץ, אָפּגעטיילט סולטאַנען פון איר חברטע, וועלכער זי האָט געהאַלטן פאַר דער האַנט, און אָנגעהייבן טאַנצן צווישן ביידע מיידלעך. איך האָב געהאַנדלט אָנשטענדיק, אָבער דאָס, וואָס

דער לאָגאָפּאַט האָט געטאָן איז שוין נישט געווען אַזוי פֿיין.

„ס'איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס טרעט אַרײַן אין דער „האָרע" טאָר נישט אָפּטײלן אַ צווייטן טענצער פֿון דעם מיידל, וואָס איז צו אים געניגט. אויב ס'איז נישטאָ קיין אָרט צווישן צוויי יונגע מיידלעך, קען ער דורכגיין צווישן צוויי מענער. דאָס איז אַ געזעץ פֿאַר יעדן אײנעם, וואָס וויל זיך נישט קריגן. אָבער דער לאָגאָפּאַט קאָסטאַקי האָט געהאַלטן, אַז מען קען עובר זיין דעמדאָזיקן מנהג. אין אַ רגע, ווען איך האָב זיך צום ווייניקסטן דערויף געריכט, האָב איך דערפֿילט, ווי פֿון הינטן וויל מיך אַ האַנט אָפּטײלן פֿון סולטאַנען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. דער קאַראַהאַד האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ציגיינער זענען אַנטשוויגן געוואָרן. שטייענדיק אַ בלאַסער פֿאַר מיר, האָט דידאָזיקע העסלעכע באַשעפֿעניש מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ פֿײַנטלעכן בליק און געזאָגט מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול:

— לאָז אַרײַנגיין!

— גיי אַרײַן דורך אַן אַנדער אָרט.

— איך וויל דאָ.

— אויב דו ווילסט דורכאויס, טאָ נאַדיר!

„פֿון איין זעץ מיטן פֿוס אין בויך, איז ער געפֿאַלן אויף דער ערד. אַ קרעכץ פֿון אַ חיה, וואָס מען קוילעט — און דער העלד האָט געחלשט. קיינער איז אים נישט געקומען צו הילף. די קרעטשמע איז געוואָרן אויסגעליידיקט. די פֿרויען זענען זיך צעלאָפֿן. עפּעס אַ זקן האָט אויסגערופֿן:

— ס'איז אַ מיאוסע מעשה!

„איך האָב אַ געשריי געטאָן צו די מוזיקאַנטן:

— דעם צווייטן זונטיק! איך דינג אייך, איר זאָלט שפּילן לכבוד מיין קנסמאָל מיט סולטאַנען!

„און איך בין אַוועק צום הויז פֿון מיין געליבטער. עפּעס אַ מאַמע, וואָס האָט געפֿירט איר קינד, האָט זיך איבערגעצלמט און געזאָגט:

— זאָל דער אויבערשטער אונדז שומר־ומציל זיין פון אַן אומגליק ?

„אינם משך פון יענער וואָך איז אויף דער גאַנצער ביסטריצע נישט געווען קיין פּלוטאַש, וואָס זאָל זיין גליקלעכער פון ספּילקאַן. דער לאָגאָפּאַט האָט זיך נישט באַוויזן אין דאָרף. יעדן אָוונט האָב איך עטלעכע שעה פאַרבראַכט מיט סולטאַנען און יעדן אָוונט, ביים פאַנאַנדערשיידן זיך מיט מיר, פלעגט זי זאָגן :

— איך גלויב נישט אינם גליק, פון וועלכן מיר טרוימען... דער „כלב" וועט אונדז שטערן... איך מיין, אַז אַ „קללה ליגט אויף מיינע פּלייצעס"...

„איך האָב געטראָגן איר בילד אין מיינע אויגן, איך פלעג פאַרזינקען מיין בליק אין דער ריינער בלויקייט פון אירע גלאַנציקע שוואַרצאַפּלען, פלעג קושן איר קלאָרן שטערן און אַוועקגיין.

— זיי רויק, סולטאַנע ! מיר וועלן איבעררעדן די מומע, זי זאָל אונדז נאָכגיין ווייט-ווייט פון דאַנצן אין סוטשעווער קרייז, ווו ס'געפינט זיך מיין הויז. דאָרט וועלן מיר זיין גליקלעך.

— דו ווייסט נישט ס'אַרא כוח די טויטע האָבן איבער די לעבעדיקע, וואָס האָבן זיי באַגראָבן... די מומע וועט זיך גיכער לאָזן פאַרברענען לעבעדיקערייט, איידער פאַרלאָזן איר בית-עלמין.

„אינם זונטיק פון אונדזער קנסמאָל, האָט דער קרעטשמער פאַרוועדט די „האָראַ", מורא האָבנדיק פאַר אַ סקאַנדאַל. איך בין אַוועק צו די ציגיינער זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו מיין סעודה, וואָס וועט פאָרקומען נאָך דער צערעמאָניע פון טוישן זיך מיט די רינגען ביים גלח. זיי האָבן מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. די יונגעלייט פון דאָרף האָבן געטרונקען און גערעדט ווי פאַרשלאָפענע. אַ טייל פון די יונגעלייט האָבן געשוויגן, אָבער אַנדערע זענען צוגעקומען צו

מיר און מיר פאַרטרויט אויפן אויער, אַז „אַלע זענען צעפרידן פון דער לעקציע, וואָס דער כּלב האָט באַקומען״...

„ער האָט זיך מורה פאַר דיר. איר פלוטאַשן און האָלצהעקער, זענט איר אַ שטאַרקע קערפּערשאַפט פון פרייע מענטשן, בעת מיר זענען פאַרשקלאַפט. אייער שטרענג, ווילד לעבן פאַרטיידיקט אייך פון קאַנטשיק און פאַרשידענע פאַרגוואַלדיקונגען. אָבער מיר... מיר האָבן דעם שטריק אויפן האַלדז. אויב דער לאַגאָפאַט באַוויליגט אונדז פרייליגצייט צו געבן אַ העקטאַר ערד, באַטראַכטן מיר זיך ווי גליקלעכע מענטשן, ווייל אויב נישט דאַרפן מיר צו אים אַליין גיין אַרבעטן אויפן טאָג. דעריבער האָט קיינער פון אונדז נישט די העזה אים אויפצורעגן. אונדזערע שענסטע מיידלעך מוזן צוערשט דורכגיין דורך זיינע הענט. ערשט נאָכדעם האָבן מיר מיט זיי חתונה, און אָפטמאָל קומען זיי צו אונדז מיט אַ פולן בויך פון אים.

„אָוונטצייט, ביי צוויי טישן, באַדעקט מיט אַ בלאַנק-ווייסן טישטעך, האָבן זיך אויפגעזאַמלט אַ צענדליק קרובים און פריינט. צוזאַמען מיטן אַלטן גלח. ס'האָבן זיך ביי אַלעמען געשטעלט טרערן אין די אויגן, בעת איך האָב אויפגעעפנט דאָס קעסטל מיט די מתנות פאַר מיין כּלה. די בעטעאַלאַ*) צוזאַמענגעפלאָכטן פון דרייסיק שפּולקעס, איז געפלאָסן ווי אַ פייערדיקער טייך אַרום דעם קליינעם אוצר, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין אָרעמער מוטער, און איז באַשטאַנען: פון אַ פּאָר אוירינגלעך מיט דימענטן, פון צוויי טייערע רינגען, פון צוויי בראַנזאָלעטן מיט רובינען און סאַפירן, און הויפּטזעכלעך, פון דער באַרימטער סאַלבאַ**), ווו מען האָט געקענט אָנציילן דריי גרויסע לעפּטעס, צוויי קייזערלעכע עסטרייכישע דוקאַטן, פיר ווענעציאַנישע דוקאַטן, פיר פּאָליס, זעקס טערקישע פונטן און צען גאַלבענען.

*) אַ מין שלייער פון גאָלדענע און זילבערנע פעדעם, מיט וועלכן מען דעקט איבער דאָס פּנים פון דער כּלה.

**) אַ פּויערישער האַלדזבאַנד.

„אַלע געסט זענען געווען נערירט, חוץ דער מומען, וועלכע האָט געטראַכט פון אירע טייערע מתים, און מיין כלה, וועלכע האָט נישט געגלויבט אין אונדזער טרוים פון גליק. סולטאַנע, געקליידט אין ווייסן, האָט געפירט איר דורכדרינג־לעכן בליק פונם קעסטל מיט די מתנות ביז מיינע שמייכלענ־דיקע אויגן, ווי אַ טויב, וואָס איז נישט היימיש. אַלע האָבן זיך באַמיט צו פאַרטרייבן אירע שלעכטע פאָרגעפילן. דער גלח האָט געהאַלטן אַ הייסע דרשה און געבענטשט אונדזער זיווג. ביים מאָלצייט האָט מען געשפּאַסט. די ציגיינער האָבן געשפּילט און זיך געווערטלט. די טויף־מוטער האָט געפאָדערט פון סול־טאַנען, זי זאָל באַווייזן איר נדן. זי האָט עס תיכף דערפילט. די לוסטיקע פרויען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די סונדו־קעס. העמדער, טאָג־העמדער, נאַכט־העמדער, אויסגעהאָפטענע העמדער, סערוועטקעס, ציכלען, ליילעכער, טישטעכער, האַנטע־כער, — אַלץ איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן און פאַנאַנדערגע־וואָרפן איבערן צימער. סולטאַנע האָט פון צייט צו צייט גע־שאָנקען אַ שמייכל.

אַוועקגייענדיק נאָך אַ האַלבע נאַכט, האָב איך געפרעגט מיין כלה:

— צו וואָס, סולטאַנע, די אַלע חושכדיקע געדאַנקען?

— דאָס זענען נישט קיין חושכדיקע געדאַנקען, ספּילקאָ; איך ווייס, אַז איך וועל דיר ברענגען דעם אומגליק. איך זע שוין אפילו, ווי עס קומט.

„איך האָב זי שטאַרק צוגעדריקט צו מיין ברוסט. זי האָט זיך צו מיר שטאַרק געטוליעט. אַ הייסער טרער איז אַראָפּגע־פאַלן אויף מיין האַנט.

„איך בין אַוועק אַהיים. דער ווינט, דורכגעווייקט מיטן ריח פון סאָסנעס, און די וואַרעמע אויגוסט־נאַכט, האָבן מיך איינגעהילט אויפן גאַנצן וועג.

* *

*

„די צווייטע העלפט פון סעפטעמבער-חודש האָט געגעבן צו וויסן די אָרעמעלייט, אַז דער ווינטער וועט זיין אַ פּריצייטיקער און אַ שטרענגער. אין אַ קאַלטן רעגנדיקן נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען אינם ישוב, אויף אַ שטח פון צען קילאָמעטער פון מיין כּלהס דאָרף. נאָך אַ זעקסטאָגיקער צעשיידונג, האָט מיך געצויגן צו איר. איך האָב געהאַט אַ סך איינקויפונגען צו דער חתונה, וואָס איז געווען באַשטימט אויפן ערשטן אָקטאָבער-זונטיק. אינם משך פון גאַנצן חודש האָט סולטאַנע נישט געענדערט איר אויפפירונג. פאַרזיכטיקייט, שטרענגקייט, כּמעט קאַלטקייט — אין אירע אַלע מעשים. ווען איך וואָלט נישט געווען זיכער אין איר אויפריכטיקייט, אין איר צוגעבונדנקייט, וואָלט איך זי געקענט באַשולדיקן אין גלייכגילטיקייט. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז זי ליידט. זי האָט נישט געוואָלט אַרויסריידן קיין איינציק וואָרט, כּדי איינצוריידן די אַלטע, זי זאָל פאַרלאָזן איר היים. אומזיסט האָב איך אַליין געוואָלט איבערצייגן דער מומען. די אומגליקלעכע האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן אירע מתים. איך האָב נאָכגעגעבן, האָפנדיק, אַז זי וועט שוין לאַנג נישט אָנציען.

„דער לאָגאָפּאַט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. איך בין דערפון געווען שטאַרק צעפרידן. פון יענעם טאָג אָן, וואָס ער האָט געקריגן אַ זעץ אין בויך, האָט אים שוין מער קיינער נישט אָנגעזען. מען האָט געמיינט, אַז ער איז קראַנק. אַ סך האָבן געמיינט, אַז ער האָט זיך מורא צו באַווייזן. בלויז סולטאַנע איז געווען זיכער, אַז דער „כּלב" פאַרטראַכט אַ שרעקלעכע נקמה.

— איך האָב פאַר אַלץ מורא, — האָט זי געזאָגט. — אָבער אין איין זאַך בין איך זיכער, אַז ס'וועט פּאַסירן אַן אומגליק. פון וועלכער זייט עס וועט נישט קומען, וועט עס צעקלאַפּן אונדזער גליק, און ס'רוב וועסטו ליידן...

„ביי דידאָזיקע ווערטער האָב איך זיך פאָריקן זונטיק צעשיידט מיט סולטאַנען. מיר האָבן זיך ווידער געדאַרפט

באַגעגענען בלויז דעם נעכסטן שבת. דידאָזיקע לאַנגע צעשייד־דונג האָט גורם געווען פאַרשידענע סיבות: איך האָב געמוזט דורכפירן אַ גרויסע פּאַרטיע האָלץ דורך דער ביסטריצע, פאַרזענדיקן געוויסע פאַרפלאָנטערטע חשבונות און איינקויפן אייניקע אַכן, וועלכע ס׳איז שווער געווען צו באַקומען.

„איצט בין איך געגאַנגען צוריק צו איר, האַלטנדיק זיך לענגאויס דעם ברעג. איך בין געווען הונגעריק. איך בין געווען אָפּגעמאַטערט. צוויי גרויסע וואַקסענע ליכט, יעדע צו דריי אָקאַס, וועלכע האָבן געדאַרפט ווערן אָנגעצונדן צו דער חתונה־צערעמאָניע, האָבן מיך איבערגעוויינלעך איינגעמאַטערט. קלעצער, וואָס איך האָב געטראָגן אויף מיינע פּלייצעס, האָבן מיר קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט געדריקט. אמת, איך בין אָפּגעמאַטערט געוואָרן אויס מורא, איך זאָל זיי אַמאָל נישט צעברעכן. הגם איך בין נישט געווען אַבערגלויבלעך, דאָך איז מיר די שווערקייט געוואָרן פאַרדעכטיק. איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין מאַמען. זי האָט געגלויבט, אַז אויב דאָס חתונה־ליכט „ווערט שווער״, איז אַ סימן — ס׳וועט געשען אַן אומגליק, און דער פונם פּאָרפּאָלק,ביי וועמען דאָס ליכט ברענט מער אויס בעת דער חופּה, וועט שטאַרבן דער ערשטער. און אָט בין איך גרייט אויסצוהאָרכן עפּעס אַן אינערלעכן קול. און כדי צו פאַרטרייבן דעם שטראָם פון די טונקעלע געדאַנקען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין דעם דאָרף, כדי זיך אָפּצורוען, מאַכן אַ כוסה און זיך לוסטיק מאַכן. דערדאָזיקער קרעטשמער האָט געשמט, מיט זיין לוסטיקייט. עך, צו אַלדע רוחות מיט אַלע אַבערגלויבנס!

„יאָ, צו אַלדע רוחות! אָבער ס׳קומט צייטנווייז פאָר אין אייער לעבן אַזעלכעס, וואָס איר קענט בשום אופן נישט פאַרטרייבן.

„איך עפן אויף די טיר פון דער קרעטשמע. אינעווייניק זעקס פּויערים און דער באַלעבאָס. אַלע זיצן רייסן איבער

זייער שמועס און ווערן שטום, ווי נאָר זיי דערזעען מיך. דאָך האָב איך דערהערט, ווי איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— אָרעמער יונג! ס'איז אויף אים אַ רחמנות!

„איך האָב אַוועקגעלייגט מיין זאַק, מיינע ליכט און געפרעגט:

— אויף וועמען איז אַ רחמנות?

„דער לוסטיקער קרעטשמער האָט זיך דערנענטערט:

— שלום־עליכם, ספּילקאָ! ווי גייט'ס?

— אויסגעצייכנט... אָבער אויף וועמען איז אַ רחמנות?

— באַ... ס'האָט פּאַסירט ביי אונדז אַ קליינער אומגליק: אַ ווייב פון אַ קאָזשאַן האָט זיך צעבראָכן אַ פוס. איצט דאַרף ער אַרבעטן פאַר זיין ווייב.

„המם... טראַכט איך, פאַרוואָס זאָגן עפּעס די איבעריקע גאָרנישט? און פאַרוואָס קוקן זיי אַזוי מאָדנע אויף די ליכט, וואָס ליגן אויפן לאַנגן טיש?

— פאַרוואָס קוקט איר אַזוי לאַנג אויף די ליכט? חופּה־ליכט! מען קען מיינען, אַז איר האָט נאָך קיינמאָל אין אייער לעבן קיין ליכט נישט אָנגעזען!

— דיקע ליכט, — האָט געזאָגט אַ פּויער, — נישט וועלנדיק קוקן מיר גלייך אין די אויגן אַריין.

— יאָ, דיקע...

— און מסתם שווערע אויך?

— זייער.

„מער האָבן זיי נישט גערעדט. איך האָב געוואָלט כאַפּן אַ פּאָר ביסן ברויט, אַ זופּ ווייַן, אָבער ס'גייט נישט. איך הייב זיך אויף און גיי אַוועק.

„אינדרויסן איז פינסטער. איך האָב זיך שוין געהאַט אָפּגערוט, אָבער די ליכט זענען ווידער געוועזן שווער. איך בייט כסדר די הענט, אָבער ס'העלפט נישט. און ס'פאַרבלייבט מיר נאָך צוויי ווי־אָרסט ביז צום הויז. דער וועג איז פוסט און צעווייקט. ס'קלינגט מיר אין די אויערן, דאָ אין איינעם, דאָ אין צווייטן - אַ סימן, אַז עמעץ רעדט שלעכטס וועגן מיר.

איך שלעפּ אַרויס מיין מעסער און הענג אים אויף ביי מיין רעכטער זייט. אָבער ס׳איז שווער די גאַנצע צייט צו קוקן אויף אַלע זייטן! דאָס מעסער, וואָס הענגט אויף אַ רימען, קלאַפּט מיך ביי יעדן טריט. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ער מאַכט אַ לאָך אויף דעמדאָזיקן אָרט. איך פאַרמאַך אים און פאַר־שטעק אים אונטערן גאַרטל. ס׳איז געווען שטאָק פינסטער. איינ־דערזעלבער רגע וואַקסט אויס אויף צוויי טריט פון מיר אַ באָק, שוואַרץ ווי די נאַכט, לויפט אַריבער דעם וועג און ווערט פאַרשווונדן. און הגם איך ווייס, אַז דאָס איז אַ באָק, ווי אַלע בעק, אָן אמתער באָק, וואָס דער באַלעבאָס זוכט אַרום, דאָך זאָג איך גאַנץ רויק:

— ס׳איז אַ טייוול!

„איך הייב אויף מיין רעכטע האַנט, כּדי זיך איבער־צוצלמען. די האַנט איז שווער ווי בליי. איך טראַכט:

— יאָ, ס׳איז אַ טייוול! דאָס שטערט ער מיר זיך איבער־צוצלמען! און די ליכט ווערן אַזוי שווער, אַז איך קען זיי מער נישט איינהאַלטן!

„איך וויל ווידער אויפעפענען מיין מעסער, אָבער איך קען נישט: מיין פינגער איז צו שוואַך, כּדי אָפּצוציען די פרוזשינע. ווידער אַ סימן, אַז דאָ האָב איך צו טאָן מיט אַ נישט-גוטן! און די נאַכט איז אַ פינסטערע, אַז די אויגן טוען מיר וויי.

„ענדלעך, לייג איך אַוועק מיין זאַק אויף דער ערד, איך שטעל אַוועק די ליכט לעבן אַ בוים. דעמאָלט באַמערק איך, אַז איך בין אַוועק אויף אַן אַנדער וועג, וואָס גייט פּאַראַלעל מיטן ריכטיקן וועג. די ביימער זענען יונגע טאָפּאָלעס, גלייך און פּונקט אַזוי נאַקעט ווי די ליכט. ווידער ליכט! אַ גאַנצע אַלעע ליכט! טרויעריקע ליכט, אויסגעלאָשענע און שוואַרצע.

— ניין, — האָב איך צו זיך געזאָגט, — דידאָזיקע נאַכט איז די לעצטע נאַכט פון מיין לעבן! אַלזאָ, איך וועל נישט שטאַרבן, צעקלאַפּנדיק זיך אין אַ שטראָם, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ בראַוון פלוטאַש! איך וועל שטאַרבן פון שרעק, ווי אַ באַבע!

„דאָך געלינגט מיר אויפצועפענען מיין מעסער און אי־בערצוצלמען זיך דריי מאָל. איך לייג צוריק אַרויף אויף זיך די גאַנצע משא. איך שפּריז אין בלאָטע, איבער עפּעס אַ פעלד, וואָס איך שנייד דורך, כדי אַרויסצוקריגן זיך אויפן ריכטיקן וועג. פּלוצלונג: צוויי גלאַנציקע אויגן. זיי באַוועגן זיך צו מיר. איך פיל, אַז מיין האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן. דער זאַק און דאָס ליכט פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. איך ריטשע:

— מאַמאַ—אַ—אַ!

„מען ענטפערט מיר: בע—ע—ע! די גלאַנציקע אויגן ווערן פאַרשוווּנדן.

„שפּעט ביינאַכט, באַגאָסן מיט שוויס, קום איך ענדלעך אָן. סולטאַנעס הויז איז שטאַרק באַלויכטן. אַ סך ליכט ברענען. פונדערווייטנס זע איך אַן אָפענע טינדאַ, פול מיט מענטשן.

— די מומע איז געוויס געשטאָרבן! איצט פאַרשטיי איך די סיבה פון אַלע אומגליקס־סימנים אויף מיין וועג.

„אָבער איך האָב גאָרנישט געוווּסט, ווייל די אַלטע מומע איז דאָרט געווען; זי איז געשטאַנען אינם גרויסן צימער און מיט טרוקענע אויגן האָט זי אויסגעפּוצט מיין כלה, וועלכע איז געלעגן אויף צוויי טישן מיט ווייסע טישטעכער און אין אירע חופּה־קליידער. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שיין ווי איצט, צווישן די צאַנקענדיקע ליכט, וואָס האָבן באַלויכטן איר בלאַס ווייס פּנים, אויף וועלכן דער טויט האָט שוין אַוועקגעשטעלט זיין שטעמפּל. די לאַנגע בלאָנדע לעפלעך האָבן מער נישט געזשמורעט. מיר איז מער נישט אויסגעקומען צו קוקן אין אירע קלאָרע אָפנהאַרציקע אויגן. אַ קראַנץ פון ציט־רין־בלומען האָבן באַקרוינט איר בלאַסן שטערן, אויף וועלכע איך האָב דעם נעכסטן זונטיק געטראַכט אַרויפצולייגן אַ הייליקן קוש, לעבן אָלטאַר. די האָר צעפלוישט און צעטיילט אויף צווייען, האָבן זיך צעשווומען איבער איר שטייפן קער־פּער, צוזויפגיסנדיק זיך מיט די גאָלדענע פעדעם פון איר בעטעאַלאַ. אין די הענט, פאַרלייגט אויף דער ברוסט, האָט

זי געהאַלטן דאָס טיכעלע מיטן געלט, וואָס די „שומרים” פּאָ־דערן פון די טויטע ביים אויפעפענען די טירן אויף יענער וועלט. און איבער דעם אַלעם — תּכריכים.

„און איך, ספּילקאַ, בלייב שטיין אויפן שוועל און באַ־טראַכט עס אַלץ, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע.

— ס׳איז געווען אָנגעשריבן, — האָט צו מיר געזאָגט די מומע; — די אומגליקלעכע האָט דערפון געוווּסט. זי האָט זיך דערויף געריכט. און נעכטן אינאָוונט, ווען זי האָט אויפגע־קליבן די היי, איינע אַליין אין פעלד, איז ער אומגעריכט געקומען, אָוועקגעשלעפּט זי אין וואַלד און „חוזק געמאַכט פון איר”. מיין קליינע סולטאַנע האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דידאָזיקע באַליידיקונג. ביינאַכט, כ׳ווייס נישט וויאַזוי, האָט זי צעשמאָלצן דעם שוועבל פון אַכט קעסטלעך שוועבעלעך און אויסגעטרונקען דעם סם. זי איז געשטאָרבן נעכטן אינאָוונט, נאָך דער תּפילה, נישט וועלנדיק טרינקען מילך, כּדי אויסצו־ברעכן. ס׳איז געווען אַזוי אָנגעשריבן... איצט וועט זי, לכל־הפּחות, אָפּרוען לעבן אירע עלטערן. זיי האָבן זי אפשר צו זיך גערופן. די טויטע האָבן נישט ליב צו בלייבן אַליין.

„די אַלטע האָט גענומען די חופּה־ליכט, אויפגעוויקלט זיי, אָנגעצונדן זיי לעבן סולטאַנעס צוקאָפּנס, וועמענס וואַקסע־נער פּנים איז געוואָרן מער ווייס, בעתביידע גרויסע פלאַמען האָבן באַלויכטן דאָס צימער. און קניענדיק, האָט זי אויסגע־שפּראָכן מיט אַ פעסטער שטימע: טאַטע אין הימל, זאָל דערפילט ווערן דיין ווילן...

„אַלע פויערים האָבן איר נאָכגעטאָן. בלויז איך אַליין בין געבליבן שטיין, נישט אַרויסריידנדיק קיין איינציק וואָרט און געקוקט אויף מיין כּלה, באַגאָסן מיט ליכט.

* * *

„זעקס טעג האָב איך געלעבט, ווי אַ ווילדע חיה, אינם געדיכטן וואַלד, אין שכנות מיט דער פּריצישער נחלה, אויף דער אונטערשטער ביסטריצע, ווו ס'האָט געוועלטיקט דער לאָגאָפּאַט קאָסטאַקי, דער הענקער פון סולטאַנען און פון אַ סך אַנדערע. איך האָב אים בשום אופן נישט געקענט פּאַקן. איך ווייס נישט, צי איך האָב געגעסן צי איך האָב געטרונקען, צי איך האָב גערוט. איך ווייס, אַז מיינע קליידער זענען צעפליקט געוואָרן. הענט, פיס און פּנים — צעבלוטיקט פון האַלטן אין איין לויפן, בייטאָג און ביינאַכט, פון איין וועג אויפן צווייטן, דורך אַ געדיכטן וואַלד.

„דידאָזיקע געגנטן זענען געווען גענוג ווייט פונם אָרט פון פאַרבּרעכן, און דער לאָגאָפּאַט האָט זיך פאַר זיי נישט מורא געהאַט. ס'איז געווען אַ וואַלד, דורך וועלכן ער פלעגט זיך צוריקקערן פון זיינע וואַלד-אינספּעקציעס, תמיד איינער אַליין רייטנדיק אויף אַ פערד, תמיד באַוואָפנט מיט פּיסטאָלעטן. מיין וואָפן איז געווען מיין שנאה; מיין בלוט האָט געקאָכט אין מיר, וועלנדיק נקמה נעמען. מיין מעסער וואָלט מיר קיין גרויסע נוצן נישט געבראַכט. כּדי אַ מענטש זאָל קענען אַריינ- פאַלן אין מיינע נאַקעטע הענט, האָב איך געהאַט אַ שטריק, וועלכן איך האָב געהאַלטן גרייט איבערצוציען פון איין בוים צום צווייטן.

„דער זעקסטער אָוונט איז אויסגעפאַלן ערב דעם ערשטן אָקטאָבּער-זונטיק, ווען איך האָב געזאָלט פייערן מיין פאַרבינדונג מיט סולטאַנען. אָנשטאָט עס זאָל מיך וואַרפן אין קדחת פאַרן פריילעכסטן טאָג אין מיין לעבן, בין איך גאָר געלעגן אין אַ גראָבן, מיט אַ שטריק אין די הענט, די אויגן אָנגעשפּיצט, אָן אַ נשמה, אָן גאָט, אָן האָפענונג. ס'זענען געווען רגעס, ווען איך האָב אַליין נישט געוווּסט, ווער איך בין. אַ געשריי, אָדער אַ קלאַפּעריי פון פליגלען פון עפּעס אַ נאַכט-פויגל, האָבן אַריינגעפירט גלייכגעוויכט אין מיין מאַרך. דעמאָלט איז מיין ערשטער געדאַנק, מיין ערשטער חשק געווען: ער. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער דערנענטערט זיך, דאָ טריט

ביי טריט און דאָ אין אַ גאַלאָפּ. דער שטריק, אָנגעצויגן אויף דער הויכקייט פון אַ פערדס-קני נעמט אויף דעם קלאַפּ. די חיה שטרויכלט זיך. דער שונא איז אין מיינע הענט. איך שפּרינג אויף אים אַרויף. ס'אַראַ שרעקלעכן טויט איך האָב פאַר אים צוגעגרייט!

— אַך, גאָט! אויב דו עקזיסטירסט און אויב דו זעסט די אומגערעכטיקייט, טאָ גיב־זשע מיר אויסצוטרינקען אַ גלאָז פריש וואַסער! נאָכדעם וועל איך אָנטאָן אַ מאָנאַכן-מאַנטל און איך וועל בלויז לעבן, כדי דיר צו זינגען שבחים!

„אַזוי האָב איך תּפילה געטאָן אין יענעם אָוונט, און גאָט האָט אויסגעהאָרכט מיין געבעט.

„דאָס אָרט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן כדי דורכצופירן מיינע פּלענער, איז געווען דאָס בעסטע. דער וועג, פאַרדעם ווי ער ווערט גלייך און גיט אַ מעגלעכקייט דעם רייטער זיך אַ לאָז צו טאָן מיט אַלע זיינע כּוחות, האָט געמאַכט אַ שאַרפן אויסבויג און איז געווען איבערגעצוימט מיט אַ טייך. דאָ האָט דער רייטער געמוזט אַראָפּגיין פונם פערד און גיין עטלעכע הונדערט מעטער צופוס. בינו־לבינו האָב איך אים געקענט באַטראַכטן אין דער פינסטערניש, כדי אַמאָל נישט צו הרגענען אַן אומשולדיקן, הגם איך בין געווען זיכער, אַז דער איינציקער רייטער אין דידאָזיקע מקומות האָט געקענט זיין דער לאָגאָפאַט.

„אינם פאַרנעפּלטן בין־השמשות, וואָס האָט זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט איבערן דעמבענעם וואַלד, בין איך געזעסן פאַר־באַהאַלטן אין גראָבן און זיך צוגעהערט, ווי דער טייך האָט געריזלט. מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט פערדישע טריט, וועל־כע האָבן זיך איבערגעריסן ביי דער פאַרצוימונג. דער רייטער איז אראָפּגעשפּרונגען פון פערד. דאָס פערד האָט אַ פאַרסקע געטאָן. איך האָב אונטערגעשפּרונגען, קוועלנדיק פון פרייד. פאַרקירצנדיק שטאַרק דעם וועג, האָב איך זיך באַמיט צוצוקומען

זוי מעגלעך נאָענטער, כדי צו דערקענען די קורצע פי־גור פון מײן שונא. אָבער דער מענטש איז געװען פולשטענ־דיק פאַרשטעלט פון זײן פערד, װאָס ער האָט געלאָזט גײן אױפן װעג אַלײן. װאָס געדיכטער די הױכע בײמער אַרום מיר זענען געװאָרן, אַלץ פינסטערער איז געװאָרן. איך האָב אים דורכאױס באַלד געװאָלט דערקענען. װי נאָר ער װעט אַרױס פונם געדרײטן װעג, װעט ער מיר אַנטלױפן. װאָס זאָל איך טאָן, כדי אים אױפצוהאַלטן? די קלענסטע אומפאָרזיכטי־קײט פון מײן זײט און איך בין פאַרלױרן.

— מײן גאָט, — האָב איך געטראַכט, װעסטו זײן דער פאַרטײדיקער פון די הענקער?

„און שנעל האָב איך צעבראָכן אַ טרוקענע צװײג. דער טראַסק האָט אָפּגעשטעלט דעם מענטשן און דאָס פערד. אַ רגע זענען זײ געבליבן שטײן צוגעפּעסטיקט צום אָרט, נישט ענ־דערנדיק די פּאָזיציע, נאָכדעם האָבן זײ זיך װידער אָנגעהײבן אַראָפּצולאָזן. איך האָב זיך גאָרנישט דערװוסט. איך בין זײ כסדר נאָכגעגאַנגען און גלײכצײטיק דורכגעהאַקט אַ שטעגל הינטער זײ. אָבער דאָס האָט זײ געגעבן די מעגלעכקײט נאָכ־מער זיך צו דערװײטערן. איך האָב פאַרלױרן דעם קאָפּ. נישט טראַכטנדיק, האָב איך אַרײנגעשטעקט צװײ פינגער אין מױל און הױך אַ פײף געטאָן. אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט — איז געװען דער ענטפער. ס׳האָבן זיך דערהערט קללות. איך האָב דערקענט די שטים פון ל אָ ג אָ פּ אַ ט.

„קײנמאָל איז אַ מענטש אין אומגליק נישט געװען גליק־לעכער פון מיר אין דער רגע! װי אַ טיגער האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן אױפן װעג און אים פאַרצױמט מיט אַ שטריק, אָנציענדיק אים מיטן גאַנצן כוח, פאַרצענפּאַכט דורך מײן שנאה.

„יעדע רגע איז געװען אַן אײביקײט, די נאַכט — אַ גיהנום. און אָט, צװישן דערדאָזיקער דערװאַרטונג, שװאַרץ װי מײן שנאה, האָב איך דערהערט מײן שונא גײן צופוס. ער זעצט זיך נישט אױפן פערד, ער טאַפּט אינדערפינסטער, פירנדיק

דאָס פערד פאַר דער צוים און דעם פּיסטאָלעט, מסתּם, אין דער האַנט. אַן אומבּרחמנותדיקער גאָט! דאָס האָב איך נישט פאָראויסגעזען. ער וועט מסתּם באַלד אַנטפּלעקן מיין שטריק. זיי געזונט, נקמה!

„איך רייס אַראָפּ דעם שטריק און וואַרף זיך מיטן פּנים אַראָפּ אויפן וועג און בשעת מעשׂה געטראַכט:

— נו, לאָגאָפאַט: לאָד אויס דיין פּיסטאָלעט אויף מיין קאָפּ און שיק מיך אַוועק צו סולטאַנען! אָבער אויב דו וועסט נישט טרעפן, איז ווי צו דיר!

„דאָס אויער צוגעפּעסטיקט צו דער ערד, הער איך די ריטמישע טריט פון אַ פערד, וואָס דערנענטערט זיך, נאָכדעם די טריט פון זיין באַלעבאָס. מיין האַנט פאַרשטעלט מיר דאָס פּנים. איך וויל מער גאָרנישט זען. איך לעב איבער אַ רגע פון אַ פאַרמשפּטן, וואָס האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קלאָץ און וואַרט די האַק זאָל זיך אַראָפּלאָזן. איך האָב נישט מורא פאַרן טויט, נאָר דער לאָגאָפאַט זאָל מיר נישט אַנטלויפן.

„ער גייט צו און בלייבט שטיין. איין טריט, צוויי טריט...

ער כאַפּט מיין האַנט. ער הייבט מיך אויף און זאָגט:

— ווער איז דאָרט! דו ביסט טויט, פאַרוווּנדעט, אָדער סתּם שיכּור?

„איך ענטפער נישט, נאָר מיט איין שפּרונג כאַפּ איך אים אַרום, דריק אים, פּנים צו פּנים, אָטעם צו אָטעם, ביידע אויף די קני, בעת ער שרייט נאָך הילף, בעת זיינע ביינער טראַסקען און זיין שטימע ווערט אויסגעלאָשן. זיין קערפּער ווערט צעבראָכן ווי אַ ברעט און בלייבט ליגן אויף דער פּלייצע.

* * *

„דער פאַנטעלעימאָן-מאַנאַסטיר אין מאָנט-אַטאָס: אַ באַפעסטיקטע קאַזאַרמע אויף זעקסהונדערט מאַנאַכן. עס האָט אים געגרינדעט די רוסישע מלכּה יעקאַטערינע די II. איינם טאָג פון זיין דערעפנונג, האָט מען נישט געלאָזט איר פוס אַרויפ-

שטעלן אויף דערדאָזיקער ערד, פונוואַנען דאָס ווייבלעכע גע־
לעכט איז פאַרטריבן, איינשליסלעך חיות און עופות.

„ס'איז אַ קאַזאַרמע. ס'זענען דאָרט דאָ האַרמאַטן, כדי
צו פאַרטיידיקן דעם „סטאַרעץ", זיין שטאַב און זיין רייכטום.
ס'זענען דאָרט דאָ זעלנער אין מאָנאַכן-קליידער, וועלכע מען
רופט אָן „ברידער", אָבער וועלכע ציטערן פאַר די עלטסטע,
ווי אַלע זעלנער. דער, וואָס איז אַ שוטה און אַ גלויביקער, —
ווי איך בין געווען, — האַקט האָלץ, כאַפּט פיש, מאַכט פאַר־
שידענע בוימלען און איילן, באַאַרבעט וויינגערטענער, שטאָפּט
די קאַפּהאָנען, טוט תפילה פאַר זיך און פאַר גרעסערע למדנים,
וועלכע האַלטן וויכוחים, צי ס'איז דאָ גאָט צי ניין, עסן אַלץ,
טרינקען אַלץ און לאָדן אויס זייערע מענלעכע כוחות אין
קאַרעאַ, ווו ס'זענען דאָ געגנוג דיסקרעטע פרויען, אָדער
זיי טוען עס אָפּ צווישן זיך, חברים. די, וואָס קענען זיך
אַזוי נישט נוהג זיין טויטן זייער לייב אין פרומער איינזאַמקייט.
אַלע האָפּן אויף מחילה פונם דערלייזער, וועלכער שענקט עס
אַלעמען, ווייל ער איז געקרייצט.

„אָט דאָרט בין איך געוואָרן אַ היידוק!"

מאָווילאַ דער וואַטאַף

— מאָווילאַ, דער וואַטאַף?
— איך האָרך, אַטאַמאַן?
— רייד...
— וואָס, איך?
— יאָ, דו... דו ביסט פון אונדזער שטאַב. פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַ היידוק? רייד אין דיין נאָמען, אין נאָמען פון דיינע חברים, צו וועלכע דו ביסט נאָענטער ווי מיר, און וועלכע זענען אַליין נאָענטער צו דיר, ווי צו אונדז. דיין געשיכטע איז כמעט ענלעך צו זייערע. רייד מאָווילאַ...

דידאָזיקע אויפמערקזאַמקייט פון אונדזער אַטאַמאַן האָט אַרויסגערופן אַ מורמלעריי פון צופרידנקייט אין די רייען פון די היידוקן. מיט אַ באַוועגונג פונם קאָפּ האָבן זיי פאַרוואָרפן די קאַטשיולעס אויף די נאַקנס. די פנימער האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט. מאָווילאַ האָט זיך אויפגעהייבן, עטוואָס צעחושט, אומגעשיקט, אָבער דאָך אימפּאָזאַנט מיט זיין העכסט-רומענישער שיינקייט: אַ ברוין פנים, אַ פעסטער בליק, געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איין אויער ביזן צווייטן און אַן ענערגישע באַוועגלעכע גאָמבע. אַ באַזונדערן איינדרוק האָט דער וואַטאַף געמאַכט מיט זיין אומגעהויערער באָז, וועלכע האָט זיך אין סכנותדיקע מינוטן פאַרברייטערט און אויסגעצויגן זיך, ווי אַ טראָמייטער. ס'האָט זיך זעלטן

באַוויזן אַ שמייכל אונטער זיינע געדיכטע וואָנסעס. דער שטערן, צווישן די ברעמען, איז געווען געצייכנט מיט אַ טיפן קנייטש, וועלכער איז אפילו פאַרבליבן בעתן שלאָף. דעריבער האָבן די היידוקן געטענהט, אַז מאָווילאַן חלומען זיך כסדר פאָטעראַס און נקמות. צי זי איז אמת, צי פאַלש דידאָזיקע באַשטעטיקונג, אָבער ער איז צו איר תמיד פאַרבליבן גלייכ־גילטיק. קיינער האָט זיך נישט געקענט באַרימען, אַז ער ווייסט וועגן וואָס מאָווילאַ טראַכט. תמיד פינקטלעך, איינגעהאַלטן, העפלעך, פלעגט מאָווילאַ אַרויסזאָגן זיין מיינונג ערשט דעמאָלט, ווען ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער רעדט נישט „סתם אין דער וועלט אַריין". וואָס שייך פאַרטרויונגען, איז ער גע־כער גרייט געווען צו וואַשן וועש פאַר אונדזער גאַנצער מחנה – אַ שווערע אַרבעט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַלע יאַטן אין אַ שלעכטער שטימונג.

אָט דעריבער זענען אַלע געוואָרן שטאַרק נייגעריק, בעת ער האָט אָנגעהייבן זיין דערציילונג.

די דערציילונג פון מאָווילאַ, דעם וואַטאָף

„איך בין געוואָרן אַ היידוק קעגן מיין אייגענעם ווילן. אין סטאַנעסטי, לעבן זשוואָרזשו, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, זענען מיר געווען מאָסנעניס *). מיין טאַטע האָט גערשנט פון זיינע עלטערן מער פון דרייסיק פּאָגאָנען **) ערד, שאָף, אַ ווייגאָרטן, פּרוכט-ביימער, פּאַטוילן מיט קוקורוזע, עופות. מיט איין וואָרט, — אַלץ, וואָס עס דאַרף זיך געפינען אין אַ קליינע גאָספּאָדאַריע, האָבן מיר געהאַט. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס מיינע זיידעס האָבן געהאַט דאָס גליק צו זיין שכנים פון אַ גרויסן פּריץ, צו וועלכן ס'איז שווער געווען צו געפינען נאָך איינעם אויף דער וועלט. דעמדאָזיקן באָיאַר, דעמדאָזיקן אָנגעזעענעם האַר, האָב איך אַליין געקענט ביים אונטערגאַנג פון זיינע טעג, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פופצן. ער איז געווען אַ גוטער און האָט מורא גע-האַט פאַר גאָט. הגם ער האָט געהערט צו דער פּראָטיפּענ-דאַדאַ ***) און געשטאַמט פון אַן אור-זיידע, וואָס האָט זיך געשלאָגן אונטער דער אָנפירונג פון מירצאַ דעם אַלטן, איז אים דאָך געווען אָנגענעם אַריינצוקומען אין אַ כאַטקע פון אַ קאָזשאַן, כאַפּן אַ שמועס מיט אים, באַקענען זיך מיט

---

*) קליינע ערד-באַזיצער.

**) פופצן העקטאַר.

***) די העכסטע פינף מדרגות.

זיין פאַמיליע, מיט זיינע קינדער, וועלכע ער האָט טוצנווייז געטויפט יעדן יאָר

„איך בין אויך זיין טויף-זון. מאָווילאַ — איז אַ נאָמען פון זיינעם אַ ברודער, וועלכער איז געשטאָרבן פון כאָלערע. איך קען דרייסט זאָגן, אַז ער האָט מיך געליבט, ווי אַ זון, ווייל לויטן אויסזען און כאַראַקטער, בין איך געווען אַ קאָפּיע פון זיין ברודער. מיר אַלע, ייגגלעך און מיידלעך, טויף-קינדער און נישט טויף-קינדער, פלעגן יעדן ניי-יאָר אים קומען באַגריסן מיט סאָרקאָוועס *). ער פלעגט אונדז אַלעמען אויפנעמען מיט אַ גוט ליבלעך פנים. די טשאַטע קליינוואַרג האָבן געשפרונגען אויף אים, געקלאַפּט מיט דער סאָרקאָווע און געשריגן ווי קליינע אויסגעהונגערטע הינט:

סאָרקאָווע, מאָרקאָווע,
זאָלסט לעבן, זאָלסט זיך עלטערן
ווי אַן עפּלבוים, ווי אַ באַרנבוים,
ווי אַ רויז אַ פיינע,
אויף לאַנגע-לאַנגע יאָר!

„אין זיין גרויסן פאָדערצימער, באַשמוצט מיט שנייי פון אונדזערע אָפּינאַקעס **), פלעגט ער שטיין צווישן דער גאַנצער כאַליאַסטרע, גלייך ווי אַ דעמב, געהייבן די הענט צום הימל, מיט וויצן אויפגענומען די בערגער ברכות און געשריגן:

— און איך אויך, מיינע קינדער, ווינטש אייך געזונט, גליק און לאַנגע יאָרן!

„נאָכדעם פלעגט ער רופן זיין קעלער:

— שטאָפּ אָן די טאָרבעס פון דידאָזיקע חברה-לייט מיט ניס, פיסטאַשקעס און מיט בייגעלעך.

„ענדלעך, זיצנדיק אויפן דיוואַן, פלעגט ער אונדז אַדורכ-

---

*) אַ צווייגל פון קינסטלעכע בלומען.

**) פויערישע סאַנדאַלן.

לאָזן איינעם נאָכן אַנדערן, גלעטן אונדז און אַריינשטעקן אין אונדזערע פֿאַרפּרוירענע הענטלעך אַ גאָלדענעם גאַלבען — זיין ניי־יאָר מתּנה.

„דערדאָזיקער גאַלבען איז נישט געווען קיין יקר־המציאות ביי די קאָזשאַן־פֿאַמיליעס פֿון יענער צייט, דאָך האָט אים יעדער פּויער געהיט, ווי אַ קמיע.

„איך האָב געזען, ווי דאָסדאָזיקע גרויסמוטיק האַרץ האָט זיך אינטערעסירט מיטן אינטימען פּריוואַטן לעבן פֿונם פּויער. ער האָט פֿיינט געהאַט שיכּורים, אָבער ער האָט געקענט מוחל זיין. אַלזאָ, אויב אַן איינוווינער האָט זיך רויִנירט, פֿלעגט ער צו זיך פֿאַרבעטן זיין ווייב, זי שענקען אַ גוט שטיקל ערד, שאָף און פֿאַרשידענע נויטווענדיקע זאַכן, כּדי זיי זאָלן קענען קומען צו זיך. מיט די קרעטשמער האָט ער געפֿירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. מיט זיין מאַכט האָט ער אָפּגעשאַפֿט אַלע חובות, וואָס די פּויערים האָבן אָנגעמאַכט ביי די קרעטשמער. אויב עמיצער פֿון דידאָזיקע רויב־פֿייגל האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט פֿאַרבאָטענער ספּעקוליאַציע, פֿלעגט ער צו אים שיקן דעם מומבאַשיר, וואָס האָט אים געקלאַפּט אין די פּיענטעס מיט אַ שרעקלעכן טאָפּוז*).

„קורץ פֿאַר זיין טויט, איז דערדאָזיקער פּריץ געקומען צו אונדז מיט זיין לעצטן וויזיט. מיר האָבן געפֿייערט דעם ערשטן יאָרטאָג לכּבוד דעם געבורט פֿונם זעכצנטן קינד אין אונדזער משפּחה — אַלע זעכצן האָבן געלעבט. דאָס איז אויך געווען זיין טויף־קינד און, לויטן מנהג, האָט אים מיין טאַטע געגעבן צו וויסן, אַז מען וועט צום ערשטן מאָל שערן דעם קינדס האָר. מיט דעמדאָזיקן כּבוד פֿלעגט מען באַערן די טויף־טאַטעס. מען האָט אים געגעבן צו וויסן, אָבער מען האָט

*) אַ געשמידטער שטעקן, בעת דער אָקופּאַציע, כּדי צו באַשטראָפֿן די שולדיקע.

זיך אויף אים נישט געריכט, היות ער פֿלעגט תּמיד זײַן שטאַרק באַשעפּטיקט. צו אונדזער גרויס פֿרייד איז געקומען צו לויפֿן אַ שטאַפּעט און געמאָלדן, אַז דער באַיאָר וויל אַליין אָפּשנײַדן די האָר פֿון זײַן טויף־קינד.

„דער יום־טוב איז געוואָרן אַ דאָפּלטער. מײַן מאַמע מיט דער הילף פֿון אירע פֿיר דערוואַקסענע טעכטער האָבן אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצן באַרג קיך־כּלים און פֿאַרשידענע באַפּוצונגען. דעם גליקלעכן יאָטל האָט מען אַרומגעוואַשן, פֿאַר־קעמט, באַקליידט ווי אַ ליאַלקע, און מען האָט אים געווישט דאָס נעזל ביז צו דער לעצטער מינוט. זײַן טויף־טאַטע איז אָנגעקומען מיט אַ סך מתּנות. מען האָט אים אויפֿגענומען, ווי אַ וואָדאַ *). דער טאַטע האָט אים פֿאָרגעשטעלט זײַן קאָלעקציע פֿון זעקס מיידן און צען זין. דער עלטסטער האָט געהאַט צוואָנציק יאָר און דעם יינגסטן האָט די מאַמע געהאַלטן אויף די הענט. צוויי שוועסטער און צוויי ברידער זענען געווען צווילינגען. צוועלף פֿון די זעכצן זענען געווען טויף־קינדער פֿון באַיאַר.

„ביים טיש איז מײַן מאַמע געווען אַזוי גליקלעך, אַז זי האָט כּסדר גערעדט נאַרישקייטן, האָט געטראָטן אויפֿן באָיאַרס קאַפּטאַן און איבערגעקערט זײַן גלאָז. דערדאָזיקער זעלטענער מאַן האָט דעמאָלט געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, וועלכע זענען מיר פֿאַרבליבן אין זכּרון:

— איר זאָלט קיינמאָל נישט פֿאַרלירן דעם קאָפּ פֿאַר אַ בשר־ודם, ווער ס׳זאָל נישט זײַן. אַ באָיאַר אָדער אַן אָפּינ־קאַר **) — אַלע זענען גלייך אויף יענער וועלט. אויף דער ערד איז איינער ווערט דעם צווייטן. און אויב „פּעטער״ האַלט די בולאַווע, בעת „פּאָל״ בויגט זיך אונטערן יאָך, איז עס נישט דערפֿאַר, ווייל גאָט האָט אַזוי געוואָלט, נאָר ווייל דער מענטש וויל עס, — דער מענטש, וואָס איז אומגערעכטיק, אכזריותדיק

---

*) פּרינץ.

**) אַ פּויער, וואָס טראָגט קלומפּעס.

און גייציק. קענען אַזאַ מענטשן דאַרפֿן מיר קעמפֿן, אַזאַ מענטש דאַרפֿן מיר פֿאַרטיליקן, כאָטש פֿאַרן פּרייז פֿון אונדזער לעבן. ווייל שלעכטס איז נישט גאָטס אַן אַרבעט".

„וועגן דידאָזיקע ווערטער האָב איך זיך דערמאָנט נישט שפּעטער, ווי אין אַ חודש אַרום נאָכן טויט פֿון דעמדאָזיקן באָיאַר. זיין איינציקער זון און יורש איז געקומען פֿון אויסלאַנד, כּדי אַריינצוטרעטן אין זיינע גיטער. ער איז פּונקט געווען דער אומגערעכטיקער, אכזריותדיקער און גייציקער מענטש, פֿון וועלכן עס האָט גערעדט דער פֿאַרשטאָרבענער באָיאַר.

* * *

„בעת ער האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט אונדזער ישוב, האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. מיר האָבן אים געמאַכט אַ קבלת־פּנים, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ יורש פֿון אַזאַ טאַטן, וועלכן אַלע האָבן באַדויערט. ער איז פֿאַרבייגעפֿאָרן מיט גרויס גאווה אין זיין קאַרעטע, האָט אונדז געהאַלטן אָפּגערוקט פֿון זיך, האָט נישט גערעדט מיט די זקנים און, פֿאַרשטייט זיך, נישט דערלאַנגט זיי די האַנט, ווי ס׳האָט געטאָן זיין טאַטע. פֿאָרנדיק אין דער באַגלייטונג פֿון אַן איספּראַווניק, האָט ער זיך באַגרענעצט מיט די ידיעות וועגן דעם ווילזיין פֿון דער באַפֿעלקערונג און האָט עס אַלץ פֿאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל. דער פּועל־יוצא: מען האָט פֿאַרדאָפּלט דעם אַראַטשיו, וואָס דער ראש פֿון יעדער משפּחה האָט אין געלד געצאָלט דעם רושטשוקער פּאַשאַ.

„דערדאָזיקער אַראַטשיו איז געוואָרן אַ טראַדיציע: מען האָט אים געצאָלט פֿון דור צו דור. בעת דער אַלטער באָיאַר האָט געלעבט, פֿלעגט ער אויפֿזאַמלען אונדזער טייל שטייערן, פֿאַרדאָפּלען זיי מיט זיין אייגן געלט און אַוועקשיקן עס דעם טיראַן אויף יענער זייט דונײַ, כּדי ער זאָל אונדז לאָזן צורו. אויף אַזאַ אופֿן זענען מיר פּטור געוואָרן פֿון די וואַנדאַליזמען און רויבערייען, וואָס האָבן חרוב געמאַכט

אַנדערע דוני-געביטן, נישט קענענדיק צאָלן אַזעלכע גרויסע שטײערן.

„פאַרשטענדלעך, אַז קײן באָיאַר האָט נישט געצאָלט אַראַטשיו — נישט קײן קײזערלעכן און נישט קײן נאַציאָנאַלן, און בכּלל, קײן שום שטײערן. מען האָט געװוּסט, אַז זײ זענען באַפרײט פון אַלע מלוכה-שטײערן. אָבער אונדזער רײַכער באָיאַר האָט אויף זיך גענומען אַ העלפט פון אונדזער אַראַטשיו, און די פּויערים האָבן געקוקט אויף דעמדאָזיקן גרויס-מוטיקן טאַט, װי אויף אַן אַקט פון עלעמענטאַרער גערעכטיקײט. און באמת, פאַרוואָס מוז אַ מענטש, וואָס האָט פּופצן העקטאַר ערד, צאָלן אַלע שטײערן, בעת דער וואָס פאַרמאָגט פּופצן טויזנט זאָל גאָרנישט דאַרפן צאָלן? אַזוי האָט געטראַכט דער אָרנטלעכער מענטש, אונדזער געוועזענער האַר. נישט בלויז מײַנע עלטערן האָבן געגאָסן פון דאָזיקן גליק. דיזעלבע באַציונג האָט דער אַלטער באָיאַר געהאַט צו אַלע אָרעמע פּויערים און אַפילו צו די ציגײַנער, די שקלאַפן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף פּריצישער ערד. דידאָזיקע אומגליקלעכע וועלכע מען האָט געקויפט און פאַרקויפט ווי שאָף — אַפילו צו זײ האָט מען געהאַט אַ מענטשלעכע באַציונג. דער באָיאַר האָט באַשטראָפט יעדן אײנעם, וועלכער האָט מיסבּרויכט דידאָזיקע כּוחות. ער האָט געלײגט אַכט, אַז זײ זאָלן באַקומען גענוג עסן און אַז דאָס עסן זאָל זײַן גוט; אַז מען פלעגט קראַנק ווערן, האָט ער אויסגעלײזן געלט. איך דערמאָן זיך װעגן אַ זײער רירעוודיקער סצענע.

„אַ לענגערע צײַט האָט געהערשט קדחת. אײנמאָל בין איך אַוועק אין קאָנאַק, כּדי צו לײַען אַ גרויסע בראָנע. איך בין אָנגעקומען פּונקט אין דער צײַט, ווען דער אויבנדערמאָנטער באָיאַר האָט זיך נאָכגעפרעגט װעגן דעם געזונט-צושטאַנד פון זײַנע שקלאַפן. צוליב דער עפּידעמיע האָבן אַ סך ציגײַנער זיך געמאַכט קראַנק. כּדי צו פּאַקן זײ, האָט דער לאָגאָפּאַט אויסגעטראַכט אַ מיטל, וועלכער האָט זיך אים תּמיד אײַנגעגעבן: ער פלעגט זײ פאַרלײגן בראָנפן, וויסנדיק, „אַז אַ

ציגיינער הערט אויף צו טרינקען, ווען ער שטאַרבט". די פּאַל-שע חולאים פּלעגן זיך לאָזן כאַפּן אויף דער ווענטקע און טרינקען. דעמאָלט פּלעגט מען זיי אַוועקשיקן אויף דער אַר-בעט. אָבער פאַרן פּריץ האָט דער לאַגאָפּאַט נישט געהאַט קיין העזה אָנצווענדן דעמדאָזיקן מיטל. אַ ציגיינער, מיט אַ נאַרישן אויסזען האָט זיך געוואַרעמט אויף דער זון, האַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ. ווען מיר זענען צוגעקומען, האָט ער זיך געוואָרפן צו די פיס פון זיין באַלעבאָס, וועלכער האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

— איך בין קראַנק, מיין האַר,

— ער איז נישט קראַנק, ער מאַכט דעם אָנשטעל, — האָט געזאָגט דער לאָגאָפּאַט.

— וואָס? איך מאַך דעם אָנשטעל! — האָט אויסגערופן דער ציגיינער. נו, גוט, גיב־זשע מיר ראַקאַ צום טרינקען, וועסטו זען, אַז איך וועל נישט טרינקען!.. איך זאָג דיר, אַז איך בין קראַנק!

„דידאָזיקע אויפריכטיקייט האָט גערירט דעם פּריץ:

— ווילסטו, אפשר, איך זאָל דיר געבן פרייהייט? — האָט ער פאָרגעלייגט דעם ציגיינער.

— פרייהייט? — האָט ער געזאָגט אַ פאַרדאגהטער. — דו פאַרטרייבסט מיך, באַלעבאָס? און וואוהין זאָל איך גיין? שפּרינגען פון אַן אָזיערע אין אַ ברונעם?

„דערוויטערנדיק זיך, האָט דער באָיאַר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט, ווי פאַר זיך אַליין:

— מיר זענען טרויעריקע באַשעפענישן: אַ חיה, אַז זי באַקומט פרייהייט, פלאָנטערט זי זיך פאַנאַנדער, אָבער אַ מענטשלעכע באַשעפעניש מוז זיך נאָכאַמאָל פאַרקויפן!

אָט דאָס איז אַ מאַן, וועמען צען ישובים, און אפילו אַ גאַנצער קרייז האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער וויל-שטאַנד, אין איינע פון די שווערסטע עפּאָכן אין אונדזער לאַנד.

דערדאָזיקער באָיאַר איז געווען איינער פון די לעצטע, וואָס האָבן זיך פאַרדינט דעם נאָמען פון אַ ר ו מ ע נ ע ר. ער האָט ליב געהאַט זיין פאָלק, האָט געלעבט אין זיין שויס, גענומען אנטייל אין זיינע פריידן און ליידן.

„דער יורש איז נישט געגאַנגען אויף זיין טאַטנס וועג. ער האָט געהאַלטן, אַז מיר זענען שטאַרק* גליקלעך. הגם ער איז געווען אַזוי רייך, אַז ער האָט געקענט „שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס", האָט דאָך זיין גייציקייט נישט געוווּסט פון קיין שום גרענעצן. אַן אויסלענדער מיט האַרץ און שפּראַך, פאַרפוילט פונם אויסגעלאַסענעם לעבן, וואָס ער האָט געפירט אויפן מערב, האָט ער דערצו געירשנט די מידות פון די רומענער אָדער פון די אויסלענדער, וועלכע האָבן געקוקט אויפן פויער, ווי אויף אַ לאַסט-חיה.

„דאָס פאַרדאָפּלען דעם אַראַטשיו האָט אָנגעמאַכט אַזאַ טומל, אַז אַלע פויערים פונם גאַנצן געגנט האָבן זיך אויפגעזאַמלט אין סטאַנעסטי, אינם גלחס הויז. איך בין דאָרט אויך געווען, איך, אַ יונגערמאַן, אָן אַ באָרד. איך זע דאָס אַלץ, גלייך ס'וואָלט נעכטן פאָרגעקומען. איך זע די ערנסטע פּנימער, אַרומגערינגלט מיט ווייסע קוטשמעס האָר, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די ברייטע פּלייצעס. זיי האָבן אונדז תּיכּף געמאָלדן, אַז די צייטן פון שלום און גליק זענען פאַרשוווּנדן.

— פאַרקויפט שאָף און רינד! פאַרזייט דאָס בייטיקע! בויט גרויסע וואָגנס, וועלכע ס'האָבן אַמאָל געהאַט אונדזערע אבות און האַלט זיי גרייט, כּדי אין זיי איינצוּשפּאַנען פיר קרעפטיקע אָקסן, נאָכדעם אַרויפפּאַקן אויף זיי אייערע משפּחות און די חפצים, וואָס האָבן אַ גרעסערן ווערט. איר, יונגעלייט, וועט אַלע אַוועק אין די בערג. די, וואָס וועלן פאַרבלייבן, וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין שקלאַפן. און מיר זקנים וועלן אַוועק אויף אייביקער רו!

„דעם איבערשטנס ווילן איז דערפילט געוואָרן: דער נייער באַלעבאָס האָט אָפּגעגעבן זיינע נחלות אין אַרענדע איינעם אַ גריך, וועלכער איז געוואָרן די מכּה פון אונדזער געגנט. קנאַפּער פון אַ יאָר, איז די מאַכט, וואָס איז באַשטאַנען פון אָרטיקע איינוווינער, פאַרביטן געוואָרן דורך אַ גאַנצער מחנה פ אַ נ אַ ר י אָ ט ן *), מער בלוטגייציק, ווי די וואַנצן פון פאַרלאָזטע הייזער. ס'איז געווען אַ רעגן פון היישעריקן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פעלדער. בלאַס-בלויע פּנימער מיט אָנגעשוואָלענע אויגן, זענען יעדן טאָג אויסגעוואַקסן פאַר דער טיר, געשטאַמלט אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן רומעניש, איבער-שרעקנדיק פרויען און קינדער. תּמיד אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע ל ע פ ע ד ו ש י ס, תּמיד פאַרזעען מיט אַ קייזערלעכן באַפעל, פלעגן דידאָזיקע רויט-פויגל אַרומשפּרינגען איבער אַלע ישובים און געפאָדערט פאַרשידענע שטייערן פאַר יעדן העק-טאָליטער תּבואה. און נאָכדעם שטייערן: פאַר פרוכט-ביימער, פאַר פיש-פאַנג, פאַר יאַגד, זיידן-ווערעם, בינען, פאַר וואָל, אייער פאַר פענסטער און קוימענס.

„שאָף האָט אָנגעהייבן פאַרשווונדן צו ווערן אינמיטן העלן טאָג. די פּאָטעראַס פלעגן אָנקומען, כּדי אויסצוזוכן די גנבים, אַזוי צו זאָגן. ס'איז אויסגעקומען זיי אויפצוהאַלטן און געבן צו עסן. אונדזערע שענסטע מיידלעך זענען פאַרגוואַלדיקט גע-וואָרן דורך דידאָזיקע אויסוווּרפן. מיר האָבן געשיקט אָנקלאַגעס אין ד י וו אַ ן. די אָנקלאָגערס האָט מען צעבראָכן די ביינער מיט טאָפּוזעס.

„דעמאָלט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער טעראָר, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער געגנט, איז שוין פון לאַנג געווען אַן אַלגעמיינער געזעץ אויף דער גאַנצער רומע-נישער ערד, נישט אָפּהענגיק דערפון, ווער ס'זענען געווען די

*) אַלטע גריכישע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל; פון זייער סביבה האָט מען באַשטימט גאָספּאָדאַרן אין מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע.

אָנפירער: גריכן אָדער רומענער. און אויב מיר האָבן פריער דערפון קיין השגה נישט געהאַט, איז עס אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען און דעם איינפלוס פונם אַלטן גאָספּאָדאַר. זיין זון, ווערנדיק אַ מיטגליד פונם ד י וו אַ ן, האָט ער געהאַנדלט מיטן בלוט און מיטן שווייס פון זיין אייגן פאָלק, האָט פאַרקויפט אַמטן און זיך געהייסן דערפאַר גוט באַצאָלן. נאָכמער, מיט זיין הסכמה, האָט זיין אַרענדאַר דורכגעפירט דעם אַקער איבער אונדזערע פעלדער, אויסלאַכנדיק זיך פון אונדזערע גרענעצן און פון אונדזערע פריווילעגיעס. ער האָט געוווּסט, אַז אויף אונדזערע פּראָטעסטן אין ד י וו אַ ן, האָט זיין מיטהעלפער אָפּגעענטפערט מיטן ט אָ פּ ו ז.

* *
*

„אין דריי יאָר אַרום האָט מען אונדזער געגנט נישט געקענט דערקענען. דער טעראָר האָט אָנגעמאַכט אַ גרעסערן חורבן, ווי די עפּעדעמיעס, טרוקנקייט, פאַרפלייצונגען און שריפות. די באַפעלקערונג האָט אָפּגעהאַקט און פאַרברענט אַלע פרוכט-ביימער. די זינגענדיקע פויגל און די באָטשאַנעס זענען פאַרשווונדן געוואָרן. מען האָט בלויז געהערט די זשומעריי פון בינען. מען האָט מער נישט געזען די טויזנטער ווייסע זייד־ווערעם, וועלכע מען האָט אויסגעלייגט אין גרויסע רייען, זיי זאָלן פרעסן בלעטער. פאַרשווונדן זענען געוואָרן סטאַדעס קי, וואָס פלעגן זיך אָוונטצייט צוריקקערן פון געמייזעכץ. אויס פריילעכע חתונות, וועלכע האָבן געדויערט אַכט טעג! אויס טויף-צערעמאָניעס, בעת מען פלעגט פאַרבייגייער פאַרבעטן אויף אַ גערבאָטענעם אינדיק און אויף אַ גוט גלעזל ווייַן! אויס נדבות! די אומפאַרגעסלעכע סעפּטעמבער־נעכט פון אונדזער קינדהייט, בעת מען בראָט זאַנגען פון גרינעם מאַיס און מען האָרכט די קולות פון גרילן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויעריקע לינות. ווי נאָר דער פויער, אַפילו דער אָנשטענדיקסטער, האָט פאַרלוירן זיין באָדן און זיין

פאַמיליע איז געשענדעט געוואָרן, פלעגט ער גאַנצע טעג שיכּורן, אָפּליגנדיק טעג און נעכט אין שענקען, וועלכע זענען געוואָקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. דעם טאָפּוז, וואָס מען האָט פריער באַנוצט בלויז אויף ספּעקוליאַנטן, האָט איצט געבראָכן די גלי־דער פון די איינוואוינער, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן קיין שטייערן. יעדער פויער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז אים וועט אויסקומען דאָס גאַנץ לעבן זיך צו שלעפּן אויף קוליעס. אַנדערע פלעגט מען אויפהענגען פאַר די פיס, מיטן קאָפּ אַראָפּ, קאָפּטשענדיק אונטער אים פעפער אויף קוילן. מען פלעגט אַרונטערלייגן געקאָכטע אייער אונטער די פאַכוועס. מען האָט געהאַקט אין די שפּיצן פון די פינגער און אונטער די נעגל אַריינגעשטעקט שטעכלעך.

„אונדזער משפּחה האָט זיך פאַרקלענערט אויף אַ העלפט. אַזוי ווי מען האָט אונדז געהאַלטן פאַר גבירים, האָט זיך די געצנדינערישע מחנה אויף אונדז געוואָרפן מיט דער אכזריות פון וואַנדאַלן. מיין טאַטע איז געשטאָרבן אונטערן טאָפּוז און צו דערדאָזיקער שטראָף איז נאָך צוגעקומען דאָס קאָפּטשען פון פעפער אונטער זיין קאָפּ. מיינע דריי עלטערע ברידער זענען דערהרגעט געוואָרן, וועלנדיק פאַרטיידיקן מיין טאַטן. צוויי שוועסטער זענען נעלם געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שום שפּור נאָך זיך. נאָך צוויי שוועסטער האָט מען אַוועקגע־רויבט און פאַרגוואַלדיקט; ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום זענען זיי צוריקגעקומען קראַנק אויף שווינדזוכט און, אַריינלייגנדיק זיך אין בעט אַריין, האָבן זיי זיך שוין מער נישט אויפגע־הויבן. דער יינגסטער ברודער איז צופעליק דערטרונקען גע־וואָרן. אויף אַזאַ אופן בין איך צו צוואַנציק יאָר געוואָרן דער עלטסטער אין דער משפּחה, האָבנדיק אַרום זיך פינף ברידער, צוויי שוועסטער און אַ מאַמע, וועלכע האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין וויינען.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער גרעסטער אומגליק. אגב האָבן זיך אַלע געריכט אויף דעמדאָזיקן אומגליק, און ער איז געוואָרן אַרויסגערופן, ווייל מען האָט נישט געצאָלט דעם

אַראַטשיו דעם פּאַשאַ פֿון רושטשוק. די טערקישע מחנות, וואָס דער טיראַן האָט אַרויסגעשיקט, האָבן פֿאַרפּלייצט דאָס לאַנד.

„איר ווייסט דאָך, אַז דער רומענישער פּויער האָט אין זיך אײַנגעשאַפּטן פֿון אַ הונט. ער וועט פֿאַרטראָגן קלעפּ, ער וועט גאַנצע טעג נישט עסן, אַבי מען זאָל אים לאָזן זײַן היים. די היים מעג זײַן אַ קאַלטע, אַ רויִנירטע: אַ הויז אָן פֿענס-טער, אַ הויף אָן שלעסער, אַן אומברחמנותדיקער גורל, און דאָך פֿאַרבלײַבט ער דאָרט, דרייט זיך, לויפֿט, האָפֿט. דאָס איז זײַן נאַרע. אָבער אײנם טאָג, ווען דער גורל צווינגט אים צו פֿאַרלאָזן דידאָזיקע נעסט פֿון זכרונות און גײן וואַנדערן איבער דער וועלט — זאָל זײַן אין זײַן אייגן לאַנד — דעמאָלט קומט אַ סוף צו זײַן גלויבן אינם גאָט פֿון זײַנע אבות.

„אין אַן אַפּריל-אָוונט, ווען ס'פֿעלן אייך די ברייטע באַאַרבעטע פֿעלדער און די לערכע, איז געקומען צו רייטן אויף אַ פֿערד אַ מענטש, אָן אַ היטל, אײַנגעהילט אין שמאַטעס און אויסגע-שריגן:

— קריסטן! אַנטלויפֿט! אַנטלויפֿט שנעל! מיט זון-אויפֿ-גאַנג גײען די טערקן אַריבער דעם דונײַ, בײַ זימניצע, און גײען צו אונדז. אויפֿן וועג נעמען זיי צו אַלץ, וואָס דאָרט געפֿינט זיך, הרגענען מענער, פֿאַרגוואַלדיקן פֿרויען, ברענען הײַזער! טראָגט דידאָזיקע ידיעה ווײַטער און לויפֿט! איך קער זיך אום צוריק צו זיך. ווי איז צו דעם, ווער ס'וועט נישט זײַן קיין בעגזשאַרי*) אײדער די זון פֿאַרגייט.

„ווען מען זאָל די פּויערים מעלדן, אַז כוואַליעס פֿון דונײַ, הויך ווי הײַזער, רוקן זיך אויף זיי אָן, וואָלטן זיי נישט געווען אין אַזאַ פֿאַרצווייפֿלונג. ווײַבער זענען אַוועקגעלאָפֿן צו זייערע קינדער, מענער האָבן געהייבן זייערע פֿויסטן צום הימל.

— רחמנותדיקער גאָט! מיט וואָס האָבן מיר זיך פֿאַר

---

*) פּליטים.

דיר פארזינדיקט, וואס דו שיקסט אן אויף אונדז אזא אומ-גליק!

„די קלויסטער־גלאקן האבן אנגעהייבן אן אויפהער צו קלינגען. דאס איז געווען א קלאנג פון א לוויה-יאמעריי, וואס האט זיך אויסגעמישט מיט געשרייען פון ווייבער, מיט גע-וויינען פון קינדער, מיט א געבילעריי פון הינט, וואס זייערע צעטומלטע באלעבאטים האבן אליארמירט. מען האט געשחטן חזירים און עופות, כדי אנצוגרייטן זיך פראוויאנט. אין גרויסע קעסלען האט מען געקאכט מאמאליגע און בלויז עטוואס בא-זאלצט, כדי עס זאל זיך נישט וועלן טרינקען, ווער ווייסט אויף וואסערע וועגן אן וואסער! ביי דידאזיקע הכנות האבן די ווייבער אהין אריינגעגאסן אביסל געזאלצענע טרערן.

„אין א סך הייזער זענען שוין נישט געווען קיין מאנס-בילן און אויב עס איז יא געווען, זענען זיי געווען קאליעקעס, מיר האבן געמוזט גיין העלפן די פרויען אנלאדן זייערע וועגן. די גליקלעכסטע אין דעמדאזיקן אומגליק זענען געווען די, וועלכע האבן נישט געהאט קיין וואגן, קיין שאף, קיין פאר־מעגן. זיי האבן גענומען א זאק און א שטעקן און זיך געלאזט אין וועג אריין.

„אינם זכרון פון אונדזער דור, האט דאס דארף באקו-מען אן אויסטערלישן אויסזען. אלע הייזער זענען אויסגעליי-דיקט געווארן, ווי בעת א שריפה, הגם קיין איין אייניציק הויז האט נישט געברענט. פרויען, וועלכע האבן זיך נישט געקענט אפשיידן פון די זאכן, וואס האבן זיי אמאל געקאסט א סך טירחה, האבן מיט זיי אנגעפאקט די וואגנס. די מענער האבן געשליידערט אויף דער ערד אלץ, וואס זיי האבן גע-האלטן פאר איבעריק. עס האבן אויסגעבראכן געשלעגן. א סך ווייבער האט מען געשלאגן. דער גלח איז ארומגעלאפן פון איין הויז צום צווייטן, האט אונטערגעהאלטן די שוואכע, בארויקט די אויפגערעגטע, געשטופט די אפגעשטאנענע. זיין אלטקייט און זיינע צרות האבן אין אים דערוועקט מיטגעפיל, און ס׳איז אויסגעקומען, גלייך גאט האט אים אין יענעם טאג

געשיקט. פלינק, ווי אַ יונגער, איז ער אַרומגעלאָפן איבערן ישוב מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, די גרויע האָר צונויפגעפלאָכטן אין צעפּ, די סוטאַנע פאַרשאַרצט און מיט ברענענדיקע אויגן האָט ער געשריגן אין יעדן הויף:

— נעמט אָן פאַרליב דאָס, וואָס דער הימל שיקט אייך! היינט איז די וואָך פון קריסטוסעס ליידן! דערמאָנט אייך וועגן זיינע יסורים! איך נעם עס אַלץ אָן צוזאַמען מיט אייך... איך וועל אייך נישט פאַרלאָזן... איך וועל זיין אין דער שפּיץ פון דער בעזשענאַרי, אויפן וועג פון אונדזער גאָלגאָטע...

„און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

„מיטאָגצייט האָט זיך דער צוג געריערט. אין דער שפּיץ איז געגאַנגען דעם גלחס וואָגן, — אונדזער קלויסטער. אויבן־אָן אויפן וואָגן האָט זיך דערהייבן דער קרוציפיקס, וואָס איז גע־האָנגען אין זיין שלאָפצימער אין משך פון זעכציק יאָר. גע־קליידט אין זיינע גלחישע מלבושים, די קטורת־פאַן אין איין האַנט דעם קלויסטער־צלם, באַזעצט מיט טייערע שטיינער אין דער צווייטער, האָט ער געגעבן אַ ווונק, מען זאָל רירן, און אַליין אַוועק פאָרויס זיינע אָקסן, וועלכע זענען געווען ווייס, ווי שניי. זיין איינציקער זון, צוליב וועלכן די מאַמע איז געשטאָרבן פון קינפּעט, האָט איצט געפירט די אָקסן מיט דער הילף פון אַ שטריק, וואָס איז געווען דורכגעצויגן דורך זייערע הערנער.

„נאָך דעמדאָזיקן הייליקן וואָגן זענען צופוס געגאַנגען אַ מחנה בעזשענאַרן מיט זעק אויף די פּלייצעס און מיט שטעקנס אין די הענט. נאָכדעם וואָגנס מיט משפחות, ווו דער עלטסטער איז געווען אַ קאַליקע, ווייטער וואָגנס מיט אלמנות און יתומים. צום סוף האָבן זיך געצויגן די גליקלעכע משפחות, וועלכע האָבן געהאַט עטלעכע געזונטע מאַנסבילן.

„אַלע וואָגנס זענען געווען באַדעקט און איבערגעלאָדן פון משא. חוץ זיינע אייגענע זאַכן, האָט יעדער איינער עפּעס געדרן גענומען ביי זיין אומגליקלעכן שכן, וועלכער האָט געמוזט גיין צופוס: דעקעס, מלבושים, סונדוקעס, קוקורוזע־מעל. אויף יעדן

וואָגן פון הינטן זענען געהאָנגען טרוקענע קוקורוזע־זאַנגען, וואָס האָבן געדאַרפט דינען אַלס שפייז פאַר די הינט, אין פאַל ווען מען וועט נישט האָבן קיין בעסערע זאַכן, זיי צו געבן. דידאַזיקע אָרעמע חיות, די געטרייע פריינט פונם מענטש (פונקט פאַרקערט ווי די קעץ, וואָס האָבן גאָרנישט געפילט און פאַרבליבן אין די פוסטע הייזער), זענען גיך אויפגעשפרונגען, האָבן פאַרשטאַנען די טרויעריקע לאַגע פון זייערע באַלעבאַטים און זיי נאָכגעגאַנגען. איצט, צווישן די רעדער פון די וואָגנס, כמעט באַוווסטזיניק פונם אומגליק, זענען זיי טרויעריק גע־גאַנגען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, דעם ווידל צווישן די פיס, פאַרטויבט פון די אַקסן־סקריפּעריי, וועלכע זענען געווען קנאַפּ אָנגעשמירט, נישט געקוקט אויפן טאָפּ סמאָלע, וואָס האָט זיך איראָניש געוואָרפן ביי דער זייט פון יעדן וואָגן.

„די געשרייען פון די קינדער, די געוויינען פון די ווײַ־בער, די קללות פון די מענער, וועלכע זענען געגאַנגען צופוס און אויפגעקליבן די אַראָפּגעפאַלענע זאַכן – אַט דאָס איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פונם לעבן פון איינעם פון די שענ־סטע ישובים אין אונדזער געגנט. דאָס איז איצט געווען אַ לעבן פון ציגיינער, בלאָנקענדיק אויף די וועגן אָן אַ שום ציל. און פאַרוואָס? צוליב דער שולד פון איין מענטש, אַ פריץ, אַ רומענער, אַ געדעכעניש פון אַ באַרימטן ציידן! איך האָב זיך דערמאָנט די ווערטער, אַרויסגעזאָגט ביי אונדזער טיש דורך דעם גרויסמוטיקן טאַטן פון דעמדאָזיקן אוממענטשלעכן זון: „קעגן דעם אומגערעכטיקן, אכזריותדיקן, גייציקן מענטש דאַרף מען קעמפן און אים פאַרטיליקן... דאָס שלעכטס איז נישט גאָטס אַרבעט”...

„מיין באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, אָבער דאָך בין איך אַוועק זיך שואל־עצה זיין מיטן גייסטלעכן אָנפירער פון די בענזשענאַריס, מיטן אַלטן גלח, וועמען איך האָב אי־בערגעגעבן די אויבנדערמאָנטע ווערטער פונם טויטן באַיאַר.

נאָך אַ זעקס־שעהדיקן גאַנג, האָבן מיר זיך געפונען אויפן ערשטן גרויסן אָפּשטעל, אויף די קאַלוגאַרעני־הויכקייטן, וואָס קוקן אַריין אין דונײַ. אַ נאַכט אַ שווערע, אַ פינסטערע, פּונקט ווי אונדזער מזל. בײַ יעדן וואָגן האָט געברענט אַ לאַמ־טערן... יעדע נשמה האָט געזוכט אונטערשטיצונג... אפילו די הינט האָבן געבעטן נישט אַזאַ בייזן בליק. עפּעס אַ פרוי האָט פאַרטריבן איר הונט, שלאָגנדיק אים מיט די פיס. דאָס אומגליק־לעכע באַשעפעניש האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט אין דער פינס־טערניש, געבליבן שטיין, געקוקט מיט הכנעה, נישט ווויסנדיק פון וואָס צו זאָגן. דער גלח האָט געזען דידאָזיקע סצענע און געוואָרן פאַרטרויערט ווי איך.

— פאַרוואָס טרײַבסטו אים, מײַן טאָכטער?

— ווײַל איך האָב אים גאָרנישט וואָס צו געבן, אפילו קיין קוקורוזע־זאַנג!

— אָבער ער בעט דאָך פון דיר נישט עסן... ער וויל דיך נאָכגיין... קענסטו אים אָפּזאָגן אין דערדאָזיקער טרייסט?

„פאַר אַזאַ מין פאָרוואורף, האָט זיך די פרוי פאַנאַנדער־געוויינט. איך האָב אָפּגערופן דעם גלח אָן אַ זייט און אים געמאָלדן וועגן מײַן באַשלוס — אַוועקגעצופּאָרן צו די היידוקן.

— איך וועל נקמה נעמען פאַר מײַן טאַטן, פאַר מײַנע ברידער, פאַר מײַנע שוועסטער... און אויך פאַר אַנדערע קרבנות...

— ווער וועט באַשטראָפט ווערן?

— אַלע! ווער ס'זאָל נישט זײַן: רומענער, גריכן, טערקן, די אַלע, וועלכע זענען אומגערעכטיק, אכזריותדיק, גײַציק.

„דער זקן האָט מיר גאָרנישט אָפּגעענטפערט. אַ הויכער, אַ גלײַכער, איז ער געשטאַנען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט; זײַנע אויגן זענען געווען אָנגעצילט אויפן דונײַ, אויף זײַן קלויסטער, אויף זײַן דאָרף, בעת זײַן לאַנגע באָרד האָט גע־פלאַטערט אויפן ווינט. ער האָט פּאַוואָליע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די ציטערנדיקע פײַערן פון די לאַמטערנס, וואָס זענען

געווען צוגעטשעפּעט צו די וואַגאָנס, און ער האָט זיך פאַרטראַכט. אין דערזעלבער רגע האָבן זיך פלאַמען באַוויזן אויפן האָריזאָנט, צוערשט קליינע, נאָכדעם אַלץ גרעסער און גרעסער. איך האָב זיך צוגערירט צו זיין אַקסל.

— קוקט פּאָטער: פּוטינעו און סטאַנעסטי ברענען.

„ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, און האָט באַטראַכט די שריפה צווישן די געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע וועגן. און אַרויפלייגנדיק ביידע הענט אויף מיינע אַקסלען, האָט דער גלח דעמאָלט צו מיר געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול:

— גיי, מיין זון, גיי צו די היידוקן! און באַשטראָף די שלעכטע! אמת: דאָס שלעכטס איז נישט גאָטס אַרבעט.

* *

*

„איך בין אַוועק, נאָכדעם ווי איך האָב איינגעאָרדנט מיין משפחה אין אַ זיכערן אָרט. אָבער אין אַ משך פון פופצן יאָר צווישן די היידוקן, אונטער קאָסמאַס אָנפירונג, האָב איך נאָר באַשטראָפט קליינע רוצחים. די גרויסע זענען נאָך גענוג שטאַרק

„און כ׳לעבן, איך וויל נישט שטאַרבן, איידער איך וועל צעשמעטערן דאָס, וואָס ס׳איז אויסגעפאַלן אויף מיין חלק!"

. . . .

אַלע היידוקן האָבן זיך אויפגעהייבן.

— זאָל לעבן מאָווילאַ! זאָל דיר גאָט העלפן אין דיין אַרבעט! און אויב גאָט וועט דיר נישט העלפן, וועלן מיר דיר העלפן!

....

ירמיהו, דער זון פון וואַלד

ביי אַן אַלגעמיינער שטילקייט, האָט פלאָרעא קאָדרילאָר מיך באַטראַכט מיט אַן אומרויקן צאַרטן בליק.

— ירמיהו, זון פון וואַלד! קאָסמאַס זון און מיין זון! ביי די היידוקן האָט די אָפּשטאַמונג קיין שום פּריווילע־גיעס נישט. דאָ קען נאָר געגעבן ווערן די איינציקע בכורה: צו פאַרנעמען די ערשטע רייע, בעת אַ שלאַכט. דו וועסט דאָ נישט שפּילן די ראָל פון אַ בעיזאַדע*). אויב איך האָב דיך, נישט געקוקט אויף דיינע יונגע יאָרן, פאַררעכנט צווישן מיינע ראַטסלייט, איז עס בלויז צוליב דיינע פעיקייטן און צו־ליב דיין דרייסטקייט. מיר רעכענען אויף דער גרויסמוטיקייט פון דיין בלוט, אין די שעהן פון שוואַכקייט, וואָס שטייען אונדז פאָר.

ווער דו ביסט, ווייסן מיר אַלע. זאָג אונדז נאָר פון וואָס דו טראַכסט, אין וואָס דו גלויבסט.

איך האָב זיך אויפגעהייבן: עטוואָס שטאָלץ דערמיט, וואָס מען האָט מיר צוגעגעבן, עטוואָס געפאַלן ביי זיך דער־פון, וואָס מען האָט מיר פאַרלייקנט און זייער צעפרידן דער־פון, וואָס איך בין.

---

*) דעם סולטאַנס זון. אין ברייטערן זין פון וואָרט: דער זון פון אַ וואַסאַל־פירשט, וואָס האָט געוועלטיקט אין די דונייער פירשטנטומס.

אמת טאַקי, איך בין נישט געווען קיין **בעיזאַדע**, אָבער דאָך האָב איך געהאַט אַ בויך נישט ווי ביי אַלע. און אויך די אָפּשטאַמונג: קאָסמאַ איז דאָך געווען אַ סולטאַן פון קאָפּ ביז צו די פיס. די דריי זאַכן, וועלכע האָבן געמאַכט קאָסמאַן, מאַכן אויך סולטאַנען אין אַלע צייטן, דאָס הייסט: אַ חוצפּהדיקע האַלטונג, אַ גרויסע צאָל ווייבער און געוויסנלאָזיקייט. איך בין געווען פון דעמזעלבן מין.

איך האָב אָפּגעענטפערט אויף דער פאַרבעטונג.

ירמיהוס דערציילונג

„איר מיינט, אַז איר ווייסט ווער איך בין. איר הייבט נישט אָן צו וויסן.

„איך בין אַ געבוירענער היידוק און נישט קיין געמאַכ־טער. מיין מאַמע איז דער וואַלד. מיין לעבן — די פרייהייט. קאַסמאַ האָט מיך געפונען אויף אַ וויסטן וועג, בעת איך בין געוועזן אַ קינד פון צוויי יאָר. איך האָב נישט געוויינט, איך האָב בלויז געשטוינט. קאַסמאַ האָט מיך אַריינגעלייגט אין זיין זאַק און מיך געשפייזט מיטן זאַפט פון פלייש און וויין. צו זעקס יאָר האָב איך געקענט שווימען ווי אַ פיש; צו עלף יאָר האָב איך אַרויסגעלאָזט די ערשטע קויל פון אַ מושקעט, פאַרן פרייז פון אַ שטאַרקן ווייטיק אין די דזיאָנסלעס; צו צוועלף האָב איך געקעמפט מיט דער פּאָטעראַ און גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

„אין דידאָזיקע צוויי יאָרן פון שרעקלעכער אָפּהענגיקייט, האָט מיר דאָס לעבן געגעבן אַ גוטע לעקציע. יאָ, אַלס געפאַנ־גענער אינם הויף פון אַרכאָנט סאַמוראַקיס, האָב איך זיך אויסגעלערנט צו דערקענען מענטשן. און דאָס וואָס איך האָב געטראַכט אין יענער צייט און וואָס איך טראַכט נאָך איצט, וועט אייך זיכער נישט פאַרשאַפן קיין שום פאַרגעניגן.

„קודם, מיין ליבע צו אומאָפּהענגיקייט פירט צו אומדאַנק־באַרקייט. איך האָב נישט ליב מיט קיין זאַך צו זיין מחויב קיינעם. מען האָט מיר געגעבן דאָס לעבן און מען האָט מיך

נישט געפרעגט, צי איך וויל עס. און אויב די שולדיקע פון מיין לעבן וואָלטן זיך געקענט פרייען מיט אַלע מיינע פריידן, וואָלט זיי געווען אוממעגלעך צו ליידן מיט מיינע קלענסטע יסורים. ווען מען האָט מיך פאַרווונדעט, האָט מיך קאָסמאַ פאַרלאָזן און אַנטלאָפן געוואָרן. איך האָב געקענט געהרגעט ווערן און ער וואָלט געלעבט. יאָ, ער האָט געפירט אַ גוט לעבן, בעת איך בין אָפּגעשטאָרבן ביים אַרכאַנט. מיין פאַר־שקלאַפטקייט, ערגער פון טויט, האָט אים נישט געשטערט צו עסן פאַר פיר און אַרומשלעפן זיך ווי אַ קאָטער.

„דאָסזעלבע וועגן מיין מוטער. די צופעליקייטן פון לעבן האָבן זי געבראַכט אין אַ הויז, וואָס איז פאַר איר זון זינט צוויי יאָר געווען אַן אמתער גיהנום, אין זי האָט זיך דאָרט געוויינט ווי אַ פרינצעסן. אָבער זיי זענען דאָך געווען מיינע עלטערן און איך בין געווען זייער זון. פאַרוואָס עפּעס זייער זון און נישט פון קיין אַנדער איינוווינער פון דער ערד? אפשר דער־פאַר ווייל ס׳איז זיי געווען אָנגענעמער צו זען מיך אויף דער פריי, ווי פאַרשקלאַפט? נאָר וואָסער מענטשלעכע ווענז, וואָס האָט זיך פאַרדינט דעמדאָזיקן נאָמען, וואָלט נישט געוואָלט זען זיין נאָענטן אַ געזונטן איידער אַ קראַנקן? אַגאַנצן און נישט קיין קאַליקע? איך טראַכט, אַז דאָס איז איינע פון די קלענסטע מידות־טובות, וואָס מען קען פאָדערן פון אַ מענטשן, און דאָס אַלץ.

„צוּוואָס, אַלזאָ, די גאַנצע מעשה וועגן קרובהשאַפט? איך געפין נישט צווישן אַ טאַטן און זון דידאָזיקע פאַרבינדונג, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם קאָפּ און דעם קערפּער. און די אַלע איבעריקע פאַרבינדונגען זענען בלויז שקר. איך בין צו זיי קאַלט. איך וויל נישט זיין אָפּגענאַרט, ווי דידאָזיקע יתומים, וועמען מען גיט אַדאָפּטירטע עלטערן.

אָט איז אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו קרובהשאַפט.

„און איז בין פונקט אזוי קנאפ גרויסמוטיק בנוגע דעם פאלק, װעלכן איר װילט באפרײען און פאר װעלכן איר װילט נקמה נעמען. איך דא האט נישט מײן הארץ קײן שום התלהבות. ס'איז נישטא קײן שום פארבינדונג צװישן מיר און דער מענטשלעכער טשאטע, װאס האט געמעקעט אויפן הויף פונם ארכאנט סאמוראקיס. איך בין א הײדוק פאר זיך און נישט פאר אנדערע. זאלן זײ אויך װערן הײדוקן, אויב זײ זענען נישט געבוירן געװארן אזעלכע. איבעריקנס, שטעל איך זיך די שאלה: װיאזוי קען מען זײן א הײדוק פאר אנדערע. א רומעניש שפריכװארט זאגט: מיט כוח קען מען צו־נעמען בײ אײנעם, אבער מיט כוח קען מען אים נישט געבן. און נאך א שפריכװארט: נישט כדי צו פארשאפן פארגעניגן א טויבער זקנה, קלינגט דער פריסט זעקסאונדרײסיק מאל צום אנ־געלוס.

„אין היפוך צום פריסט, קלינגט פאר טויבע, װיפל אײער הארץ גלוסט. און אויב אײער הארץ זאגט עס אײך אונטער, דינגט אײך אן, איר הײדוקן, אויפן טאג צום מענטש, װעלכער האט דעם כוח זיך צו קראצן אין קאפ, װען ס'בײסט אים. ס'איז מעגלעך, אז איר זענט אפאסטאלן. אבער איך האב קײן שום חשק נישט צו זײן אן אפאסטאל.

„דאך װעל איך אײך באװײזן, אז איך האב געהאט דעם װילן, צו העלפן א געפאלענעם.

* * *

„װען ס'איז אריבער א יאר און איך האב דערזען, אז קאסמא װײזט נישט ארויס קײן שום סימנים פון לעבן און האט גארנישט געטאן, כדי מיך צו באפרײען פונם ארכאנטס געפענגעניש, האט א משוגענער געדאנק באהערשט מײן מוח: פארזײען דעם קערנדל פון אויפשטאנד צװישן די שקלאפן, זײ צעבונטעװען, אטאקירן די װעכטער אינמיטן נאכט, אנצינדן

דאָס הויז — און מיר זאָלן אַלע אַנטלויפן, לויפן אין וואַלד אַריין!

„איך האָב צו זיך געזאָגט: דידאָזיקע מענטשן, נישט ערגער פון די לעצטע לאָסט-חיות, דאַרף בעסער שמעקן די פרייהייט. ס׳איז באַוווּסט, אַז זיי זענען פּחדנים, אָבער אויב אַן אָנפירער וועט זיך שטעלן אין דער שפּיץ און וועט זיי שטופּן, וועלן זיי גיין. איך וועל זיין דערדאָזיקער אָנפירער.

„אַך! שיינער חלום! איך האָב געזען אַ צעשמעטערטע גוואַרדיע; אַ פּאַלאַץ אין ברענענדיקע חורבות; אַן אַרכאָנט ביי מיינע פיס, וועלכער האָט געבעטן רחמים, איך זאָל אים שענקען דאָס לעבן. דאָס גאַנצע לאַנד באַגריסט דידאָזיקע מוסטערהאַפטע העלדישקייט. קאָסמאַ חידושט זיך, ער איז דערנידעריקט. איך בין אַ העלד צו פערצן יאָר!

„איך האָב געוווּסט, אַז מיין לעבן איז געשטאַנען אין שפּיל, אָבער דאָס לעבן פון אַ געפאַנגענעם, אין אַ הויף מיט הויכע ווענט, האָט מיך מער נישט געוואָרעמט. טאָג און נאַכט האָב איך אויסגעאַרבעט דעמדאָזיקן פּלאַן, וועלכער איז געוואָרן דער זין פון מיין לעבן. ענדלעך, נאָך אַן אומרויקער וואָך, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרטרויען מיין פּלאַן צוויי אויסדערוויילטע מענטשן. דאָס זענען געווען צוויי חברים פון שטאַל, פלינק ווי איך, וואָס האָבן זיך פיינט געהאַט צו בוקן און אָפּטמאָל זיך אויפגערעגט קעגן זייער לאַגע. איך האָב פאַר זיי געהאַט דרך־ארץ. זיי זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן אויף מיר רחמנות געהאַט און גייציק אויסגעהאָרכט מיינע מעשיות וועגן גזלנים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קען זיי.

„ווי נאָר די אָרעמע פריינט האָבן פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, זענען זיי בלאַס געוואָרן, זייערע פּנימער האָבן זיך אויסגעצויגן און זייערע אויגן האָבן אָנגעהייבן אויסצומיידן מיין בליק. דער מער דרייסטער פון זיי האָט געוואַגט מיר צו זאָגן:

— מיר ריזיקירן זייער פיל... מען וועט זיך דערוויסן

און מען װעט אונדז אויפהענגען. דו װײסט נישט, װאָסערע מענטשן דאָס זענען. דאָ בעט מען גאָט פאַרן געזונט פונם באַלעבאָס, װאָס גיט עסן, װאָס זאָרגט פאַר אַלעמען. מען קען גאַנץ װײט נישט אַװעקגײן מיט מענטשן, װאָס זאָגן צו זיך יעדן טאָג: דאָס שלעכטס איז נישט קײן גוטע זאַך, אָבער אָן דעם שלעכטס װאָלט געקענט זײן ערגער!

„אַ געדאַנק פון אַ געבוירענעם קנעכט... איך בין אַראָפּגעפאַלן פון הימל, כ'האָב זיך פאַרשלאָסן אין מײן כאַטקע און אַרײנגעפאַלן אין פאַרצװײפלונג.

„אויפצומאָרגנס אינדערפרי, האָט מיך דער אַרכאָנט גערופן און, צו מײן גרויס פאַרװוּנדערונג, האָט ער מיר געגעבן צו װיסן, אַז ער װײסט פון מײנע פּלענער.

— אָרעמער יונג! איך האָב אויף דיר רחמנות, אָבער איך קען גאָרנישט העלפן! — האָט ער פאַרענדיקט.

„דידאַזיקע פריצישע גוטסקײט, דערדאַזיקער דערהײבענער מיטגעפיל, האָט נאָך מער דערװעקט מײן שנאה צו די מענטשלעכע מנוולים. איך האָב אָפּגעענטפערט:

— יאָ, איך האָב דיך געװאָלט שמידן אין קײטן און אַװעקשלעפן דיך צו קאָסמאַן, אָבער דאָס קען בלויז געטאָן װערן מיט פרײע מענטשן און נישט מיט שקלאַפן?

און אויפגערעגט פון זײן רויקײט, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן צװײ פּיסטאָלעטן אין זאַל, װוּ מיר האָבן זיך געפונען און זיך געװאָרפן צום פענסטער, כדי אויסצושיסן אין דער מחנה בהמות, װעלכע זענען געװעזן אויפגעזאַמלט אויפן הויף. אָבער דער אַרכאָנט האָט מיר געשטערט, מיט אַ שמײכל אויף די ליפּן.

— װאָס װילסטו טאָן? איבערשרעקן זײ? דערצו דאַרף מען נישט האָבן קײן כלי־זין. קוק!

„איך האָב אַ קוק געטאָן. ער האָט גענומען זײן פּעסקע, באַנײט מיט גאָלד, אַרײנגעלײגט אין איר אַ קלײן קרישטאָלן קײקעלע און אַ װאָרף געטאָן אין דער טשאַטע קנעכט. דאָס

פּאַלן פון דער פּעסקע אויפן הויף האָט געווירקט ווי אַ באָמבע: יעדער איינער האָט פּאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און אַנטלאָפן, וואוהין די פיס האָבן געטראָגן. ס׳האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— היט זיך! דער האַר איז אין כּעס!

— דו זעסט? — האָט צו מיר געזאָגט דער אַרכאָנט, פאַרבאַהאַלטן הינטער די פּאָרהאַנגען. — אַפילו נישט מיט קיין שקלאַפן האָסטו געוואָלט אַרויסטרעטן אין קאַמף קעגן מיר, נאָר מיט בהמות! זיי זענען בהמות. אין די אַקטן פון מיין פאַרמעגן שטייט געשריבן: „צוואַנציק טויזנט העקטאַר באָדן; צוויי טויזנט רינדער; פיר הונדערט שקלאַפן”. ס׳איז איינס און דאָסזעלבע. אָט דעריבער האָב איך מיט דיר מיטלייד. דער וואָס עס שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון בהמות איז אַליין אַ בהמה. אָבער דו ביסט דאָך אַ היידוק און היידוקעס זענען העלדן. זאָל זיי אַלעמען דער שוואַרץ יאַר נעמען! איך האָב זיי פיינט, אָבער זיי רופן צו זיך אַרויס דרך-ארץ, מען מוז פאַר זיי מורא האָבן. וויאַזוי האָסטו געוואָלט, כ׳זאָל זיך מורא האָבן פאַר מענטשן, וואָס דערשרעקן זיך פאַר מיין פּעסקע? באמת, איך בין אויפגערעגט קעגן דיין שטותעריי! ווען איך וואָלט פאַר דיר נישט געהאַט קיין דרך-ארץ, ווי מען האָט פאַר אַ העלד, וואָס שרעקט זיך נישט פאַרן טויט, וואָלט איך דיר אַרויסגעוואָרפן צו די ווילדע חיות, וועלכע וואָלטן דיך אין איין אויגנבליק פאַרצוקט. האָרך, וואָס עס זאָגט דיר אַ טיראַן: מען קען נישט פאָדערן פון שקלאַפן זיי זאָלן זיך גיין שלאָגן פאַר אַן אידעע. פאָדער פון זיי, זיי זאָלן שטאַרבן פון שרעק און זיי וועלן אַלע שטאַרבן. אָט דערויף שטיצט זיך די מאַכט פון סולטאַן, פונם וואָדאַ און פונם אַרכאָנט סאַמו-ראַקיס. איצט גיי אין דיין שטיבל און וואַרט דרייסט אויף דיין שעה! זי וועט קומען...

„איך בין אַוועק, אַ פאַרשעמטער, און געוואַרט אויף מיי,

שעה. זי איז געקומען, ווי איר ווייסט שוין, אָבער דורכן ווילן פון די דרייסטע.

„פון יענער צייט אָן האָב איך זיך אויסגעהיילט פונם טרוים, וואָס פאַרבינדט דעם גורל פון פרייע מענטשן מיטן גורל פון שקלאַפן. מיר זענען אַלע געקנאָטן פונם זעלבן טייג. דער וואָס ליידט ווייניקער פונם יאָך, ווי פון דער פרייהייט, זאָל ער בלייבן פאַרשקלאַפט: איך וועל אים נישט גיין ראַטע־ווען. די פרייהייט פאָדערט, מען זאָל זי פאַרטיידיקן, און איך וויים נישט, ווען פיינט האָבן און וועמען שטאַרקער האַסן, צי דעם וואָס הרגעט אַוועק די פרייהייט, אָדער דעם, וואָס האָט מורא זי צו פאַרטיידיקן.

„איך בין אַ היידוק בלויז פאַר די היידוקן!...“

אַ הײדוק

— און איך בין אַ הײדוק, כּדי צו פּאַרטײ־
דיקן די שקלאַפן!

— דערדאָזיקער אומגעריכטער ענטפער, וואָס האָט געקלונ־
גען פון צווישן די רײען פון אונדזערע חברים, האָט צוגעצויגן
אַלע בליקן אויף יענער זײט. אַ מענטש איז דאָרט געשטאַנען:

אַ הײדוק

ער איז געווען עלטער פון אונדז, אָבער קײנער וואָלט
עס אויף אים נישט געזאָגט, ווײל זײן שוואַרץ־פּלוילעכע
שעוועליור האָט כּמעט נישט געהאַט קײן גרויע האָר. זײנע
צײן האָבן געהאַקט אײלבערטן צוזאַמען מיט די בײנדעלעך.
מיט זײנע גלײכע שפּרײזן האָט ער געמאַכט ציטערן די ערד.
ער האָט געהאַט אַ פאַרגאַנגענהײט פון אַ העלד.

אויף אַלע פאַרחידושטע בליקן, אָנגעצילט אויף אים, האָט
ער אָפּגעענטפערט אַזוי:

דעם היידוקס תשובה

„איך וואָלט געוואָלט אָפּענטפערן דעמדאָזיקן יונגגמאַן, וואָס גרויסט זיך מיט זיין יחות און וועלכער וויל פאַרטיידיקן די פרייהייט בלויז פון די היידוקן.

„אָרעמע שקלאַפן! איך באַקלאָג זייער גורל. זיי וועלן, אַלזאָ, מער נישט געפינען קיין הילף ביי די פאַרטיידיקער פון אַלע אונטערדריקטע? בעת זיי פאַרערן גאָט און בעטן פאַר דער גאַנצער וועלט: פאַר די באַלעבאַטים, וואָס אונטערדריקן זיי, פאַר די היידוקן, וואָס האַסן זיי. אמת גערעדט, ווייסט בלויז דעם שקלאַפס האַרץ פון גרויסמוטיקייט, בלויז ער אַליין קען מוחל זיין!

„נאָך אַ וואָך פון צוואַנגס־אַרבעט, קען נאָך דער שקלאַף ווּנטיק לאַכן, זינגען, טאַנצן. נאָך אַ גאַנץ לעבן פון אָפּגעגאַרטע האָפענונגען אויף דער ערד, קען ער זיך נאָך טרייסטן, האָפנדיק אויף אַ בעסער לעבן אין הימל. רשעות און שנאה פאַרסמען אים נישט שטאַרק דאָס לעבן. ער איז פונקט ווי דער הונט: ס'איז גענוג, אַז דער באַלעבאָס שענקט אים אַ גוט וואָרט, און ער פאַרגעסט פון די שמיץ. ער פאַרגעסט אויך, אַז די פעלדער געהערן צו די פריצים, און די וועלדער — די היידוקן, און אַז ער ליפערט סיי די, סיי יענע קאָרן און פלייש, וויפל זייער האַרץ גלוסט.

„ס'פרעגט זיך אַ קשיא: וואָס נאָך דאַרפן די באַלעבאַטים

כּדי זיי זאָלן בעסער ווערן און די היידוקן — זיי זאָלן קענען מוחל זיין!

„אָט איז אַ יונגער זון פון וואַלד, וואָס קרוינט זיך מיטן נאָמען היידוק, אָבער ער וואָלט געקענט מיטן זעלבן דערפאָלג געבוירן ווערן אין אַ פּאַלאַץ. דער קאָדרו *), וואָס קעמפט טאָג און נאַכט מיט שטורעמווינטן, מיט בליושטש און צעפּוילונג — „דער קאָדרו, דעם רומענערס אַ ברודער", — האָט אים קיין שום זאַך נישט אויסגעלערנט: נישט פון זיינע קאַמפן, נישט פון זיין ברודערלעכקייט און נאָך ווייניקער פון זיין גרויסמוטיקייט. אַלזאָ, טאָ צוואָס טויג זיין שטאָלץ מיט דער איידעלער אָפּשטאַמונג? צוואָס דאַרף מען שטאָלצירן מיט דערדאָזיקער מוטער־שקלאַפין, וועלכע לייגט פאָר אַלעמען — סיי דעם פאַרמעגלעכן, סיי דעם גזלן — איר שאָטן און איר היץ, שפּייז און אַ מקום־מקלט, אויב מען טוט עס בלויז, כּדי צו באַדעקן זי מיט שנאה און איבערצולאָזן זי אין רשות פון די וואַנדאַלן? ווייל דער וואַלד איז אַ גרויסער שקלאַף, וואָס לעבט, כּדי צו פאַרשאַפן גליק דער אומדאַנקבאַרער וועלט: אויף זיינע צאָלרייכע מתּנות ענטפערט מען אים מיט אומדאַנקבאַרקייט, אַלע, אָנהייבנדיק פון אַ קינד, וואָס ברעכט אַ יונג צווייגל, די חיה, וואָס פרעסט זיינע בלעטער, ביז צו די פליגלדיקע געסט, וואָס באַשמוצן אים, און דעם הימל, וואָס שיקט אין אים זיינע בליצן. און דאָך, ענלעך צו דער מענטשלעכער סטאַדע, וואָס ירמיהו האָט פיינט, הערט דער וואַלד אויף קיין רגע נישט אויף צו קעמפן מיטן פיינטלעכן לעבן, וואָס צעשטערט אים, הערט קיינמאָל נישט אויף צו ליבן דעם גאָט, וועלכער באַציט זיך אַ סך בעסער צו לייז, ווי צו זיינע גרעסטע ווערק.

„אַזוי איז עס: בעת דער דאָרן באַוואָפנט זיך מיט

*) געדיכטער וואַלד.

טויזנטער שטעכערס, כדי צו פאַרטיידיקן זיין נוצלאָזע, עלנדע עקזיסטענץ, דעמאָלט דערפילט דער וואַלד זיין גורל, אונטער-וואַרפנדיק זיך זיין שליחות אויף דער ערד. אָבער בעת די האַק קלאַפּט אים פון אונטן, זינגט דער שפּיץ די לעצטע מע-לאָדיעס צו דער זון.

* *
*

„ירמיהו! דער היידוק, וואָס רעדט צו דיר איצט, איז אַ ממזר פון אַ שקלאַפין, אַן אָפּשטאַם פון אַ פּריצישן זון, (ווייל זי ווייסט אפשר נישט, אַז די אַדעליקע זענען אַזעלכע מענטשן, ווי מיר, נישט דאָ אַליין, נאָר אומעטום).

„אַלזאָ, איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו באַדינען די אַדעליקע, איך בין צו צען יאָר געקומען אין וואַלד און איך לעב שוין דאָ גאַנצע פופציק יאָר. איך האָב זיך געשלאָגן אונטער דער אָנפירונג פונם היידוק זשיאַנו, איך האָב געדינט דעם גרויסן פּאַנדור*) טודאָר וולאַדימירעסקאָ און געליטן די מפּלה אין קאָסמאַס שייקע, דאָס הייסט אין דיין טאַטנס שייקע. אַלע דריי זענען געווען טיראַנען און איך זייער שקלאַף. אמת טאַקי, זייער אכזריות איז געווען אַן איידעלע, אָבער מיר אַלס שקלאַף איז דערפון נישט געווען לייכטער. ס'איז אַלץ איינס, צי מען ווערט אויפגעהאָנגען דורך טודאָרן, צי דורכן אַרכאָנט סאַמוראַקיס. און אַט זעסטו, איך האָב זיך תמיד געבוזיגן, איך האָב תמיד אַריבערגעטראָגן די ערגסטע אומגערעכטיקייטן. איך האָב עס געטאָן, ווייל עס איז געווען אין נאָמען פון אַן „אידעע". איך האָב עס אויך געטאָן, ווייל... איך האָב מורא געהאַט. איך האָב צו זיך געזאָגט: ס'איז נישט גוט מיט שלעכטס, אָבער ס'וואָלט נאָך געווען ערגער אָן שלעכטס. פאַרגעס נישט, אַז איך בין געבוירן פון אַ מאַמע אַ שקלאַפין, און שקלאַפן זענען פחדנים. אָבער וויאַזוי קענען

*) אונגאַרישער זעלנער.

זיי זיין דרייסט? זינט דורות שרעקן זיי זיך, באַדנדיק זיך אין בלוט, זינט דורות שמייסט מען זיי און מען הרגעט זיי, דאָ די טודאָרס, דאָ די אַרכאָנטן.

„ווייל אין זאַך פאַרשטיי, מיין קליינער העלד: צי אין אַ טאָל, צי אין אַ וואַלד — אומעטום זענען דאָ באַלעבאַטים, וואָס הערשן.‟

. . . .

אַ שווערע נעפּלדיקע נאַכט האָט זיך אַראָפּ-געלאָזט אויפן פינסטערן טאָל. אין דער „בערן-מערה‟ האָט מען מער נישט געקענט אונטערשיידן די פּנימער פון די היידוקן.

ס ו ף